UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 102- Fall 1983 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/2xb6f44x

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 102(1)

**Publication Date**
1983

**Copyright Information**
Copyright 1983 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו




פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 102


האַרבסט
תשמ"ד

AUTUMN
1983



אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

עטל טאַפט, פרעזידענט • בערנאַרד, ווייסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER
837 W. Knoll Dr., Los Angeles' Ca. 90069

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ S. ZUCKERMAN & J. SHAFER


Subscription price: $5.00 per year

# אינהאַלט

זייט

לשנה טובה ___

ונתנה תוקף (פון מחזור) יידיש: ישראל גובקין ___ 3

ד"ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן: געדאַנקען וועגן דער פאָלקישער יצירה ___ 4

חנן קיעל / ניו־יאָרק: לידער ___ 5

בלומע לעמפּעל / ניו־יאָרק: דאָס וואַרטן אויפן שמאַטילניק (דערציילונג) ___ 10

איש יאיר / מאָנטרעאַל: בצחון לנצח ___ 12

ביילע שעכטער גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק: לידער ___ 19

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק: אַסימילאַציע און פּלוראַליזם אין אַמעריקע (די האַרוואַרד ענציקלאָפּעדיע פון אַמעריקאַנער עטנישע גרופּעס) ___ 20

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק: לידער ___ 21

מישעל נוטקעוויטש: מיין כעס איז איינגעפרוירן (יידיש: מלכה חפץ טוזמאַן) ___ 27

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק: די פאַרשווערונג קעגן ירושלים ___ 28

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק: לידער ___ 30

שלמה שוואַרץ / שיקאַגע: לידער ___ 33

סערגיי נוטקעוויטש: אין מיין „פּאַלאַצל" אונטערן... טיש (פון מיינע קינדער־יאָרן) ___ 34

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק: לידער ___ 36

משה שקליאַר: ווידער אין שול (פראַגמענט) ___ 38

משה עטינגער / ניו־יאָרק: לידער ___ 42

דניאל מאַרלין / בוירקלי: לידער ___ 48

לילי בערגער פּרעמירט פון יידישן פּען קלוב ___ 49

___ 50

(המשך ווייטער)

# אינהאַלט

(המשך)

## שרייבערס און ביכער


זלמן שלאָסער: אין געראַנגל פאַר אינטעגראַלער יידישקייט — 51

לייב טענצער / מאָנטרעאַל: דער לערער און דיכטער יעקב זיפּער ז״ל — 56

לילי בערגער / פּאַריז: שיר המעלות, אָדער אַרויף און אַראָפּ — 60

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאַל: הערות אויפן גליון און צווישן די שורות פון איטשע גאָלדבערגס בוך „עסייען" — 65

נייע ביכער און מעלדונגען — 81


## לזכר עולם


ס. נ.: תנחום ברייס ע״ה — 82

גרשון פרידמאַן: שלושים נאָך תנחום ברייס ע״ה — 83

קולטור אָוונט פאַרן שרייבער און לערער שואל גוטמאַן — 84

שנה טובה באַגריסונגען — 92-85


די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין


וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"
זיך ווענדן צו:

**SOL SCHLOSSER**

837 West Knoll Drive • Los Angeles, Calif. 90069

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל וויים

# חשבון
נום. 102
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גערשאָוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

39סטער יאָרגאַנג, נומער 102 • האַרבסט, 1983 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## ה׳תמש״ד 5744

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אונדזערע האַרציקסטע ברכות צו אַלע אונדזערע לייענערס, פריינד, מיטאַרבעטערס, און צו אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט צום נייעם יאָר תמש"ד. מיר ווינטשן זיי אַלע אַ יאָר פון געזונט, פרנסה און פון שלום אויף דער וועלט.

מיר שיקן איבער אונדזער טרייסט און דערמוטיקונג צו די יידן אין אַנדערע לענדער וווּ דער אַנטיסעמיטיזם טעראָריזירט און פייניקט יידן און אַנדערע קעמפער פאַר פרייהייט און רעכט.

ראש השנה איז אויך דער יום הזיכרון, דער טאָג פון דערמאָנען און געדענקען די פאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן אין פאַרשידענע צייטן און לענדער זיך מקריב געווען על קידוש השם און צו געדענקען אונדזער חוב פאַרן המשך און נאַציאָנאַלן קיום.

ראש השנה איז אויך דער יום־טוב פון פערזענלעכן חשבון הנפש. די פייערלעכקייט פון דעם יום־טוב איז פאַרבונדן מיט אַ געפיל פון דער שווערער אַחריות וואָס דאָס לעבן לייגט אַרויף אויפן מענטש. אין דעם טאָג דריקן מיר אויס אונדזער גרויסע זאָרג און באַוווּנדערונג פאַר מדינת ישראל און אונדזער גרייטקייט זיי צו העלפן ברענגען שלום פאַר ישראל און פאַר דער וועלט.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון „חשבון"

# ונתנה תוקף

(פון מחזור)

לאָמיר אויסרעכענען די מעכטיקע הייליקייט פון דעם טאָג, ווייל ער איז מוראדיק און פירכטערלעך. אין דעם טאָג ווערט דיין מלכות דערהויבן, און דיין טראָן ווערט אויס־געבוירט מיט חסד, און דו זעצסט זיך אויף אים מיט אמת.

ס'איז אמת, אַז דו אַליין ביסט דער שופט, און דער באַוויזער, און דער וויסער, און דער עדות; און דו שרייבסט, און דו חתמעסט, און דו ציילסט, און דו רעכנסט, און דו געדענקסט אַלע פאַרגעסענע זאַכן; און דו עפנסט דעם ספר הזכרונות, וואָס לייענט זיך פון זיך אַליין, און יעדן מענטשנס אייגענע חתימה איז דאָרט פאַראַן.

און דער גרויסער שופר ווערט געבלאָזן, און ס'הערט זיך אַ דינע, שטילע שטים, און מלאָכים הייבן אָן זיך איילן, און מיט שרעק און ציטער זאָגן זיי: — דאָס איז דער יום־הדין! די הימלישע הילות וועלן געמישפּט ווערן אין דין; און זיי וועלן ניט גערעכט זיין אין דיינע אויגן בשעתן דין; אויך אַלע פון דער וועלט וועסטו פאַרבייפירן פאַר זיך ווי אַ סטאַדע שאָף.

ווי אַ פּאַסטעך קוקט איבער זיין סטאַדע, און פירט דורך זיין שאָף אונטער זיין רוט, אַזוי פירסטו דורך, און ציילסט, און רעכנסט, און דערמאָנסט יעדע לעבעדיקע זאַך; דו באַשטימסט די גרענעץ פון לעבן צו יעדער באַשעפעניש, און פאַרשרייבסט יעדנס גזר־דין.

ראש־השנה ווערט פאַרשריבן, און יום־כיפור ווערט פאַרחתמעט: וויפל זאָלן אַוועק פון דער וועלט, און וויפל זאָלן ווערן באַשאַפן; ווער זאָל לעבן און ווער זאָל שטאַרבן; ווער זאָל אויסלעבן זיינע יאָרן און ווער ניט; ווער זאָל אומקומען דורך וואַסער, און ווער דורך פייער; ווער דורך שווערד, און ווער דורך אַ חיה; ווער דורך הונגער, און ווער דורך דורשט; ווער אין אַן ערד־ציטערניש, און ווער אין אַ מגיפה; ווער דורך דערוואָרגן, און ווער דורך פאַרשטיינען; ווער זאָל לעבן רואיק, און ווער זאָל זיין נע־ונד; ווער זאָל לעבן געמיטלעך און ווער אין יסורים; ווער זאָל פאַר־אָרעמט ווערן, און ווער זאָל ווערן רייך; ווער זאָל דערנידעריקט ווערן, און ווער זאָל ווערן דערהויבן.

אָבער תשובה, תפילה און צדקה פאַרמיידן די בייזע גזירה.

יידיש: ישראל גובקין

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# גערדאַנקען וועגן דער פאָלקישער יצירה

## ב. די פאָלק־ליטעראַטור — אַ קורצער סך־הכול פון עבר

איידער מיר נעמען זיך צו פאַרסכהכלען די פילמיניקע און וויט־פאַרצוויגטע פאָלק־ליטעראַטור אין איר דורותדיקן גאַנג, לאָמיר זיך קורץ אָפּשטעלן אויף דעם פענאָמען פון יידיש־גופא ווי אַ וואָגיקער קולטור־פאַקטאָר אין יידישן לעבן ביזן היינטיקן טאָג. די מעלה פון דער פאָלק־ליטעראַטור איז קודם־כל די שפּראַך גופא וואָס זי רעדט פשטותדיק און פאָלקסטימלעך צו דעם פשוטן יידישן מענטש אין זיין אייגענעם לשון. שוין דער אויפגיי און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידיש זאָגט בפירוש עדות אויף די שאַפעריש־אַקומולירטע פּאָטענצן און וויטאַל־פאָרמאַטיווע כוחות אין דורותדיקן גאַנג פון פאָלק.

ווי אַ פאָלקסשפּראַך האָט יידיש געשפּילט אַ וויכטיקע פונקציאָנעלע ראָלע נישט בלויז אין טעגלעכן לעבן פון יידן, נייערט זי האָט אויך געדינט ווי אַ מסוגלדיקער פּאַרטייטש־אינסטרומענט פון גמרא־לערנערס, לומדים אין זייער שאַרפן פּילפּול און בעל־דרשערס אין זייערע האַרציק־פרומע דרשות. פאַרמאָגן מיר, על כן, אין דעם שפּראַך־אוצר פון יידיש נישט בלויז דאָס גערעדטע לשון אויף דער גאַס און אין שטוב, נייערט אויך דאָס לשון פון די תורה־לערנערס, פון גדולים און לומדים, מיט זייער קורצן, אפּטרמזימדיקן ויש ליישב, כדי אויסצוגלייכן און פאַרענטפערן אַ האַרבע פלוגתא.

אָט דאָס אַלץ, סיי דער לומדישער נוסח און סיי די שפּראַך פון מאַרק און קראָם, איז אַ קוואַליקער ביישטייטייל פון דעם רחבותדיקן לשון — יידיש און זיין קוואַליקער קולטור און פאָלק־ליטעראַטור, פון וואָס מיר ציען נאָך עד־היום אַ שפּעדיקע יניקה. אין אים קומט בפירוש צום אויסדרוק דער עצם מהות פון יידישן אויסקוק, טראַכטענישן און נסיונות, בויט און פרייד. אויף דער איינער זייט אַן אינטים־שטילע האַרציקע תפילה צו דעם גרויסן בעל־רחמים אין אַ צייט פון צרות און פרעניותן, און אויף דער אַנדער זייט אַ פריילעכס, אַ וועלטיש שיין ליד מיט געזאַנג פון תענוג און הרווחה. אַזוינע באַחנטע, פאָלקישע שיר המעלותן אין יידיש, לוסטיקע און פאַרצערטע פאָלקסלידער, ליבע־ און וויגלידער, אַרבעט־ און סאַטירישע לידער האָט דאָס פאָלק געשאַפן און געזונגען אין פאַרשיידענע צייטן, און אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך ווי עס איז נאָך אויפגעהיטן. דער ייד האָט ווי תמיד געטראַכט און געוויינט. די שאַפערישע מוזע פון פאָלק האָט זיך זעלטן ווען אָפּגעשטעלט.

אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען אין די יישובים פון די אַשכנזישע יידן, צי זיי האָבן געוווינט אין די מדינות אַשכנז, אין איבער־איטאַליע אָדער אין די סלאַווישע לענדער ווו יידיש האָט זיך אין מהלך פון דורות אויסגעפורעמט און אויסגעצייטיקט צו אַן אייגנדיקער און זעלבסטשטענדיקער שפּראַך. רעדן מיר טאַקע היינט פון יידיש ווי אַ וואָגיקן קולטור־פאַקטאָר מיט אַן איינגעטיפטער שאַפערישער דימענזיע אינעם לעבן פון כלל־יידן.

שוין פון זיין ערשטן אויפגיי אין מערב־אייראָפּע מיט זיינע לשון־קודשדיקע און דייטשישע עלעמענטן ביז אין אונדזערע לעצטע דורות, איז יידיש געווען אַ ווירקעוודיקער און באַטייטיקער רעליגיעזער און קולטור־נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, וואָס האָט שורשדיק באַפרוכטיקט און באַווירקט נוסחדיק־יידישלעך און שפּעדיק די שפּראַך אין אַלע אירע אופנים און אַספּעקטן ווי אַ וואָגיקע מחשבה־ און ליטעראַרישע כלי. האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פילמיניקער פאָלקישער יצירה אין וואָס עס איז אַריינגעטאָן די יידישע שפּראַך־ און ליטעראַטור־פאָרשונג פון לאַנג, און אַרויסגעקומען מיט אַ ריי ווערטיקע חידושים און אויפטוען. אַזוי אַ שטייגער ווי די אַמאַליקע מסוגלדיקע

דרשנים און קוואַליפיצירטע באַקלערערס
פון דער גרויסער תנכישער ירושה, אַזוי
גייען מיר אַלע צו מפרש זיין די סוגיא־
יידיש אין איר דורותדיקן וווקס און שאַ־
פעריש־וויטן פאַרנעם.

באַהאַוונטע פאַרשערס און פּינקטלעכע
לינגוויסטן פּרוּוון ריין וויסנשאַפטלעך צו
דערגיין צו דעם עצם נקודה פון דעם
אייגנדיקן און קוואַליקן יידיש־לשון, אין
אַלע זיינע נאָרמאַטיווע פאָרמאַציעס און
שפּעדיקע ניואַנסן, הן בעל־פּה און הן
בכתב. מיר האַלטן וויטער אָן פון דער
אַלטער משנה (אין פּרק) פון דעם „הפוך
בה... דכולה בה" — קער זיך און ווענד
זיך, וויל אַלצדינג איז אין דער פאָלקי־
שער יצירה פאַראַן. ווי שוין דערמאָנט,
פאַרמאָגן מיר סיי פון דעם יחידישן אויס־
קוק פון פאָלק ישראל מיט זיינע דיסציפּ־
לינירטע ווערטיקייטן, און דערצו אַ שלל
זאַפטיקע קאָלירן מיט אַ סך שטיגעריש־
קייט. דערפון קענען מיר אָפּלערנען נישט
בלויז זיין איכות און מהות, תמצית און
קוואַליקייט, נייערט אויך די טיפּיזאַציע
פון אירע סוזשעטן און טעמאַטיק.

ווי עס איז מיר שוין אויסגעקומען צו
באַטאָנען ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט,
איז די אַלט־יידישע פאָלקס־ליטעראַטור
אין אַלע אירע רעוואָלוציעס און פּיל־
פּנימדיקייטן, נישט געווען קיין איינזיי־
טיקע, פון רעאַלן לעבן אָפּגעפרעמדט,
נייערט וויטאַל און פילמיניק, און רחבות־
דיק געפלייצט אין צווי, נישט תמיד
גלייכע ריכטונגען. כוח־גבראדיק שטראָמט
זי קודם־כל אין דעם רעליגיעז־דידאַק־
טישן תחום, וואָס איז געווען שורשדיק
איינגעפונדעוועט אין יידישן לעבן, און
אויף דער־אַנדער זייט אינעם סעקולאַרן
סעקטאָר מיט איר ליד און עפּישער שאַ־
פונג. וועלן מיר זיך קורץ אָפּשטעלן אויף
דעם צווייטן, וועלטישן, ליטעראַטור זשאַ־
נער, וואָס איז אין משך פון דורות געווען
פּאָפּולער און שטאַרק באַליבט ביי דעם
יידישן עולם. פאַרנעמט דעריבער די
אַלט־יידישע עפּישע ליטעראַטור דעם גע־
העריקן אויבנאָן אין דער מאָדערנער לי־
טעראַטור־פאָרשונג, וואָס שאַצט אָפּ ליטע־
ראַריש־קריטיש די קרובישאַפט פון דער
אַלט־יידישער שאַפונג הן אין פאָרעם און
הן אין סטיל, מיט איר דייטשישן אָפּ־
שטאַם, ביז זי דערגייט צו דער אויסגע־
צייטיקטער, מקורדיק־יידישלעכער עפּי־
שער דיכטונג אין דער פאָלקס־שפּראַך.

דער פענאָמען פון קעגנזייטיקע השפּ־
עות איז פאַראַן ביי אַלע קולטור־פעלקער
און יידן זיינען נישט קיין יוצא־מן־הכלל.
מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז יידישע
קיבוצים, ווי אָפּגעזונדערט און אָפּ־
געשלאָסן זיי זיינען נישט געווען פון גוי־
אישן אַרום, האָט דער רוב יידן, סיי אין
מערב־אייראָפּע און סיי שפּעטער אין די
סלאַווישע לענדער, געלעבט אין שטעט,
און אין זייערע עסקים און טעגלעכער
אַרבעט געהאַט צו טאָן מיט די נישט־
יידישע שכנים. ווי פאַרזיכיק־אייגנדיק
און טראַדיציאָנעל יידן האָבן זיך נישט
אויסגעלעבט, זיינען זיי קיינמאָל נישט
געווען לחלוטין אָפּגעריסן און איזאָלירט
פון דער פרעמדער, הגם פיינדלעכער
וועלט, מיט אירע קולטור־שטרעמונגען
און השגות. עס איז כסדר געווען אַ קאָנ־
טאַקט און אַ באַריר אין געוויסע פּונקטן.
פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן נישט גע־
פעלט קיין השפּעות און ווירקונגען אויפן
יידישן לעבן. אויף דעם זאָגט עדות נישט
בלויז די פאָלק־ליטעראַטור און איר קוואַ־
ליקער שפּראַך, דאָס תמימות־ליבלעכע
מעשה, די סאַגאַ און לעגענדע, דער קלו־
גער משל און דאָס פיקחותדיקע ווערטל,
נייערט אויך געוויסע גלייבעניש מיט
זייערע איינגעשטעלטע מינהגים, וואָס
זענען אַריין אין קאָן פון דער יידישער
פאָלקסקולטור. פאָלקיש לעבן איז קיינ־
מאָל נישט פאַרבליבן סטאַטיש און איינ־
פאַרעמדיק. ווי אָפּגעהיטן און באַוואָרנט
יידן האָבן נישט געלעבט, זענען זיי גע־
שטאַנען מיטן פּנים צו דער דרויסנדיקער
וועלט, און יידישלעך־באַטעמט אַסימי־
לירט און פאַריידישט דאָס גוטע און ניצ־
לעכע אין איר.

דער ייד איז שוין פון תמיד געווען אַ
גרויסער בעל־בטחון. געזוכט חיזוק און
התעוררות אין זיין אמונה און דער דורות־
דיקער ירושהדיקייט, און אַ מאָל אויך
הנאה געהאַט פון אַ שיינער מעשה אָדער
אַ פריילעך לידל, וואָס האָט אים פאַר־
שאַפט אַ ביסל הרחבת־הדעת. מען וויל

נישט כסדר אַרומגיין אַ פּאַרצערטער און
קלאָגן איבערן ביטערן גורל, נייערט מען
האָט אויך דעם פאַרלאַנג בדיעבד אַ שטיף
צו טאָן און פאַרטרייבן די מרה־שחורה.
דער פּראָסטער עולם, וואָס איז נישט גע־
ווען מיט קאָפּ און האַרץ אין לערנען תורה
האָט געלעכצט נאָך אַ ביסל חיי־שעה, אַ
ברעקל תענוג און פרייד. האָט מען טאַקע
נישט זעלטן אונטערגעזינדיקט מיט אַ
בלעטל וועלטיקע שאַפונג. יידישע פריי־
לעך־מאַכערס און לוסטיקע מנגנים האָבן
זיך געיאָוועט אין די יישובים פון יידן,
פאַרגעלייענט אָדער דעקלאַמירט אַ באַ־
ליבטע יידישע פּאָעמע אָדער אַ געגראַמט
פריילעך ליד, און דערמיט געוואָרעמט
דעם חשק אויף עפּעס נייעס פון דעם
עולם. אַ ביסל עולם־הזהדיקייט האָט שוין
שטענדיק געריצט און געכישופט דאָס
דערשלאָגענע און פאַרשמאַכטע האַרץ פון
פשוטן ייד.

אויף אַזאַ אופן זענען אויך אויפגעקו־
מען די וויט־פאַרשפרייטע פאָלק־ביכער
מיט זייערע העלדישע ריטער־ראָמאַנען,
וואָס זענען דעמאָלט געווען אַ ליטעראַ־
רישער קנין און אין דער מאָדע אין דער
רעגיאָנאַלער ליטעראַטור, איבערדער־
ציילט פלאַדיקע העלדן־מעשות, סאַגאָס
און פאַבולעס פון אַמאָליקע צייטן אינעם
דיאַלעקט פון פשוטן פאָלק. דעם דאָזיקן
גרייטן, פאָפּולערן זשאַנער האָט מען אין
זיין סטיל און פאָרעם, שטייגער און לשון
אַריבערגעטראָגן, כמעט אָן וועלכע ס'איז
שינויים, אויף דער יידישער גאַס, וואָס
האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג ביי דעם
פשוטן עולם־לייענערס.

עס זענען געווען, ווי דערמאָנט, די פאַנ־
טאַסטיש־העראָישע געשיכטעס פון „מייס־
טער הילדעבראַנט", „קעניג אַרטור",
„הערצאָג ערנסט", „קורדון", „גיגענאַט",
מיט אַ צולאָג פון דער ראָמאַנטישער
מעשה פון „דער שוינען גליק" און אַנ־
דערע נאַראַטיווע שטאָפן, וואָס האָבן
אינטריגירט און געוועקט דעם חשק פון
פשוטן לייענער. פאַרשטייט זיך אַז מיר
קענען דאָ נישט רעדן פון אַן אָריגינעלער
עכטער יידישלעכער שאַפונג. אַדרבא, זי
איז געפלאָסן פון אַ פרעמדן מקור, אַ גוי־
אישע וועלט פון פאָבולאַרע געשטאַלטן
און אילוזאָריש־פאַנטאַסטישע העלדן מיט
זייערע גבורהדיקע מעשים, פאַרבראָקט
מיט אַ שפּאָר ביסל פאַרשייטקייט און
עראָטישער הנאה, וואָס איז בעצם געווען
ווייט פון יידישן אויסקוק און שטייגער
לעבן. אויף דעם דאָזיקן ליטעראַרישן
יריד האָט זיך דער ייד געמוזט פילן ווי
אַן אומגעבעטענער גאַסט אויף אַ פרעמ־
דער חתונה. יאָ פאַרבעטן צי נישט פאַר־
בעטן, עס איז פאַרט געווען אַ פריילעכע
געלעגנהייט נהנה צו זיין בשעת־הדחק
פון דעם ביסל שיריים פון פרעמדן ליטע־
ראַטור־טיש.

פון דעסטוועגן זענען אָט די כל־המינים
פאָלקביכער מיט זייערע איבערגענומענע
נאַראַטיווע מאָטיוון און האַמעטנער שפּראַך,
פאַרט אַ ליטעראַרישער יש, אַ לעבעדי־
קער צושטייער אין דער געשיכטע פון
דער אַלט־יידישער ליטעראַטור אין אירע
פאַרצייטיקע אָנהייבן, איידער עס איז גע־
קומען די שאַפעריש־אויפבלי תקופה פון
מקורדיקן יידישן עפּאָס מיטן קלאַסישן
„שמואל בוך" בראש, וואָס האָט זיך גיך
קונה־שם געווען, און מיט זיין ניגון האָט
מען רעציטירט און געזונגען אַ ריי אַנ־
דערע פּאָעטישע שאַפונגען. רעדן מיר
פון די פריצייטיקע אָנהייבן פון דער אַלט־
יידישער ליטעראַטור, לאָמיר דאָ דערמאָ־
נען די באַמערקלעכע און אינטערעסאַנטע
טעאָריע וועגן יידישע שפּילמענערס וואָס
האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער
ליטעראַטור־פאָרשונג. די שיטה פרוווט
באַווייזן, אַז לויט דער איינגעשטעלטער
טעכניק און מוסטער פון די דייטשישע
שפּילמענער, האָבן אויך די יידישע וואַנ־
דערנדיקע שפּיללייט דעקלאַמירט און גע־
זונגען פראַגמענטן און קאָמפּלעטע פּאָ־
עמעס, אָפט טעמאַטיש פרעמדע אָבער
אויך מיט אַ יידיש־טראַדיציאָנעלן תוכן,
וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי דעם
ברייטן עולם יידישע צוהערערס.

ווי אַטראַקטיוו און ליטעראַריש־נוציק
די דאָזיקע טעאָריע זאָל נישט זיין, זענען,
ווייזט אויס, איצט פאַראַן געוויסע ספקות
און אַ פלוגתא לגבי דעם עצם ענין פון
אַ ריין שפּילמענערישער ליטעראַטור ביי
יידן. שטייט נישט אָן פאַר דעם שרייבער
פון די שורות אַרויסצוזאָגן אַ דעפיניטיווע

דעה און זיין אַ מין פּוסק אַחרון. דאָס
לאָזט ער איבער צו די מומחים פון דער
קאָמפּאַראַטיווער, אַלגעמיינער ליטעראַ־
טור־פאָרשונג, בפרט פון תחום פון יידיש
מיט אַלע וויסנשאַפטלעך־קריטישע כלים.
אוודאי האָבן פאַרצייטנס נישט געפעלט,
ווי שוין געזאָגט, קיין וואַנדערנדיקע זינ־
גערס און שפּיללייט, לצים און לוסטיק־
מאַכערס, פּאַטעטישע דעקלאַמאַטאָרן און
בדחנים, וואָס האָבן אַ מאָל מיט אַ שיינער
פּאָעמע, צי מיט אַ ביסל פאַרשייטן חוזק
אָדער אַ קאָמעדיאַנטישער פאַרווײַלונג
משמח געווען דעם עולם צוהערערס ביי
פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אָבער ערשט
מיטן אויפקום פון דעם צעשיינטן און נאַ־
ציאָנאַל־וואָגיקן עפּאָס, געשאַפן אויף דער
פּאַן פון תנכישן עבר, קענען מיר רעדן
פון אַן אייגנדיק־מקורדיקער, פאָלקיש־
עפּישער יצירה אין דער אַלט־יידישער
ליטעראַטור.

אין דער סעריע פון תנכישע עפּאָסן,
פאַרוועבט מיט דער לעבעדיקער קולטור־
ירושה פון פאָלק, פאַרנעמט בלי ספק
דאָס „שמואל־בוך" דעם סאַמע אויבנאָן.
וויסן מיר אָבער נישט אַקוראַט ווער דער
געבענטשטער דיכטער איז געווען און ווען
ער האָט געשאַפן זיין גרויס מייסטעריש
ווערק. מען איז זיך בלויז משער, אַז דאָס
איז געווען אין 15טן יאָרהונדערט, און
אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען פון האַנט
צו האַנט בכתב, רעציטירט און געזונגען
פון מויל צו מויל, ביז עס האָט זיך באַ־
וויזן אין דרוק אין אויגסבורג (1543).

אויך דער מחבר פון דעם צווייט־גרויסן
העלדן־עפּאָס, דער „מלכים־בוך", איז
אומבאַקאַנט, און די סברה איז, אַז זיין
אימפּאָזאַנטע דיכטונג שטאַמט בערך פון
16טן יאָרהונדערט, און ביידע עפּאָסן
האָבן זיך געדרוקט צוזאַמען אין דער
אויגסבורגער אויסגאַבע, ווי אַ נאַטירלע־
כע ליטעראַרישע גאַנצקייט אין זייער
עפּישן לבוש. לאָמיר דאָ אויך פאַרציי־
כענען, אַז עס האָבן זיך אויך אויפגעהיט
אַ צאָל אַנדערע תנכישע עפּאָסן אין אַלט־
יידיש פון אַ שפּעטערדיקער צייט. אין
דעם כלל גייען אַריין די היסטאָרישע בי־
כער פון „יהושע", „שופטים" און די
ספרים און „דניאל" און „יונה". ווי איינ־
טערעסאַנט זיי זאָלן נישט זיין פון אַ ריין
ליטעראַריש־היסטאָרישן קוקווינקל, ווערן
זיי אָבער באַטראַכט ווי אימיטאַטיווע
אויסשטראַלונגען פון די צוויי גרויסע
עפּישע שאַפונגען פון דער פריערדיקער
תקופה, פון וואָס די עפּישע עפּיגאָנען
האָבן געצויגן זייער שאַפערישער יניקה.

דער פאַרמעסט פון די צוויי ערשטע
שורשדיק־יידישלעכע דיכטערס אין זייער
צעשיינטן עפּישן געזאַנג איז ביז גאָר
גרויס. הגם די מייסטערישע ווערק פון
„שמואל בוך" און „מלכים בוך" זענען
געבויט לויט דער טעכניק און מוסטער
פון דייטשישן העלדן־עפּאָס און אין דער
באַקאַנטער סטראָפע פון „ניבעלונגען
ליד", זענען זיי תוך־תוכיק אויסגעפילט
פון אַ יידישלעך־צוואָרעמטן תמצית און
מקור. ביידע עפּישע געזאַנגען זענען אַ
מין ברכי־נפשדיקער הלל פון עמאָציע
און גרויס באַוווּנדערונג, מיט אַ שלל פון
בילדערישע שילדערונגען אַרום די ליכ־
טיקע געשעענישן און העלדישע מעשים
אין דעם וויטן יידישן אַמאָל. עס זענען
די מאַכטיקע מלכים און שטאָלטיקע פּער־
סאָנאַזשן, גיבורים און בעל־גבורותן,
וואָס דער צעשיינטער דיכטער באַזינגט
מיט סענטימענט און פּאַטאָס, פרייד און
נאַציאָנאַלן שטאָלץ אויפן פּאַן פון די
תנכישע דערציילונגען, פאַרוועבט מיט
שיינע אגדות, פלאַדיקע מעשיות און פּאָ־
בולאַרע שטאָפן פון תלמוד און מדרש.
עס איז געווען אַ דערהויבענע עפּישע
יצירה אין גליאיקע, תוכיקע שורות, פאַר־
ברעמט מיט אַ שטראַליקן אָרעאָל פון
יידישן עבר, וואָס האָט געקוואַליקט מיט
חיות און בטחון, געשטאַרקט און דער־
פרישט דאָס שפּלותדיקע האַרץ פון ייד.
די צוויי מייסטערישע עפּאָסן זאָגן קלאָר
און בולט עדות אויף דער שורשדיקער
אייגנעטיפּטקייט אין דער טראַדיציאָנע־
לער יידישקייט מיט איר אויסגעשטאָנע־
נער, רייכער קולטור־ירושה, וואָס האָט
וואַכיק געלעבט אין באַוווּסטזיין פון פאָלק
ישראל. די ביידע עפּישע ווערק, ווי אַ
ריי אַנדערע פּאָעטישע שאַפונגען מיט
זייער אייגנדיקן מהות און רעליגיעז־
נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, האָבן געלייגט אַ
בלייביקן חותם און דער אַלט־יידישער

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

שרהלען

## אין גן פון הר ציון

מיין אייניקל אין גן פון הר ציון,
אַ גאָלדן פייגעלע וואָס לערנט זיך פליען. —

רויזן־בעקלעך גליאיקע, צעפלאַמטע,
ווי דער מאַמעס ליבשאַפט ניט־געצאַמטע.

מיט איר גלעקל־קול צעקוויטשעט, דינעם
זי שרייט אַריין אין תהומיקן גי־הנם *)

מיין אייניקל מיט פיסעלעך פון אַ גאַזעלע,
און אויגן־פינטעלעך, צאַפּלדיקע העלע,

---

ליטעראַטור, וואָס איז איבעריק בכלל דאָ נאָך צו באַטאָנען.

אין דעם קאַפּיטל אַלט־יידישע ליטעראַטור געהער אויך אַריין דער גרויסער פּאָעטישער מייסטער, וואָס זיין נאָמען איז יאָ באַקאַנט ווי אַ באַטייטיקער העברעאיסט און מלומד, און דערצו אַ וואָגיקער פּאָעטישער טאַלאַנט אין יידיש, אליהו בחור־לעוויטאַ. געלעבט האָט ער אין דער בלי־צייט פון רענעסאַנס אין איטאַליע, וווּ ער האָט געשאַפן מיט אַ סך קינסטלערישער יכולת אין מעטרישע סטאַנצן לויטן מוסטער פון דער איטאַליענישער ליטעראַרישער שולע, זיינע צוויי פּרעכטיק, טעמאַטיש־ריטערלעכע ראָמאַנען פון באַרימטע העלדן און ראָמאַנטישע ליבשאַפטן, וווּ אליהו בחור האָט ווי ווייט מעגלעך אַריינגעטראָגן שינויים אין טעקסט, געקירצט, געביטן און נוסחדיק־יידישלעך באַפאַרבט, כדי זיי צופּאַסן צו דעם גוסט פון זיין עולם לייענערס.

צווישן זיינע פּילצאָליקע פּאָעטישע ווערק, האָט זיך דאָס „בבא־בוך“ מיט זיין רעאַליסטישער געשטאַלטונג און דראַמאַטישקייט גאָר גיך קונה שם געווען און פאַרבליבן אַ מין „בעסטסעלער“ ביי ראָמאַנטיש דאַרשטיקע לייענער אין משך פון אַ לאַנגער צייט. עס איז געווען אַ ראָמאַן אויף אַ ברייטער לייוונט, קינסטלעריש און גייסטרייך געשטאַלטיקט, וואָס האָט פאַסצינירט. אַנדערש איז אָבער געווען די מערכה פון בחורס צווייט־גרויסן ראָמאַן אין סטאַנסן, „פּאַריז און וויענה“ (נעמען פון העלדן), וואָס דערציילט מיט נאַראַטיווער בילדערישקייט, באַטעמט און געמאָסטן די ליבע פון ריטער פּאַריז צו וויענה, דער טאָכטער פון זיין קיניג דולפין, וואָס איז נישט מסכים צו דעם שידוך.

ווי דער סיפור־המעשה זאָל זיך נישט אויסלאָזן, דאָס ווערק „פּאַריז און וויענה“ שטייט אויף אַ העכערער ליטעראַרישער מדרגה און איז קינסטלעריש אויסגעצייטיקטער ווי דאָס פּאָפּולערע און באַליבטע „בבא־בוך“. קלענערע און גרעסערע חסרונות אין פאָרעם און תוך זענען נישט זעלטן, אפילו ביי אַ גוטן און פּערפעקטן קינסטלער, זאָל דאָס נישט זיין קיין גנאי.

ווי דאָס זאָל נישט זיין, די אַלט־יידישע ליטעראַטור מיט איר מהות און קוואַליטעט, געזאַנג און פאָלקישן נוסח, האָט פאַרלייגט דעם יסוד פאַר אַ פּרוכטיקער און שפּעדיקער יצירה אין יידיש לשון, פון וואָס מיר ציען נאָך אונדזער שאַפערישע יניקה ביזן היינט. עס איז אַ ליטעראַטור וואָס שפּראָצט פון די אַקומולירטע בעסטע כוחות פון פאָלק און געשאַפן אין אַלע אירע פּרטים און ניואַנסן פאַרן פאָלק.

אַ מישמאַש פון סאַמעטענער צאַרטקייט
און צברה־שטעכלדיקער איינגעשפּאַרטקייט.

אַ פלאַם־טוליפּ אין גאָרטן־טאָל צעבליטן
געפּעשטשעט, געקעכלט און געהיטן.

פאַרגעסן כ'וועל מיין וואָגלדיקן טרויער
און מיטן קינד זיך דראַפּען אויף דער גלייכער מויער.

אין אָוונטשיין מיר זיינען שיכּור ביידע:
דאָס פלאַטערדיקע אייניקל מיטן דרימלדיקן זיידן.

פון גרויסן שבתדיקן טיש מיר זיינען בלויז שיריים,
דאַנק איך פאַרן גאָב, מלך חי וקיים.

פאַר מיין אייניקל אין גן פון הר ציון,
— אַ גאָלדן פייגעלע וואָס לערנט זיך פריען.

---

*) גי־הנם, אַ ביבלישער טאָל צופוסנס פון הר־ציון.

# אין מאַרק געווימל

אין די טומלדיקע יפו־האַליעס
קען מען זיך דינגען פאַר אַ בינטל גוטסקייט,
קויפן אַ מציאהדיקן חלום
פאַר אַ פאָר שקלים.

מיר זיינען דיינע גליענדיקע שטיינער אויפן וועג,
גריינער מאָך אויף די מויערן;
אונטערן רעגנבויגן בליען קליינע ציטער־בלומען,
דער ווינט איז שיכּור פון גלויביקע פּערפיומען.

אין ענגן מאַרק־געווימל
האָבן מיר אַלע אַ בלויען חלק
אין ירושלימס הימל.

אויף דאָלאָראָסאַ שלווהדיק גאַפן אַרויס
מנורות און צלמים
פון די טוכלע קראָמען;
האָט אפשר דער פחד פאַרגעסן זיין נאָמען?

נאָר אין די באַזאַרן זיינען ביליק אונדזערע טרערן
ווי דער געטלעכער טוי,
לאָמיר זיך דינגען פאַר יעדן פּערלדיקן טראָפּ:
אַ שקל אַרויף, אַ שקל אַראָפּ.

# אלישע

לאָמיר זיך איינהילן
מיטן נסימדיקן מאַנטל פון נביא אלישע
פאַרבעטן די בלינדע אַראָמייער
צו אונדזערע געדעקטע טישן;
מיר וואַרטן אויף דיר, אלישע:
איבער אונדז בריען קופּערנע הימלען,
מיר ווערן אויסגיין פון הונגער
מיט אונדזערע פאַלשע געטער,
ווײ און ווינד, אַז מצורעים
ווערן אונדזערע רעטער.

כ׳וועל גיין מיטן נביא אויף פאַרגעסענע וועגן,
אין בלויען וואונדערלאַנד
פון זעטיקער גוטסקייט און רעגן.

אין די לעכער פון שפּינגעוועב און מאָך
ווען ער וועט טרויערן אויפן מענטשנבראָך
און קילן די ווונדן פון דער וועלט
וועט מיין טויטער חלום אַנקלאַפּן אין זיין טיר
און צוריק לעבעדיק ווערן פון זיין באַריר.

# די ברכות פון בלינדן

באַכט טריפט אַריין אין יצחקס אויגן
ביטערניש פון זיינע זין, די פעלקער־טאַטעס;
אַנמאַכטיק ער טרייבט פון זיך די טשאַטעס
פלעדערמייז, וואָס זיינען אַנגעפלויגן.

אין דמיון ער ציילט גאָטס פינקלדיקע שטערן,
נאָר זיין חלום אויסגעבעט מיט טוכלער מאָך איז;
ער דרעמלט אויפן זאַק מיט קאַרגע ברכות,
— דער הימל וועט זיין בלינדעניש פאַרצערן.

ס׳וועט קומען יעקב אַ באַהאָריקטער, פאַרשטעלט,
עשו אויסשנאָרן וועט זיין ברכה מיט געוויין;
מידער טרויער גליוורעט אין יצחקס געביין,
די רויב־פייגל קראַקען שוין איבערן געצעלט.

דעם טאַטנס ברכה איז אונדז סיוויי ניט באַשערט,
די בכורה האָט די ווערט ניט אַ טאָפּ לינדזן,
נאָר ס׳קריגן זיך ביז היינט די ברוגזדיקע פּרינצן
און דער מולך־גאָט בראַנדיקט אונדזער ערד.

בלומע לעמפּעל / ניו־יאָרק

# דאָס וואָרטן אויפן שמאַטילניק

(דערציילונג)

נאָך אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, שלעף איך נאָך אַלץ דעם פריער. איך שלעף דאָס הויז, די גאַס, די שטאָט און אפילו דאָס דאָרף. אָפט מאָל זאָג איך צו מיר אַליין: גענוג! געשיכטע איז געשיכטע! מיש איבער אַ בלעטל און זע, נייע שפּראָצונגען אין גאָרטן. „דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק. דאָס קול פון דער טורטלטויב לאָזט זיך הערן.“ שפּיץ איך אָן די אויערן און הער, ניט די טורטלטויב, נאָר די נאַכטיגאַל. איר טריל פאַלט אַריין אין אַ קאַליידעסקאָפּ פון געזאַנגען. אויבערטענער ראַנגלען זיך מיט הינטערטענער. ריטמען פּלאָנטערן זיך. איין קלאַנג דערשטיקט דעם צווייטן — אַ פוגע אָן אַ דיריגענט.

איך זיץ ווי אין אַ פעסטונג ביים האַלב־אָפענעם פענצטער. פריער פרילינג הערשט אויף מיין וועלט. די געזאַנגען פון יענער זייט גבול פּלאַטערן אין דער לופט. זיי שוועבן אַריבער דעם טייך, דראַפּען זיך אַרויף אויפן באַרג גלייך צו מיר אין האַלב־אָפענעם פענצטער אַריין. ווי אַזוי האָב איך זיך געקענט ווערן קעגן אַ געזאַנג געזונגען ניט פאַר לוין, ניט פאַר אַפּלאָדיסמענטן, נאָר צו ראָזעוון פרילינג־אָונט וואָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער סודותדיקער נאַכט אַריין.

דאָס געזאַנג האָבן געזונגען די שקצים אין דאָרף, די זעלבע וואָס האָבן געטראָגן בלאַנקע מעסערס אין די כאָליעוועס פון זייערע שטיוול, ווען זיי זיינען געגאַנגען זונטיק אין קלויסטער אַריין. די שאַרף פון זייערע מעסערס און דער כּישוף פון זייערע געזאַנגען האָבן זיך פאַר פרי איינגענעסטיקט אין מיין נשמה, ווי אַ געשפּאָלטענער איך, זייט ביי זייט.

געוועזן יש אומרים וואָס האָבן געטייטשט דעם פּאַראַדאָקס פון מעסער און געזאַנג ווי אַ לעגיטימע ירושה פון אור־מענטש צום אייניקל. דעם געדאַנק האָט אויך געטיילט יאָסיף, דער אויפגעקלערטער פּויערן זון. ער איז צוריקגעקומען פון דער גרויסער שטאָט מיט דריי זילבערנע פּאַסיקלעך אויף זיין שטייפן קאָלנער. מיט די שיקסעס אין דאָרף האָט ער נישט געקאָנט טיילן די הויכע געדאַנקען וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין גימנאַזיע. איין מאָל ווען ער האָט אַריבערגעשפּריזט די בריק, אַרויפגעקלעטערט דעם באַרג צו דער יידישער גאַס, האָט ער צופעליק באַמערקט דעם שול־שמשס זעכצן־יעריקע מוזינקע, אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, מיט טיפע חן־גריבלעך אין די פּוכקע באַקן. איר אויסזען האָט מיט איר נשמה קיין שייכות נישט געהאַט. ווען אַנדערע מיידלעך האָבן געפירט ליבעס, האָט זי זיך געשפּייזט מיט דיקע ראָמאַנען. איין שיינעם פרימאָרגן האָט שרהקע דערזען ווי אַ שאָטן פאַלט אויף איר אָפענעם בוך. האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און דערזען יאָסיפן שטיין מיט איין פוס אויף דער שוועל וווּ זי איז געזעסן. קוקנדיק אַרויף און צוריק אין בוך אַריין, איז איר פאָרגעקומען, אַז די געשטאַלט וואָס טורעמט איבער איר, איז נישט קיין אַנדערער ווי ראַסקאָלניקאָוו מיטן מעסער אונטער דער רובאַשקע. זי האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעשטעלט גרייט צו אַנטלויפן. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג

„אַנטשולדיקט, באַרישניאַ“, האָט ער געזאָגט, ניט מיט ראַסקאָלניקאָווס צווייפל אין קול, נאָר מיט דעם רוי, האַרטן, אוקראַינישן אַקצענט, אַ זאָג געטאָן: „איך זע אַז איר לייענט דאָסטאָיעווסקין?“

„איך לייען נישט“, האָט זי זיך פאַרענטפערט, „איך קוק בלויז אַריין.“

די צעטומלעניש פון זייער ערשטער באַגעגעניש האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי זומערן. שרהקע האָט געטוליעט צום האַרצן די בלומען פון זיין טאַטנס גאָרטן. ער האָט איר אויך געבראַכט גאָלדענע קוקורוזעס, און בלוט־רויטע פּאָזיאָמקעס. צווישן איין קוש און אַ צווייטן האָט ער

איר דערציילט, אַז ער לייענט שלום אַש'ס „מאַן פון נצרת". זי, נאָך אַלץ אַ צעטומלטע, האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע שוואַרצע שטראַלנדיקע אויגן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ העלפט פון איר פנים און דעם גאַנצן שטח פון איר נשמה.

פאַרן אָפּפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווייטער צו שטודירן די מידות העולם, האָט איר יאָסיפּ געשענקט אַ זייגערל מיט שוואַרצע ווייזערס. שרהקע האָט דאָס זייגערל מיטן לעדערנעם רימענדל באַפעסטיקט אויף איר האַנט־געלענק. יעדעס מאָל ווען זי האָט אָנגעשטעלט דאָס זייגערל אויף פאָרויס, האָבן די ווייזערס פון זיך אַליין געדרייט אויף צוריק. ווען זיי האָבן דערגרייכט די מיטנאַכטיקע שעה, איז שוין שרהקע געשטאַנען ביים ראַנד פון אָפענעם גרוב. באַקעט, פאַרשעמט, מער טויט ווי לעבעדיק, האָט זי נאָך אַלץ געוואַרט, נישט ווויסנדיק אויף וועמען. דאָס זייגערל האָט אַ לעגיטימען יורש פון יענעם ווייטן אור־מענטש, פון איר האַנט אַראָפּגעריסן, אָנגעטאָן אין ברויגעם מונדיר, די הענט אין ווייסע הענטשקעס, האָט ער זיך צוגעפּייפט אַ מעלאָדיע וואָס האָט זי אַמאָל ביז טרערן גערירט.

איך ווייס נישט צי איז די מעלאָדיע דערגאַנגען צו איר באַוווּסטזיין? צי האָט זיך נאָך געהאָפט אַז ער וועט זיך באַווייזן, איבערן גבול די האַנט איר דערלאַנגען, איר פאַרזיכערן, אַז דאָס איז נאָך נישט דער סוף פון מענטש.

וואָלט ער געווען מיטגעגאַנגען מיט איר, וואָלט איך געזונגען שירה. דער פּאַק אויף מיינע פּלייצעס וואָלט פליגל געבוירן. וואָלט גאָטס צאָרן זיך געווען אויסגעגאָסן אויף יעדן גלייך, אייגעשלונגען קינד און קייט, חיה און פויגל, די פיש אין וואַסער, די פלאַנצן אויף דער ערד; וואָלט אַ מבול געווען פאַרטרונקען אַלץ מיט אַנאַנדער אומאָפּהענגיק פון ראַסע, רעליגיע, וואָלט דער סם אין מיין האַרצן געוואָרן מן. איך וואָלט באַנומען דעם חורבן מיט גרויס אָפּשיי. איך וואָלט זיך געבוקט צו דער נאַטור, צו אירע קאַפּריזן. איך וואָלט אַליין גענידערט אין מויל פון אָפּגרונט און געפונען אַ זין ניט געפּרעגטערהייט.

דאָס וואָס מענטש האָט געטאָן צו מענטש קאָן איך נישט מוחל זיין. ווי אַזוי זאָל איך זאָגן קדיש נאָך אַ שטאָט, נאָך אַ פאָלק, נאָך קינדער און זקנים, נאָך שטאַר־ און נאָך שוואַכע, נאָך שיינע און נאָך מיאוסע, נאָך פרומע לייט און גנבים? ווי אַזוי זאָגט מען ברוך דיין אמת נאָך הערשעלע דעם משוגענעם, נאָך כאַצקעלע דעם בלינדן? זיי זיינען אפשר געווען די איינציקע וואָס זיינען געשטאַנען ביים אָפענעם קבר און נישט משיג געווען ניט דעם ווייטיק און ניט די בושה.

טייל מאָל טראַכט איך, אפשר בין איך גאָר משוגע, אַ וויסטע איינרעדעניש, אַ מעלאַנכאָליע אַזאַ וואָס קען פירן גלייך אין משוגעים־הויז. און ווייל איך היט זיך פאַר פאַרמאַכטע טירן, כאַפּ איך דעם פּאַק וואָס וועגט שווער אויף מיין געמיט און הייב אָן אַרויסוואַרפן דעם נעכטן וואָס איז משפיע אויפן היינט. איך קלייב נישט איבער. איך וואַרף וואָס עס קומט מיר אין האַנט אַריין. וואָס מער איך וואַרף אַלץ מער זאַמלט זיך אָן. שטופּ איך אַראָפּ די האַנט ביז צום סאַמע דנאָ, און צי אַרויס אַ בינטל בעטלערס. איך האָב גאָר נישט געוווּסט אַז זיי לעבן נאָך ערגעץ־וווּ אין מיין באַוווּסטזיין. יעדער פון זיי מיט זיין באַשטימטן מום, מיט זיין חולאת. יעדן מאָנטיק פלעגן זיי זיך יאַוועען אויפן יאַריד, זיך אויסזעצן אַרום ראָטהויז, ווער מיט אָפּגעזעגטע פיס, ווער מיט אַ שקרויפּל פנים, בעטן נדבות ביי די דורכגייערס. יעדער פון זיי מיט זיין אייגנאַרטיקן אופן. איינער דרייט אַ לירע און זינגט אַ טרויעריק ליד, אַן אַנדערער מיט אַ מאַלפּעלע אויף די אַקסל לאָזט דאָס מאַלפּעלע אַרויסציען אַ קוויטל פאַר יעדן איינעם וואָס דערלאַנגט אים אַ מטבע. מיך ציט די בלינדע גויה. איך האָב ליב זיך איינצוהערן צו אירע רייד געווענדט צום הימל, ווו מלאָכים מיט ווייסע פליגל האַלטן אָן אויג אויף איר. זיי גרייטן פאַר איר אַ טיש אין די הויכע עולמות, ווו דאָס אמתע לעבן הייבט זיך ערשט אָן.

זי ווייסט אויף זיכער אַז דער „פאַן יעזוס" אַליין וועט צוריקשטעלן איר ראיה. זי וועט אַראָפּקוקן פון דער הייך אויפן מענטש אין דער נידער און זיך

מאָדליען פאַר זייערע זינדיקע נשמות.

סיי זומער, סיי ווינטער, פלעגט זי קומען, פאַרנעמען איר חזקה־פּלאַץ ביים סאַמע פענצטער, ווו מיין מומע רחלע האָט געוווינט. זי פלעגט זיצן אויף אַ נידריק בענקעלע, די ספּודניצע ביז אַראָפּ צו דר׳ערד. אויף איר ברוסט האָט זיך געבאָמבלט אַ מעשענער צלם, אין די הענט אַ שנור פּאַטשערקעס, וואָס זי האָט כסדר געדרוקט פון איין אָרט אויפן צווייטן. זי האָט נישט געדאַנקט פאַר די נדבות וואָס לייט האָבן איר געשענקט, אפילו ווען אַ יאַטל האָט געלאַטכענט גראָשנס פון איר פּאָדעליק, האָט זי נישט איבערגעריסן אירע רייד וואָס האָבן געשטראָמט ווי לאַווע פון אַ ווולקאַן. אירע ליפּן פאַרטרוקנט, די אויגן — צוויי ליידיקע שיסעלעך; דאָס קול שאַרף ווי די שווערד פון מלאך הדומה, וואָס היט דעם צוטריט צום גן־עדן.

מען האָט דערציילט, אַז נאָך אַלס קינד האָט איר אייגענער פאָטער איר די אויגן אויסגעשטאָכן. אין צייט פון הונגער האָבן עלטערן פאַרקריפּלט זייערע אייגענע קינדער, זייערע ווייבער, און אָפט מאָל זיך אַליין אָפּגעשניטן אַן אויער, אַ פוס, אָפּגעהאַקט אַ האַנט, כּדי צו דערוועקן באַרמהאַרציקייט פון די וועלכע האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען אָפּצושפּאָרן אַ שטיקל ברויט דאָס חיות צו דערהאַלטן.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער בלינדער גויעס מאַקאַברישער טאַנץ. אין סאַמע מיטן טאָג, ווען די זון האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט און דער זייגער אויפן ראָטהויז האָט אויסגעקלונגען די צוועלפטע שעה, איז זי אויפגעשטאַנען פון איר נידריקן בענקעלע, געטאַפּט די לופט צי קיינער שטייט איר ניט אין וועג, און ווען זי האָט געפונען דאָס פּאַסיקע אָרט, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט טאַנצן. עס האָט זי נישט געאַרט דאָס געלעכטער און אויך נישט דאָס געוויין וואָס דער ווילדער טאַנץ אירער האָט אַרויסגערופן ביים אַרומיקן עולם. איר ספּודניצע איינגעריכט אין בלאָטע, דער צלם אויף איר האַרץ האָט אונטערגעשפּרונגען און זי טאַנצט איר אומגעלומפּערטן טאַנץ ביז זי פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד. אירע הענט און פיס וואַרפן זיך ספּאַזמאַטיש. די ציין פאַרקלעמט. אַ ווייסע פּינע שוימט פון איר מויל. נאָך אַ ווײַלע שטייט זי אויף, געפינט איר בענקעלע און נעמט ווידער אויף דעם המשך וואָס זי האָט מיטן טאַנץ איבערגעריסן.

איצט מיט יאָרן שפּעטער טרעפט זיך אין מינוטן פון אַנגסט איך זאָל אומבאַוווסטערהייט זיך שטעלן טאַנצן. נישט דווקא אין דער צוועלפטער שעה פון טאָג אָדער פון דער נאַכט, נאָר פּונקט צו דער רגע ווען מיין צייט שטעלט זיך אָפּ און הייבט אָן לויפן אויף צוריק, ווי די שוואַרצע ווייזערס אויף שרעקעס האַנטזייגערל. איך טאַנץ ביז חלשות און דערנאָך, דערנאָך שטיי איך אויף כּדי ווייטער אָנצוגיין מיטן צופאַל פון גורל.

געוועזן אויך יידישע בעטלערס. זיי האָבן אויף די יאַרידים ניט אָפּעריִרט. די יידישע בעטלערס האָט מען גערופן אָרעמע־לייט. די אָרעמע־לייט פלעגן גיין איבער די שטובן איינמאָנען די נדבות. די מאַנסלייט פלעגן קומען פרייטיק, די ווייבער — שבת אין דער פרי. שבת האָט מען קיין געלט נישט גענומען. ברויט און חלה האָבן אָנגעפילט די קאָשיקעס פון די גייער איבער די הייזער. געוועזן פאַרבאָרגענע אָרעמע לייט, וואָס זיינען אַליין איבער די הייזער נישט געגאַנגען. פאַר זיי האָבן גבאיטעס געטאָן די אַרבעט און דערפאַר זיך דערוואָרבן פולע קאָשעקעס מיט מיצוות. דער פּערזענלעכער ייחוס פון יעדער גבאיטע האָט באַשטימט וויפל און וואָס מ׳זאָל אַריינלייגן אין איר קויבער. פאַר די גאָר געהויבענע האָט מען געגעבן אַ גאַנץ ברויט, אַן איי, ווער עס האָט געהאַט אַ קו אין שטאַל האָט אַריינגעשטעלט אַ פלעשל מילך פאַר אַ דעכעווייטשנעם יורד, אַ שטיקל פּוטער, אַ ביסל איינגעמאַכץ אויף נישט צו באַדאַרפן.

די אָרעמע לייט האָבן אַריינגעבראַכט אין הויז אַריין אַ געוויסע סאָרט פאַרווײלונג, ניט אַזוי פאַר דערוואַקסענע, ווי פאַר דער מיידעלע וואָס געווען. אירע צופלוסן און אָפּפלוסן וואַשן נאָך היינט מיין זאַמדיקן ברעג. איך זעץ זיך צו לעבן איר ביים פאַרפרוירענעם פענצטער

און זע מיט אירע אויגן ווי שוואַרצע ראָבן טאַנצן אויפן ווייסן שניי. אונוויל איך קוק אַזוי טיף אַריין אין דער ווייסער ווייט, ווערט מיר באַנג. פאַרהאַר איך אַ ביסל מיטן וואַרפן. מיר איז גוט צו זיצן לעבן איר. זי נעמט מיך אַריין אין איר אַטמאָספער און מיר ווערן ווידער איינס.

פאַראַן אַזוי פיל צו טראַכטן, צו פילן אין די קורצע ווינטער־טעג, וואָס האָבן גאָר קיין סוף נישט. פאַלן מיר אויף אַ המצאה. איך און זי מאַכן מיר איבער דעם סדר פון די וואָכן־טעג. פון חנוכה ביז פסח הייבן מיר אָן די וואָך ניט מיט זונטיק, ניט מיט מאָנטיק — ביי אונדז הייבט זיך די וואָך אָן מיט דאָנערשטיק. דאָנערשטיק איז דער טאָג ווען די צוגרייטונג פאַר דעם צענטראַלן טאָג שבת הייבט זיך אָן.

דאָנערשטיק גייט די מאַמע איינקויפן אויף שבת. מיטן צעראָטענעם טאַש גייט זי פון געוועלבל צו געוועלבל, צו געבן יעדער פון טאַטנס קונים עפעס צו לייזן. ווייל קיינער איז אין הויז נישטאָ, בושעוועט דאָס מיידעלע אין די פאַרבאָטענע שופלאָדן. זי ווייסט ווו עס ליגן דער מאַמעס מיידלשע סטאַניקלעך, זיידענע זאָקנבענדלעך, שמעקנדיקע זייף, אַ ליידיק פלעשעלע פון פאַרפום. זי האָט אויך ליב צו בלעטערן די אַלטע מאָדע־זשורנאַלן, קוקן אויף די אויסגעסטרויעטע פאַנעלעך מיט די אויסטערלישע פריזורן. זי שמעקט צו דער זייף, מעסט אָן די סטאַניקלעך, פול מיט פאַרבאָטענע סודות.

ווען עס הייבט אָן טונקלען פאַרמאַכט זי די שופלאָדן און שטעלט זיך אַוועק ביים פענצטער אָפצוּוואַרטן דער מאַמען. אָפט מאָל זיינען די פענצטער געפרוירן און לאָזן אפילו קיין שאָטן נישט דורך. טוליעט זי זיך צו צום אויוון, וואָס איז שוין אויך קאַלט און הייבט אָן צו ציילן ביז הונדערט. באַלד ביים אָנהייב איינס זעט זי, פונקט ווי איך איצט, די מאַמען אַרויסקומען פון חנה דער רויטערס געוועלבל. זי גייט פאַמעלעך די מאַמע. זי קלייבט סטעזשקעס אין נאַסן שניי. דער צעראָטענער טאַש אין איר האַנט איז איבערגעפולט מיט גוטע זאַכן. מיר נעמען זיך נישט קיין צייט אויסצורעכענען די גוטע זאַכן. מיר ציילן ווייטער, איך און זי, ביז מיר קומען צו צו דער צאָל פופציק, איז שוין די מאַמע ביי דער גרויסער שול. דאָרט איז שוין דער טראָטואַר טרוקן. גייט זי אַ ביסל גיכער. מיר זעען גענוי ווי זי פאַרהייבט דאָס קלייד ווען זי גייט אַראָפ די שטיגן פון דער שול. זי שפרייזט אַריבער דעם שטראָז צו דער נידריקער גאַס. זי גייט פאַרביי דעם שוואַרצן שניידערס כאַלופע. דאָ שטעלט זיך אַ געפאַר, טאָמער חלילה דערזעט זי די שניידערקע, איז אונדזער ציילן נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. ווען מיר קומען צו צו הונדערט און זי איז נאָך נישטאָ, הייבן מיר אָן אויפסניי. אפשר האָבן מיר אין איילעניש עפעס איבערגעהיפערט. באין ברירה הייבן מיר ווידער אָן פון נומער איינס.

ווי נאָר זי קומט אַהיים ווערט אַלץ כי טוב! אין שטוב ווערט וואַרעם, ליכטיק, גן־עדנדיקע ריחות גייען אויף פון איר טאַש. מיר פאַרזוכן פון יעדן מין וואָס זי פאַקט אויס: אַ טרוקענע פלוים, אַ לעק צוקער, אַ ראָזשינקע, אַ לעפעלע האָניק. מיר שמעקן צום הייוון, צום צימרינג, צום זאַפראַן און אפילו צום פעפער. נאָך אַזוי פיל רייכע איבערלעבונגען שלאָפן מיר איין איידער דער טאַטע קומט פון דער יאַטקע.

זיי קומען מיר נאָך אַלץ צו חלום יענע עקזאַלטירטע טעג און נעכט. איך זע דאָס מיידעלע ווי אין אַ וויזיע איינגעפאַסט אין אַן אידיליע, אויסגעהאָפטן מיט תכלת־בלויע פעדעמלעך. האָט זי נישט געהאַט קיין ליאַלקע, האָט זי באַשאַפן אַ ליאַלקע מיט די פינגער אויף אַ פאַרנעפלטער שויב. זומער יאָגט זי זיך נאָך פלאַטערלעך, זינגט מיטן ווינט. זייענדיק אַ בת־יחידה, האַלט זי די מאַמע ווינטער אין שטוב. אַליין צווישן די ד׳ אַמות, באַשאַפט זי אַן אייגענע וועלט, מיט באַשטימטע פונקציעס פאַר יעדן באַזונדערן טאָג — און לויט די כללים פון איינגעשטעלטן סדר פונקציאָנירט זי. פרייטיק איז אַ פולער טאָג. פאַראַן אַזוי פיל צו טאָן: פוצן די לייכטערס, דאָס שטייסל, דעם חנוכה־לאָמפ. זי עפנט אויף די טיר

פֿאַר די אָרעמע־לייט, גיט אַכטונג די מילך זאָל נישט אויסלויפֿן. אונטער די פֿלאַמען פֿון אויוון באַקט זי אַ פֿלאַם־פֿלעצל. די קנישעס, די קיכעלעך און דער האָניק־לעקעך קומען ערשט שפּעטער.

נאָך ליכט־בענטשן ברענגט דער טאַטע אַן אורח אויף שבת. טייל אורחים עסן שווייגנדיק. מסתמא טראַכטן זיי פֿון זייערע פֿאַרשעמטע שבת־טישן ערגעץ ווייט אין דער מדינה. אַנדערע דערציילן גרויליקע געשיכטעס, פּאָגראָמען פֿון וועלכע זיי האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט. זיי דערציילן אויך מעשיות פֿון גוטע ייִדן, פֿון נסים ונפֿלאות. ביי מיר אין זכרון איז איינגעקריצט די מעשה וועגן אַ יונג ווייבל וואָס איז געשטאָרבן אין קינפּעט. מען האָט די טויטע אַרייַנגעזעצט אין אַ הייסער וואַנע וואַסער. מ׳האָט איר באַפֿוילן אָפּצוגעבן דאָס נפֿשל וואָס נעסטיקט אין איר. אַ מנין ייִדן האָבן געזאָגט תהלים. ער, דער אורח, איז געווען איינער פֿון זיי. ווייבער האָבן געקלאָגט. די הייבאַם האָט זיך געפּאָרעט אַרום דער טויטער: „דרינג דיך מת!“ האָט זי איר באַפֿוילן. „גיב אָפּ דאָס קינד צום לעבן וועלן מיר דיך מקבר זיין ווי ס׳קומט אַ כשרער ייִדישער טאָכטער.

דאָס בילד פֿון דער טויטער אין דער וואַנע וואַסער האָט אַפֿילו דער שלאָף נישט איבערגעריסן. נאָר דער ריח פֿון שבת קודש האָט צוריק באַרויקט דאָס געמיט. באַלד אין דער פֿרי איז געקומען מאַרינע הייצן די הרובע. זי ברענגט מיט זיך דעם ריח פֿון ראָזעווע ברויט, פֿון אַ טרונק בראָנפֿן און דעם גנאַי אויף אירע שטיוול. שפּעטער קומען די אָרעמע ווייבער. שבת גיט מען נישט קיין געלט, נעמען זיי ברויט, חלה, אַ טעפּעלע הייסע קאַווע אויסצוטרינקען בחפֿזון שטייענדיק אויף איין פֿוס ביי דער טיר. מיר וואַרטן אויף אונדזער פּריווילעגירטער אָרעמאַנעכע. זי איז נאָך גאָר אַ יונג מיידל. אירע עלטערן—אויף יענער וועלט, פֿאַרנעמט זי זיך מיט די יתומים וואָס זיי האָבן איר איבערגעלאָזט. די מאַמע זאָגט, אַז זיי וווינען אָן באַהייצונג, אָן באַלייכטונג. מיר לייגן אַריין אין איר קאָשעק אַחוץ דער חלה, אויך אַ שטיקל פֿלייש, אַ ביסל מייערן־צימעס, מלבושים פֿון וועלכע מיר זיינען אַרויסגעוואַקסן. דאָס מיידל נעמט אַלץ וואָס מ׳גיט איר. זאָגן, זאָגט זי מער נישט ווי „גוט שבת“ און „אַ גוטן שבת“.

נאָכן טשאָלענט און נאָכן קוגל ווערט שטיל אין הויז. דער טאַטע לייגט זיך צו אין אָנטועכץ אויף דער באַנק ביי דער הרובע. פֿון האַלץ ביי דער הרובע איז שוין קיין זכר נישטאָ, בלויז דאָס אַש טליעט זיך נאָך אַ ביסל. צו דער מאַמען קומען געסט. זי נעמט זיי אויף מיט טיי און קיכלעך. זי זאָגט כסדר: „געניסט, געניסט!“ בשעת זיי שמועסן פֿון „דיזן און דאָזן“, שפּיגלט זיך די קליינע אין די מעשענע לייכטערס. שבת בייט זיך איר אויסזען. פֿון דער קליינער מיידעלע ווערט אַ פֿאַרפּוצטע פּריצטע, אַזאַ ווי אין די אילוסטרירטע זשורנאַלן וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער מאַמעס שופֿלאָד. זי קליידט אָן איר אָפּבילד אין סאַמעט און אין זייד. אויף אירע ברוינע לאָקן טוט זי אָן אַ ווייסן שלייער. די לייכטער וואָס זי האָט אַזוי אייפֿעריק געפּוצט, שטיצן איר חלום ביז זון־פֿאַרגאַנג.

זונטיק איז אַ ליידיקער טאָג. עס פֿילט זיך די שטילקייט פֿאַרן שטורעם. נישטאָ מער וואָס צו טאָן ווי אויסבאַרשטן דעם טאַטנס שבתדיקע בעקעשע און זי אַריינהענגען אין שאַפֿע. דער שטורעם קומט אויף די פֿליגל פֿון מאָנטיקדיקן יריד און נעמט אַלץ איבער. מיר צעטיילן זיך, איך און זי. איך לאָז דאָס מיידעלע אין איר היפּנאָטיזירטן מצב. איך געפֿין אַן אָפֿענע טיר ביי מיין מומע רחלע. זי און מיין באָבע פֿירן אָן אַן איין־טאָגיקן רעסטאָראַן. זיי קאָכן יאַיכלעך פֿאַר די יארידניקס. יעדעס יאַיכל אין אַ באַזונדער טעפּעלע. אין יעדן טעפּעלע—אַ פֿערטל עוף פֿאַרבראָקט מיט פּעטרושקע, מיט קריפּ און נאָך מיט אַזעלכע גוטע זאַכן וואָס פֿאַרשמעקן ניט נאָר דאָס הויז, נאָר אויך דעם דרויסן ביז אין מיטן מאַרק אַריין. די אָפּנעמער פֿון די יאַיכלעך זיינען ס׳רוב סוחרים פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. ווען זיי האָבן אַ גוטן יריד, באַשטעלן זיי אַחוץ די יאָיכלעך, אַ פּאָרציע פֿאַ־גליווערטע פֿיס, אויך אַ גלעזל

בראָנפן, וואָס מיין מומע רחלע דערלאַנגט בגנבה, וואָס מ'פלעגט רופן, אונטערן טיש. די סוחרים זיצן אויסגעזעצט אַרום אַ לאַנגן שמאָלן טיש, אויף צוויי לאַנגע, שמאָלע בענק, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי הויך פאַרבעטע בעטן.

איך געדענק נאָר די קרעפּקע יידן מיט די פראָסט-באַדעקטע בערד. זיי סמאָטשקען די בייגער און כלעפּטשען די יויך. זיי פאַרגעסן אויך נישט אַ קניפּ צו טאָן מיין מומע רחלען אין הינטן, בעת זי דערלאַנגט עפּעס צום טיש.

דער רעסטאָראַן אַרבעט בלויז אום ווינטער. זומער, ווען די פּויערים זיינען פאַרנומען אין פעלד און די ירידים דרימלען אונטער, ווערט מיין מומע רחלע אַ ווייסע סוואַטשקע. אין איינעם אַזאַ נישט אַהין און נישט אַהער יריד, האָט מיין מומע חתונה געהאַט. דער חתן טאַקע איינער פון די קרעפּקע סוחרים וואָס איז איבערן ווינטער געוואָרן אַן אַלמן. ער איז אַריינגעקומען און געטראָפן מיין מומען זיצן ביי דער מאַשין נייען פרעמדע אויסשטייער. „פּאַק איין דאָס פּעקל, שוין די העכסטע צייט זאָלסט פאַרזוכן דעם טעם פון עץ החיים, האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן אין דערביי נישט פאַרגעסן איר אַ קנופּ צו טאָן אין גראָבן פלייש אַריין. ער איז פאַרבליבן איבער נאַכט ביי אַ קרוב אין שטעטל. מאָנטיק אָוונט, נאָכן יריד, האָט מען געשטעלט אַ חופּה, איינגעפּאַקט און אַוועקגעפאָרן. אויך די באָבע האָט איינגעפּאַקט איר פאַרמעגן און געקומען וווינען צו אונדז אַהיים.

מיין באָבע איז געווען אַ קליינטשיקע, אַ שטילינקע. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב שטיל ווי אַ הינדעלע. זי האָט אפילו „געדזשאָבעט" דאַרע שטיקלעך ברויט ווי אַן עוף. זי האָט די דאַרע רעפטלעך ברויט געהאַלטן אין דער קעשענע פון איר באַרכענעם אונטערראָק. עס האָט איר גענומען זייער לאַנג צו צעקייען אַ ביסן ברויט. ווען זי איז נישט געווען פליישיק האָט זי איינגעטונקען דאָס ברויט אין וואַרעמער מילך.

זי האָט געקענט קאָכן און באַקן. ביי אונדז אין הויז האָט זי בלויז געוואַשן ד אָסגעשיר. זי האָט ווייניק גערעדט, מיר קיין מעשה קיינמאָל נישט דערציילט. ערשט נאָך איר טויט בין איך געוויר געוואָרן, אַז זי איז געווען איינע פון די אַריבערגעוואָרפענע קינדער איבער דער גרענעץ. אַ קיילעכדיקע יתומה פון אַ יאָר צען, האָט מען זי חתונה געמאַכט מיט מיין זיידן, דעמאָלט אַ בחורל פון צוועלף יאָר, וועמען פּאָניע האָט זיך געקליבן צו מאַכן פאַר אַ סאָלדאַט. אַ פּויער האָט זיי געפונען וואַנדערן אין פעלד, האָט ער זיי אַרויפגענומען אויף זיין וואָגן און זיי אַריינגעפירט אין שטאָט אַריין אין סאַמע מאָנטיקדיקן יריד.

יידן בעלי רחמנים האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, זיך לאַנג געאַמפּערט וואָס מ'זאָל מיט זיי טאָן, ביז איינער אַ רייכער לעדער-סוחר, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס הויזגעזינד און אַ קראַנק ווייב, האָט דאָס פּאָרל אַריינגענומען צו זיך. ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ באַזונדער שטיבל. דער יונגערמאַן, אַ ווילקענער, האָט געלערנט מיט דעם לעדער-קרעמערס קינדער פון אלף-בית ביז גמרא. דאָס צען-יאָריקע ווייבל האָט אַרויסגעהאָלפן דער באַלעבאָסטע אין דער ווירטשאַפט.

ווען דער זיידע איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר און די באָבע זעכצן, איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן. דעמאָלט איז שוין איר מאַן געווען אַ פאָלנער מלמד, געוווינט אין אַן אייגענער דירה. חשובע בעלי-בתים האָבן געשיקט זייערע קינדער צו אים אין חדר. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט האָבן ווייבער און קינדער קיין הונגער נישט געליטן. ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט די אויגן איז די באָבע מיט אירע צוויי טעכטער געבליבן ווי אויפן וואַסער. מיין מוטער, די עלטערע, האָט באַלד חתונה געהאַט. די באָבע מיט מיין מומע רחלע האָבן באַין ברירה פאַרביטן דעם חדר אויף אַן איין-טאָגיקן רעסטאָראַן.

מיין באָבע איז איר גאַנץ לעבן פאַרבליבן אַ קינד: נאַיוו, דערשראָקן, רק געזוכט אַ ווינקל זי זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין מיינע עלטערנס פּריוואַטע סיכסוכים, אפילו דעם איינקל קיין דעה נישט געזאָגט. פּונקט אַזוי שטיל און באַשיידן ווי זי האָט געלעבט, אַזוי איז זי

אויך אויסגעגאַנגען. מ׳האָט אפילו נישט געוווּסט צי זי איז קראַנק. פאַרטאָג האָט זי מיין טאַטע געהערט אַראָפּגיין פון בעט צו טאָן איר באַדערפעניש. זי האָט זיך געוואַשן די הענט, געזאָגט אַשר יצר, צוריק אַריין אין בעט און איז געשטאָרבן.

נאָך דער באָבעס טויט האָב איך געירשנט איר באַרכענעם אונטערראָק, אַ פּאָר פאַרלאַטעטע העמדער, די אויסגעטראָגענע לאַטשן, מאָיל־צעפּרעסענע קליידער וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געטראָגן. איך האָב די ירושה צוגעלייגט צום פּעקל שמאַטעס וואָס איך האָב געזאַמלט פאַרן שמאַטילניק.

אַלע קינדער פון אונדזער גאַס האָבן געוואַרט אויפן שמאַטילניק. ער פלעגט קומען איין מאָל אין יאָר, ערב פּסח, פּונקט צום טאָג ווען די קינדער זיינען פריי געוואָרן פון שול און פון חדר. זיין האַנדל איז באַשטאַנען מיינסטנס מיט קינדער. זיי האָבן געזאַמלט פאַר אים גאַנצע זעק מיט ביינער און שמאַטעס, צעבראָכענע שטיקער אייזן, פאַרזשאַווערטע טעפּ. אין ביינער בין איך געווען אַ מיליאָנער. מיין טאַטע האָט מיט יעדן שטיקל פלייש וואָס ער האָט אַהיים געבראַכט צוגעלייגט אַ פּענכער פול מיט ביינער, קרוכלע ביינער, ביינער אויסגעטרוקנטע, אַלטע ביינער. ערב פּסח האָט זיך דער פּאַק פאַרטאָפּלט, צו מאָל אויך פאַרדרייפאַכט. דער שמאַטילניק האָט אויפגעהויבן דעם שווערן פּאַק, ניט געמאָסטן, ניט געוווויגן. ער האָט צונויפגעצויגן זיינע פאַרוואַקסענע ברעמען, אָפּגעזיפצט און אַריינגעוואָרפן דעם פּאַק אין זיין טיפן וואָגן.

ביי אים איז אַלץ געווען אַן אַרטיקל. ער פלעגט באַלוינען זיינע ליוועראַנטן מיט אַ הילצערנעם פערדל, אַ גומענעם באַלעם, אַ ליאַלקע, אַ מעשה־ביכל, אַ קניפּ אין באַק און צוגעווונטשן אַ פריילעכן פּסח. די גאַס האָט פּשוט אויפגעלעבט יעדעס מאָל ווען דער שמאַטילניק איז פאַרפאָרן מיט פערד און וואָגן. דער גלאָק האָט געקלונגען, פאַרהאָרעוועט ווייבער זיינען אים אַנטקעגן געלאָפן מיט צעריסענע קאָלדרעס, אַלטע קאַלאָשן, שיך וואָס לאָזן זיך מער נישט פאַרריכטן. פאַר דעם האָבן זיי געקראָגן אַ בלוי כוסהלע אויף פּסח, אַ גלאָז מיט אַ גאָלדענעם ראַנד. די אוצרות האָט מען איינגעפּאַקט אין צייטונגס־פּאַפּיר און אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם פון איין פּסח צום צווייטן.

די יונגע פּסח־זון האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט די פּיל־פאַרביקע גלעזער וואָס מ׳האָט אויסגעשטעלט אויפן קאַמאָד לכבוד פּסח. זי האָט זיך געשפּיגלט אין דער גרינער וואַזע, אין אליהו הנביאס רויטן בעכער, אין מיין בלויען כוסהלע מיטן דעליקאַטן אויערל. זי האָט די קאָלירן צונויפגעגאָסן, זיי כעמיש פאַרוואַנדלט אין שימערירנדיקע שטערנס. די שטערנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט און באַשפּרענקלט די פריש געקאַלכטע ווענט, די ליימענע פּאָדלאָגע, דעם ווייס־פאַרשפּרייטן טיש מיט דער פּסח־קערה אין דער מיטן.

ווען די זון האָט זיך פאַרנומען אין אַן אַנדער ריכטונג, האָב איך צעשפּרייט מיינע דינע פינגער און זי אַריינגעלאָזט אין יענעם ווינקל וווּ מיין בעט איז געשטאַנען. די שטראַלן האָבן זיך געזיפּט דורך מיינע פינגער ווי דורך אַ רעשעטע. זיי זיינען געוואָרן דאָס מעל און דאָס ברויט פאַר מיין שפּעטערן וואָגל־וועג. ווען איך האָב אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך, האָבן די שטראַלן גערעגנט ווי גאָלדענער ראָזשינקע וויין איבער מיין קאָפּ. דער וויין האָט געיוירן אין מיר. ניט געהערטע קלאַנגען האָבן אָפּגעענטפערט אין דער טיף. די זון האָט געשטעמפּלט די ניט־געריבענע נאָטן. די ליריק האָב איך אַליין פאַרפאַסט: טרייסט־ווערטער פאַר מאָרגן פ,אַר שפּעטער, פאַר קומענדיקן פּסח ווען איך וועל ווידער זיין אַ קינד.

די שפּיל פון ליכט און שאָטן איז ביי מיר שוין אַ כראָנישע. זי באַגלייט מיך אויף אַלע מיינע וועגן און אומוועגן אויך. נאָך היינט כאַפּ איך זשמעניעס שטראַלן און לאָז זיי באַלייכטן די שאָטנדיקע ווינקלען. איך רעד זיך איין אַז איך בין נאָך אַלץ אַ קינד, נאַיוו און אומשולדיק ווי מיין באָבע איז געווען. אויך איך מייד אויס מענטשן און זיי, ווי זיי וואָלטן דערפילט די אויסטערלישקייט פון אַ טשודאַק, ווילן מיט מיר קיין מגע־משא נישט האָבן.

איך קלייב נאָך אַלץ ביינער, ניט פון מיין טאַטנס כשרער יאַטקע, נאָר די וואָס

איש יאיר / מאָנטרעאַל

# נצחון לנצח

**נר לנשמת אָחי**
**יעקב יצחק, נמג"מ**

בלע המות לנצח
ומחה אדושם אלקים
דמע מעל כל פנים.
(ישעיה כ"ה:ח')

פאַרשלונגען דער טויט אויף אייביק
און אדושם אלקים וועט אָפּווישן
די טרער פון — אויף יעדן פּנים.

אַלע בענקשאַפטן אויפגעוועקט.
אַלע ווונדן אויפגעדעקט.
כ'האָקל, ביז לבנה, זילבער־שימער.

צאַפּלט דאָס האַרץ, ווי אַ פיש ערשט־געפאַנגען;
חלשט יעדער גליד אין אויסלעש —
זינקט אין נודע־זיסן נעפּל־טשאַד.

אַך, די האַק אין מיין שאַרבן !
אַך, צעמעסערטער מאַרך !

ווער וועט אָפּהייבן דעם בלאַנד פון די אויגן?
ווער וועט פאַרטרייבן די וואָנע פון בעט?
ווער וועט איינשטילן די אַנגסט פאַר ווילד־פרעמד
אַרויפקושן אויף מיר דאָס תכריכים־העמד?
וועט מיך ווער איינגעמען ווי אַ קינד, אַ פאַרקייכטס?
קילן מילדלעך, מיין שליף, אַ ווינטל, אַ לייכטס?

וועט מיך ווער נעמען מיט אַ זיכערער האַנט,
און פירן מיט בעש"טיש בטחון
צו יענער זייט קאָסמישן פרגוד
ווו ס'יובלט אור־גנוז נצחון:
לנצח, פאַרשלונגען — דער טויט !

---

זיינען שטעקן געבליבן אין מיין זכרון. איך וואַרט ער זאָל קומען דער שמאַטיל־ניק, ער זאָל אַראָפּנעמען דעם שווערן פּאַק פון מיין געבויגענער פּלייצע און אים אַריינוואַרפן אין זיין טיפן וואָגן. ער זאָל לויט זיין שטייגער מיך אַ קנופּ טאָן אַ יובעקל און מיך באַגליקן מיט אַ כוסה־לע הימל־בלוי, באַטופּט מיט ווייסע בליי־מעלעך. ווען די צייט וועט קומען, זאָל איך מאַכן אַ ברכה און ער, ער זאָל זאָגן אַ הויכן אָמן !

(אַפּריל 1983)

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / ניו-יאָרק

# לידער

## דאָס לאָמפּ-געשטעל

מיט פאַרמאַכטע אויגן גייען אויף די שטערן,
גאַנצע וועלטן ווערן
ווען ס'עפּענען זיך נאָך נישט-געפּרוווטע
טירן,
וואָס פירן
מיט שווערן סודותדיקן סקריפּען
צו נישט-געדאַכטע היילן.
אומדערשראָקן בלייבסטו שטיין
פּנים-אל-פּנים מיטן חושך
סע רעדט צו דיר
פון טונקלעניש אַ קול
ווי דעמצמאָל
יענער לאָמפּ אין חלום —
די ווייסע ווינטערנאַכט
און ער איז שוואַרץ אייזן-געוועם
האָט מיט רמזים דיר געוויזן
דעם קאַלטן אמת,
וואָס דו האָסט געוואָלט פאַרזען.
דרימלענדיק האָסטו געטראַכט:
מ'זאָגט „רעד מיר צום לאָמפּ"
נאָר דאָ איז פאַרקערט —
דער לאָמפּ רעדט צו מיר.
כאָטש נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען
זיין שאַרפן אָנזאָג
איז דער טיפער בליק
און דאָס קעלערדיקע ברומען
מיר נאָכגעגאַן
ביז טאָג.

## איבערוווּקס

פלאַקאָטן צעעפּענען זייערע סחורות,
אַ שלל פון אַל דאָס פאַראַנענע
צעשרייט זיך אויף די העכסטע קאָלירן
איבער מוחות, איבער אַלץ
און מער — רעגירן.

מיר פוסגייערס
מיט אויגן וואַכע
דרימלען צו אין מיטן גיין
פאַרוויגט פונעם טומל
פון זייער געפּאַקטער חכמה,
צעקוועטשט אונטער דער משא
הילכיקן איבערוווּקס
גייען מיר איין,
ווערן קליין.

## נאָך האַלבער נאַכט

נאָך האַלבער נאַכט ווערן טענער
קלאָרער
קרישטאָלענער
פול דינער וויבראַציע,
אפילו דער שווערער טראָפּן רעגן
ווערט פאָדעם דינע גראַציע,
נאָר איך שפּיז דורך
מיט שטומפּיקער פען
די הערמעטישע שעה
ווי אַ בלינדער אויף אַ
לויזן שטריק
אַ טראָט פאָרויס,
אַ טראָט צוריק
ביזן סאַמע
אָנדנאָ.

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# אַסימילאַציע און פּלוראַליזם אין אַמעריקע

(„די האַרוואַרד ענציקלאָפּעדיע פון אַמעריקאַנער עטנישע גרופּעס“)

אין רוב אַמעריקאַנער געשיכטע־ביכער ווערט איר ווייניק געפינען וועגן דער ראָלע פון די מינאָריטעט־פעלקערשאַפטן אין דער היסטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מערסטע היסטאָריקערס זיינען יוצא מיט אַ פּאָר פּאַראַגראַפן אָדער זייטלעך. אָבער זינט עס איז אין די זעכציקער יאָרן אויפגעקומען די ניי־עטנישע באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט זיך געפילט אַ באַדערפעניש אין אַ ווערק וואָס זאָל געבן אַן אַרומנעמענדיק בילד פון די אַלע עטנישע גרופּעס וואָס שטעלן צוזאַמען די אַמעריקאַנער נאַציע. עס איז דעריבער אַ וויכטיקע געשעעניש וואָס פאַרדינט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, דאָס דערשיינען פון דער „האַרוואַרד ענציקלאָפּעדיע פין אַמעריקאַנער עטנישע גרופּעס *). ס'איז אַ וועגווייזער צו דער געשיכטע און אייגנאַרטיקייטן פון 106 פעלקערשאַפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אַ בוך פון 1076 טאָפּל־עמודים וואָס שילדערט די געשיכטע, די קולטור, די פּראָבלעמען, דעם מצב פון די איבער הונדערט עטנישע גרופּעס וואָס לעבן אין אַמעריקע. יעדע פעלקערשאַפט ווערט באַשריבן בפרטיות, און צייטנווייז ווערט געגעבן נייער מאַטעריאַל און נייע אינטערפּרעטאַציעס.

צווישן די הונדערט צוואַנציק אַמעריקאַנער און אייראָפּעישע געלערנטע וואָס באַטייליקן זיך אין דער ענציקלאָפּעדיע געפינט מען פּראָמינענטע היסטאָריקערס, אַנטראָפּאָלאָגן, סאָציאָלאָגן, פּאָליטישע וויסנשאַפטלערס, עקאָנאָמיסטן: אָסקאַר העַנדלין, מייקל וואַלצער, נייטן גלייזער, מייקל נאָוואַק, און אונדזער אייגענעם שיקל פישמאַן. פּראָפ. פישמאַן האָט דאָ אַ גרינטלעכע, וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דער פּרעזערווירונג פון מינאָריטעט־שפּראַכן אין אַ וועלט וווּ ס'דאָמינירט אַן אַנדער שפּראַך. סטעפאַן טהאָרנסטראָם, דער רעדאַקטאָר פון דער ענציקלאָפּעדיע, איז פּראָפעסאָר פון אַמעריקאַנער געשיכטע אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט.

אַחוץ די אָפּהאַנדלונגען וועגן די אַלע עטנישע גרופּעס שליסט די ענציקלאָפּעדיע אויך איין אַ סעריע טעמאַטישע עסייען וואָס באַלייכטן אַ ריי אַספּעקטן פון עטנישקייט: געמישטע חתונות, טאָפּלטע און צעטיילטע לאָיאַליטעטן, פאָלקלאָר, די פּרעזערווירונג פון עטנישע שפּראַכן, פאַראורטיילן און דיסקרימינאַציעס, אַסימילאַציע און פּלוראַליזם — אַ צענטראַלע טעמע אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע און קעגנוואַרט. אויף דעם דאָזיקן ענין וועלן מיר זיך שפּעטער ברייטער אָפּשטעלן, ווייל ער איז ספּעציעל וויכטיק פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום.

מיר דערוויסן זיך אַז אין די 1950־ער יאָרן זיינען אַריינגעקומען קיין אַמעריקע דריי מיליאָן אימיגראַנטן; פיר מיליאָן אין די 60ער יאָרן, און פיר מיליאָן אין די 70ער יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט. אַלע פעלקערשאַפטן וואָס לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערן דאָ באַהאַנדלט: אירלענדער, איטאַליענער, גריכן, שוועדן, אַראַבער, און, פאַרשטייט זיך, יידן. און אויב מען זאָל לויט דער צאָל זייטן וואָס אַ גרופּע קריגט אין דער ענציקלאָפּעדיע שאַצן אירווירקלעכקייט, דעמאָלט זיינען יידן צווישן די וויכטיקסטע; זיי קריגן דאָ 27 טאָפּל־עמודים; די איטאַליענער — 15 זייטן; די אירלענדער — 21 זייטן; די שוועדן — 10 זייטן.

---

*) Harvard Encyclopedia of American Ethnic Groups; Stephan Thornstrom, *Editor;* Ann Orlov, *Managing Editor;* Oscar Handlin, *Consulting Ed.* 1076 pages; Cambridge, Mass. Harvard University Press; 1980. — $60.00.

געוויסע געלערנטע האַלטן, אַז אַ מערהייט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג געהערט אין דער קאַטעגאָריע „סתם״ אַמעריקאַנער (ד.ה. נישט־עטנישע מינאָריטעטן). אַנדערע מיינער אַז ס׳איז בלויז אַ גרויסע מינאָריטעט. די ענציקלאָפּעדיע נעמט אָן אַז נישט אַלע אַמעריקאַנער געהערן צו עטנישע גרופּעס. אַמעריקאַנער פון בריטישער אָפּשטאַמונג, האַלט זי, זיינען נישט קיין עטנישע גרופּע. מענטשן וואָס מען האָט אַמאָל גערופן אַנגלאָ־אַמעריקאַנער (איצט רופט מען זיי „וואַספּס״) טיילן אפשר געוויסע אויסערלעכע סטילן, אָבער זייער איצטיק לעבן פאַרמאָגט אַ שוואַכן חותם פון זייער אַמאָליקער ירושה. צווייטנס, איז עטנישקייט היינט־צו־טאָג אַ ברירה וואָס נישט אַלע אַמעריקאַנר נעמען אָן פאַר זיך. „עטנישע אידענטיפיקאַציע״, האַלט די ענציקלאָפּעדיע, איז אַ פראַגע פון פּערזענלעכן אויסוואַל, דערפאַר קען מען נישט זאָגן מיט זיכערקייט צי די עטנישע אַמעריקאַנער זיינען אַ מערהייט, אָדער אַ מינדערהייט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. האַראַס קאַלען האָט געהאַלטן אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד פון בלויז מינדערהייטן.

לאָמיר באַטאָנען, אַז כדי אַ גרופּע זאָל ווערן באַטראַכט ווי אַן עטנישע מוז זי באַזיצן אַ דיסטינקטיווע קולטור, וואָס זי האָט אויפגעהאַלטן ביז אַ געוויסן גראַד. די מיטאַרבעטער פון דער ענציקלאָפּעדיע באַציען זיך פּאָזיטיוו צו דער פּרעזערווירונג פון עטנישקייט אין אַמעריקע, הגם אייניקע טוען עס מיט באַוואָרענישן. זיי באַטאָנען אַז די אויפהאַלטונג פון עטנישקייט פאָדערט מ׳זאָל אויפהיטן אַלטע שכנהשאַפטן, און דאָס איז מחייב אַז מענטשן זאָלן פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן מיט מיטגלידער פון זייער אייגענער קולטור־ירושה. מיט אַנדערע ווערטער: עס פאָדערט ווייניקער מאָביליטעט.

## 2.

ווילן מיר, ראשית, זען ווי די ענציקלאָפּעדיע באַהאַנדלט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום — זיין קעגנוואַרט און צוקונפט. אַרטור גאָרען, אַ פּראָפעסאָר פון אַמעריקאַנער שטודיעס אין ירושלימער אוניווערסיטעט, ציינט אָן די הויפּט־מאָמענטן אין אַמעריקאַנער יידישן יישוב — זיין אויפשטייג, זיינע דערגרייכונגען, און זיין אינטעגרירונג אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. וועגן דעם רייכן קאַפּיטל: יידיש שעפערישקייט — יידישע ליטעראַטור, יידישע פרעסע, יידיש טעאַטער — זיינען פאַראַן בלויז אַ פּאָר בלאַסע פּאַראַגראַפן. כאָטש אין דער ביבליאָגראַפיע צו דער אָפּהאַנדלונג ווערט פאַרצייכנט אורווינג האָו׳ס: „די וועלט פון אונדזערע פאָטערס״ — ווו ס׳איז פאַראַן אַן אויספירלעכע אַרבעט וועגן דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור — פון דעסטוועגן איגנאָרירט דער ירושלימער פּראָפעסאָר ד ע ם קאָלאָסאַלן אויפטו פון דעם יידיש־סעקטאָר אין אַמעריקע. להיפוך צו דער נעגאַטיווער באַציונג לגבי די יידיש־קינסטלער געפינען מיר דאָ אַן אויספירלעכן, קאָנדענסירטן איבערזיכט וועגן די ענגליש־שרייבנדיקע אַמעריקאַנער יידישע שריפטשטעלערס.

דאָ דאַרף מען זיך מתווכח זיין מיט גאָרענען וועגן אַ ריי פון זיינע באַהויפּטונגען. אַזוי, למשל, שרייבט ער אַז סאָול בעלאָו, בערנאַרד מאַלאַמוד, און פיליפּ ראָטה האָבן „מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן דעם מאַטעריאַליזם, און סטערילע עטנישקייט פון זייערע עלטערן״ (זייט 593). ערשטנס איז עס פאַלש אַז די עלטערן אונדזערע אין אַמעריקע זיינען אַלע געווען „מאַטעריאַליסטן״, אָדער אַז עטנישקייט איז „סטעריל״; צווייטנס, איז אפשר ריכטיק וואָס גאָרען זאָגט בנוגע דעם לעצטן שריפטשטעלער (ראָטה), ס׳איז אָבער ווייט נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר די ערשטע צוויי.

וואָס שייך יידישן המשך אין אַמעריקע דערקלערט גאָרען קאַטעגאָריש, אַז אין די פאַלן פון געמישטע חתונות האָט דער ייד זיך געשמדט, און עלטערן האָבן איבערגעריסן זייערע פאַרבינדונגען מיט די „דעזערטירנדיקע קינדער.״ דאָס שטימט נישט אין רוב פאַלן. אַ ריי אַמעריקאַנער יידישע סאָציאָלאָגן האַלטן אַז אין פופציק פּראָצענט פון געמישטע חתונות ווערן די קינדער דערצויגן ווי יידן.

אין דער זעלביקער אָפּהאַנדלונג גיט גאָרען צו אַז אַרום 25 פּראָצענט נישט־ייִדישע פּרויען האָבן זיך מגייר געווען ווען זיי האָבן געהייראַט מיט אַ ייִד. אייניקע ייִדישע סאָציאָלאָגן האַלטן אַז 50% קינדער פון געמישטע חתונות ווערן דערצויגן ווי ייִדן.

פּראָפ. גאָרען איז מודה, אַז אַ דאַנק זייער געשיכטע און קולטור זיינען אַמעריקאַנער ייִדן געוואָרן צוגעגרייט אויפצוהאַלטן זייער קאָלעקטיווע עקזיסטענץ, און זיי האָבן באַוויזן אויפצובויען אַ פאַרשידנאַרטיק געמיינדע־לעבן. הייסט עס אַז דער ייִדישער קיבוץ אין אַמעריקע האָט אויפגעבויט אַ יסוד פאַר דער צוקונפט. אָבער, ווי עס טרעפט מיט שלילת הגלותניקעס פאַרענדיקט ער זיין עסיי אויף אַ פּעסימיסטישער נאָטע: פאַר קיורמיסטן, טענהט ער, איז ייִדיש לעבן אין אַמעריקע בלויז אַ שוואַכע אָפּשפּיגלונג פון דער קולטורעלער און רעליגיעזער טראַדיציע פון וועלכער עס איז אַ המשך. הגם דאָס גאַנצע בילד וואָס ער מאָלט פון דער ייִדישער פּאַנאָראַמע אין אַמעריקע איז נישט טונקל, פון דעסטוועגן קומט ער צו דער איינזייטיקער מסקנא, אַז די אינסטיטוציאָנעלע שטאַרקייט פון דער ייִדישער געמיינדע איז אין גאַנצן אָפּהענגיק פון אירע אָפּרופן אויף די קריזיסן אין ישראל. איז אויב אַזוי, פרעגט ער, וואָס וועט געשען ווען די קריזיסן אין ישראל וועלן זיין אַריבער? וואָס וועט דעמאָלט זיין די טרייבקראַפט, דער סטימול פאַרן אַמעריקאַנער ייִדישן המשך?

אויף דער דאָזיקער קשיה איז לייכט צו ענטפערן: דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ הייבט ערשט אָן זיין תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע, און דער דריטער און פערטער דור ייִדן אין אַמעריקע רוקט ערשט אַרויס זיינע ערשטע, עכט־ייִדישע, המשכדיקע, שעפערישע פּערזענלעכקייטן. אַלע סימנים ווייזן אָן אויף אַן אויפשטייג פון ייִדישקייט אין אַמעריקע. און וואָס שייך דער סכנה" אַז ס'וועלן „חלילה" אויפהערן די קריזיסן אין ישראל, איז, ראשית, קען מען אָפּפרעגן די גאַנצע סברא אַז מיר נייטיקן זיך אין קריזיסן כדי צו סטימולירן ייִדישן קיום אין אַמעריקע. צי זיינען דען פון קלענערן באַטייט פאַר אונדזער צוקונפט די אינטרינזיקאַלישע ווערטן פון ייִדישער גייסטיקייט? צווייטנס, הערן מיר נאָך דערוויַיל נישט די ערשטע טריט פון משיחן — ווען מדינת־ישראל און די תפוצות וועלן אונדז אויפהערן „צושטעלן" קריזיסן... אַחוץ ישראל, וועלן אונדז אויך די ייִדישע צעשפּרייטקייטן „פאַרזאָרגן" מיט קריזיסן פאַר אַ לאַנגער צייט. ליידער... ווי שמעון ראַווידאָוויטש זאָגט: „דאָס שטאַרבנדיקע ייִדישע פאָלק" ווּעמען מען זאָגט כסדר אָפּ דאָס לעבן, הערט נישט אויף צו לעבן און שאַפן.

## 3.

ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט ווערן אין דער ענציקלאָפּעדיע באַהאַנדלט אַ ריי אַספּעקטן פון עטנישקייט וואָס זיינען אַקטועל אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. וועלן מיר זיך אויף די אַלע פּאַזן דאָ נישט קענען אָפּשטעלן. מיר ווילן יאָ באַטראַכטן דעם ענין: אַסימילאַציע און פּלוראַליזם, אַ צענטראַלער פּראָבלעם וואָס איז שטאַרק נוגע דעם היגן ייִדישן קיבוץ; אַ פּראָבלעם וואָס ווערט אויספירלעך דיסקוטירט אין דער ענציקלאָפּעדיע פון צוויי געלערנטע: די פּראָפעסאָרן מייקל וואַלצער און מייקל נאָוואַק, באַהאַנדלען די טעמע פון אַ פּאָליטישער און הומאַניסטישער פּערספּעקטיוו.

פּראָפּ. וואַלצער גיט אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער פּאָליטישן פּלוראַליזם אָנווייזנדיק אַז די אַלטערטימלעכע גריכן האָבן אָנגענומען די עטנישע האָמאָגענישקייט פון די מלוכות וועגן וועלכע זיי האָבן געשריבן. איין פאָלק, האָבן זיי געהאַלטן, שאַפט איין מלוכה. אויך אַמעריקאַנער פּאָליטיקער ווי דזשאַן דזשעי (1829-1745) — דער ערשטער הויפּט־ריכטער פון סופרים קאָורט — האָבן געהאַלטן אַז אַמעריקאַנער זיינען איין פאָלק וואָס שטאַמט פון די זעלבעקע אָבות, רעדט די זעלביקע שפּראַך, פּראַקטיצירט די זעלביקע רעליגיע, און איז ענלעך אין זיינע מנהגים און מאַניערן. ערשט ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט זיינען הנחות פון האָמאָגענישקייט געוואָרן פאַרפּעסטיקט מיט נייע דעמאָקראַטישע התחייבותן

און זיינען דערגאַנגען צו דער פאָדערונג פון אומאָפּהענגיקייט.

לויט וואַלצערן האָבן די ערשטע אַמע־ריקאַנער פּלוראַליסטישע שרייבערס — האָראַס קאַלען, ראַנדאָלף בוירן, לואי אַדאַמיק — נישט באַוויזן צו פּראָדוצירן אַן אַדעקוואַטן פּלאַן וועגן דער שייכות צווישן דעם איינעם פּאָליטישן שטאַט, און די פילצאָליקע קולטור־קאָלעקטיוון. זייער פּאָליטישע שיטה, מיינט ער, איז געווען אַ נישט־דורכגעטראַכטער ליבעראַליזם. זיי האָבן פּאַרטיידיקט דעם אינטרינזיקאַ־לישן ווערט פון מענטשלעכער פאַרשידנ־קייט, און די באַדערפעניש פון מענטשן פאַר היסטאָרישע און קאָמונאַל־געשאַפּע־נע לעבנס־פאָרמען. זיי זיינען געווען קעגן יעדער סאָרט רעגימענטאַציע, אָבער זיי האָבן נישט קלאָר געמאַכט ווי אַזוי די פאַרשידענע עטנישע גרופּעס וועלן ווערן צוזאַמענגעהאַלטן אין איין פּאָליטישן אָר־גאַניזם — צי מלוכה־מאַכט וועט באַנוצט ווערן פאַר די באַזונדערע פעלקערשאַפטן, אָדער וועלכע סאָציאַלע טעטיקייטן ס׳־דאַרפן איבערגעלאָזט ווערן פאַר די באַ־זונדערע גרופּעס.

עטנישער אַליין־אויסדרוק אין אַמערי־קע, האַלט וואַלצער, איז דער פונקציאַנע־לער עקוויוואַלענט פון נאַציאָנאַלער באַ־פרייונג אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט. עס דינט די דריי פונקציעס: 1) קאַלענס קולטור־פּלוראַליזם איז דער עיקר באַ־שעפטיקט מיט פאַרטיידיקן די רעכט פון די נייע אימיגראַנטן צו שאַפן קולטורעלע געמיינדעס; 2) צו באַזינען די אָדער יע־נע אידענטיטעט; 3) צו בויען און אויפ־צוהאַלטן די צוריק אויפגעשטעלטע גע־מיינדעס, צו שאַפן אינסטיטוציעס, צו באַ־זאָרגן דערציערישע אַנשטאַלטן. אָבער די דאָזיקע געמיינדעס האָבן נישט ווי די מלוכה, קיין צוואַנג־אויטאָריטעט איבער זייערע מיטגלידער; זיי קאָנען בלויז פונקציאָנירן ווי פּרייוויליקע געזעל־שאַפטן. זיי דאַרפן מאַכן פון עטנישקייט אַן אידעאַל כדי צו געווינען אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט.

אויפן יסוד פון דערפאַרונג, פּירט וואַל־צער אויס, קען מען זאָגן אַז עטנישער פּלוראַליזם איז נישט אין סתירה צו אַן אוניפיצירטער רעפּובליק. עס איז, ווי קאַלען וואָלט געזאָגט, דער אויסדרוק פון דעמאָקראַטיע אין דער קולטור־ספערע. דעריבער דאַרף מען דערלויבן מלוכה־פאָנדן פון אַלגעמיינע שטייערן צו שטיצן פאַרשידענע טעטיקייטן פון די עטנישע מינדערהייטן, אַזעלכע ווי דערציונג, סאָ־ציאַלער ווילזיין, און אַנדערע. אין אַ העטעראָגענער געזעלשאַפט, ווי די פאַר־אייניקטע שטאַטן, וועט, לויט וואַלצערן, דער נאָרמאַלער דעמאָקראַטישער פּראָ־צעס, אַ דאַנק אַ באַלאַנסירטער וואַל־ליסטע, און דער אַראַנזשירונג פון גרופּן קאָאַליציעס, באַוואָרענען די עטנישע מינדערהייטן מיט אַ געוויסער אומפּאַר־מעלער רעפּרעזענטאַנץ ביים אַסיגנירן פאָנדן.

גלייכצייטיק מיט דעם ר ע כ ט אויפ־צוהאַלטן די אייגענע עטנישע קולטור, שטרייכט דער געלערנטער אונטער, דאַרף די מלוכה נישט העלפן פּרעזערווירן יענע עטנישע פעלקערשאַפטן וואָס קענען נישט אָדער ווילן נישט זיך אויפהאַלטן; די מלוכה דאַרף בלויז זען אַז די געלעגנהייטן אויפצוהאַלטן די עטנישע קולטור זאָל זיין בנימצא, און דאָס איז מחייב אַז אַלע ביר־גער זאָלן האָבן אַ גלייכן חלק אין די רעסורסן פון אַמעריקאַנער לעבן. מיט אַנדערע ווערטער — דער פּלוראַליזם איז אויף אַזוי פיל עפעקטיוו, אויף וויפל דער קאָלעקטיווער ווילן פון דער עטני־שער גרופּע איז וויטאַל, און אויף וויפל די מיטגלידער זיינען איבערגעגעבן צום אידעאַל.

בעת פּראָפ. וואַלצער האָט אין דער אָפּ־האַנדלונג פאַרהיינטצייטיקט קאַלענס קול־טור־פּלוראַליזם, און האָט אָנגעצייכנט די ליניע פון זיין פּראַקטישער רעאַליזירונג אין דער פּאָליטישער סטרוקטור פון אַמע־ריקע, באַוואָרנט ער זיך אַז פּאָליטישער פּלוראַליזם איז נאָך אַלץ אַן עקספּערי־מענט וואָס מען דאַרף אויספּרובירן וויז־אַווי דעם היסטאָרישן און טעאָרעטישן כוח פון דער נאַציע־מלוכה. דאָס איז אוודאי נישט אָפּפרעגלעך. אָבער דאָס איז אויך חל פון דעמאָקראַטיע און אויף פרייהייט; אויך זיי מוז יעדער דור אויפ־סניי דעראָבערן פאַר זיך; אויך זיי זיינען

בבחינת „עקספּערימענט". נישטאָ קיין גאַראַנטיע אויף אייביקייט אפילו פֿאַר דער נאַציע־מלוכה.

## 4.

אַ פּאַרטיפּטע שטודיע איבער פּלוראַ־ליזם פֿון אַ הומאַניסטישער פּערספּעקטיוו האָט דאָ בייגעשטייערט דער באַוווּסטער ליבעראַלער קאַטוילישער געלערנטער מייקל נאָוואַק. אין דער דאָזיקער עסיי, מיט אַ ריי רעפֿערענצן צו דער יידישער דערפֿאַרונג אין אַמעריקע, זעצט ער פֿאַר דעם געדאַנקען־גאַנג וואָס ער האָט אַנט־וויקלט אין זיין בוך: „די נישט־שמעלץ־באַרע עטניקס", אַרויסרוקנדיק די קאָנ־צעפּציע פֿון אַ פּלוראַליסטישער פּערזענ־לעכקייט... ער סקיצירט דעם אויפֿשטייג פֿון עטנישן באַוווּסטזיין נאָך דער צווייי־טער וועלט־מלחמה אונטערשטרייכנדיק אַז גלייכצייטיק מיט אַלע האָמאָגעניזירנ־דיקע השפּעות אין לעצטן טייל פֿון 20סטן יאָרהונדערט, איז אומעטום פֿאַרגעקומען אַ וווּקס פֿון עטנישקייט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אויפֿסניי זיך אומצוקוקן אויף די מאָראַלישע יסודות פֿון זייער טראַדי־ציאָנעלער קולטור.

פֿאַר מערסטע מענטשן, האַלט ער, איז דער אויסוואַל נישט קיין דיכאָטאָמיע — אָדער טראַדיציאָנעל, אָדער מאָדערן — נאָר דער סטאַטוס פֿון דער געירשנטער חכמה איז גשטיגן, בעת די פּאָזיציע פֿון דער מאָדערנער קולטור איז געפֿאַלן. דאָס פֿאַרשן פֿון „וואָרצלען" האָט געצויגן אי דעם אויפֿמערק פֿון געלערנטע, אי פֿון פֿאָלק. אין אַ צייט פֿון קריזיס און מאָראַ־לישער מבולבלדיקייט זוכט מען אַ באַנייי־אונג אין עבר. פֿעלקער אין יעדן וועלט־טייל ווערן מער באַוווּסטזיניק וועגן אַנ־דערע און וועגן זייער אייגענער אידענטי־טעט.

ספּעציעל אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַ פּלוראַליסטישע נאַציע ווו קולטורעלע פֿאַרשידנקייט שפּילט אַ באַזונדער פּסי־כאָלאָגישע ראָלע, דאָ, אין דער פֿיל־פֿעל־קערדיקער געזעלשאַפֿט אַנטוויקלט זיך אַן אייגנאַרטיקער פּסיכאָלאָגישער טיפּ: „די פּלוראַליסטישע פּערזענלעכקייט"... הגם ראַטן־רוסלאַנד, אינדיע, כינע, זיינען אויך מולטינאַציאָנאַלע שטאַטן, איז אָבער די אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט לכת־חילה געגרינדעט געוואָרן אויף דריי וויכ־טיקע פּרינציפּן וואָס האָבן געפֿירט צו אַן אייגנאַרטיקן עקספּערימענט אין פּלוראַ־ליסטישן לעבן.

די דאָזיקע דריי פּרינציפּן האָבן צוגע־גרייט אַ ציוויליזירטן באַלאַנס צווישן איינקייט און פֿאַרשידנקייט פֿאַר דער שטודיע פֿון אַ צוקונפֿטיקער וועלט־ציוויי־ליזאַציע: 1) אין אַמעריקע איז עטניש־קייט נישט געוואָרן אַן אינסטרומענט פֿון טעריטאָרעלער סווערעניטעט; פּאָליטי־שע רעכט ליגן דאָ אין יחידים, נישט אין עטנישע עדות (קאָלעקטיוון); 2) יחידים זיינען פֿריי זיך יאָ, אָדער נישט צו אידענ־טיפֿיצירן מיט אַן עטנישער גרופּע; 3) יחידים וואָס אָרגאַניזירן זיך אין וואָלונ־טאַרע אַסאָסיאַציעס ווערן דערמוטיקט צו שטאַרקן יענע סענטימענטן, זכרונות, אינספּיראַציעס און אויספּירונגען פֿון דער גרופּע וואָס זיי קלייבן אויס. דער שטאַט איז דערמוטיקנדיק דורך שטייער־געזעצן אָדער אַנדערע לעגאַלע פּרינציפּן, ווי למשל, אַ באַלאַנסירטער וואַל־צעטל, וועמענס ציל ס'איז איינצושליסן יעדע עטנישע גרופּע אין עפֿנטלעכן לעבן פֿון „אַמעריקאַנער פֿאָלק".

אין דעם זין, האַלט נאָוואַק, איז דער „שמעלץ־טאָפּ"־באַגריף געווען אַ מעכטי־קער מיטאָס אין אַמעריקאַנער לעבן. פֿון דער אַנדערער זייט, פֿאַרלאַנגט נישט די שבועה ביים ווערן אַ בירגער פֿון לאַנד מ'זאָל אויפֿגעבן די פֿריערדיקע קולטורע־לע געשיכטע. דער „שמעלץ־טאָפּ" איז נישט מחייב אַז מ'זאָל אויפֿשמעלצן די קולטורעלע אונטערשיידן צווישן דער אַמעריקאַנער נאַציע. דער רעזולטאַט פֿון דעם עקספּערימענט אין פּלוראַליזם איז „אַ פּלוראַליסטישע פּערזענלעכקייט". אין דער אַמעריקאַנער פּלוראַליסטישער גע־זעלשאַפֿט האָבן אַ סך מענטשן די מעג־לעכקייט צו ווערן באַקאַנט און אַריינגע־טאָן אין אַ סך קולטורעלע טראַדיציעס וואָס זיינען לכתחילה נישט געווען זייערע, און צו אַפּראָפּריאירן אידעען און ווערטן וואָס זיינען נישט געווען קיין טייל פֿון

זייער דערציונג. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם אַלעם, האַלט נאָוואַק, זיינען יחידים אין אַמעריקע גרייט צו אַנטוויקלען אַ סך קולטורעלע וואָרצלען. די וואָס שטאַמען פון אַנגלאָ־אַמעריקאַנער זיינען גרייט צו לערנען די פּאָליטישע געשיכטע, די שפּראַך און ליטעראַטור פון אַמעריקע.

„פון דער יידישער טראַדיציע לערנען מיר אַ פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע סאָפיסטיצירטקייט, צו קוקן אונטער דער אויבערפלאַך פון יחיד און געזעלשאַפט, און אַ חוש פאַר דער לאַנגער ווירקלעכקייט פון דער מערבדיקער געשיכטע ווי יידן האָבן זי איבערגעלעבט"; פון די אַנדערע עטנישע גרופּעס נעמט מען איבער אַנדערע טייערע ווערטן. (זייט 777).

אַחוץ דעם נעמען מיר אָנטייל אין דער „בשותפותדיקער קולטור" — מיר טיילן די הויפּט נאַציאָנאַלע דערפאַרונג: פּראָספּעריטעט און דעפּרעסיעס, מלחמה און שלום, גרויסע מאָראַלישע פּירערשאַפט און טרויעריקע אָפיציעלע דורכפאַלן. די בשותפותדיקע קולטור ווערט אויפגעבויט דורך דעם מעכטיקן איינפלוס פון דער אַלגעמיינער שפּראַך, און דער לעגאַלער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער טראַדיציע. אין דעם זינען אַנטוויקלט יעדער איינער אַ „פּלוראַליסטישע פּערזענלעכקייט", וואָס איז אַ געווינס פאַר דער מענטשלעכער קולטור, ווייל זי האָט אַ מעגלעכקייט צו זען זאַכן פון אַ סך פּערספּעקטיוון. אַוודאי פאַרשטייט נאָוואַק אַז נישט אַלע מענטשן זיינען גלייך; יעדער מענטש איז באַגרענעצט אין זיינע סימפּאַטיעס און אויפנעם־פעיקייטן; קיינער האָט ניט די פעיקייט צו פאַרשטיין אַלצדינג וועגן אַלץ.

פאַר יידן וואָס האָבן במשך צוויי טויזנט יאָר געלעבט צווישן אַלערליי פעלקער און קולטורן וועט נישט זיין פרעמד נאָוואַקס היפּאָטעזע פון אַ „פּלוראַליסטישער פּערזענלעכקייט". מיר האָבן אין אַלע תפוצות אַנטוויקלט, אויב נישט קיין פּלוראַליסטישע איז אַ צוויי־קולטורישע פּערזענלעכקייט. מיר האָבן געקענט, און צום טייל אפילו אַפּראָפּריאירט טיילן פון דער נישט־יידישער קולטור און ציוויליזאַציע, ווי עס דערציילן אונדז יידישע היסטאָריקערס. נאָוואַקס הנחה דערמאָנט אייך — ווען איר ווענדט זי אָן אויף יידן — אין דער דאָקטרין פון דעם אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט - סאָציאָלאָג טהאָרסטאָן וועבלען (1857-1929) וועלכער האָט אין זיין באַרימטער עסיי וועגן דער אינטעלעקטועלער פּראָמינענץ פון יידן אין מערב־אייראָפּע אַנטוויקלט די טעזע פון דער יידישער „סקעפּטישער פּערזענלעכקייט", וואָס האָט אַ דאַנק איר סקעפּטיציזם און צוויי קולטורישקייט זיך באַפרייט פון די קאָנווענציאָנעלע אמתן און טראַדיציעס, און דערפאַר האָבן יידן אַזוי פיל בייגעשטייערט צו דער מערב־אייראָפּעישער קולטור. דער דאָזיקער זאָג וועגן יידישן חלק אין דער מאָדערנער קולטור איז אַוודאי אויך חל אויפן יידיש־אַמעריקאַנער שבט, און פּראָפעסאָר נאָוואַק גיט דאָס צו.

די האַרוואַרד ענציקלאָפּעדיע שפּיגלט אָפּ דעם איצטיקן גייסטיקן קלימאַט, און די דאָמינירנדיקע אידעען אין שייכות צו עטנישקייט וואָס זיינען היינט־צו־טאָג אָנגענומען אין ברייטע קרייזן אין אַמעריקע. און פּונקט ווי די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיע אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט רעפלעקטירט די אידעען פון דער אויפקלערונג־עפּאָכע, און האָט מיטגעהאָלפן אין זייער פאַרשפּרייטונג, אַזוי קען די איצטיקע ענציקלאָפּעדיע וועגן אַמעריקאַנער עטנישע גרופּעס מיטהעלפן צו פאַרפעסטיקן אירע גרונט - איינשטעלונגען וואָס זיינען פּאָזיטיוו צום אויפבאַלט פון עטנישע טראַדיציעס בכלל, און צו אַ יידיש־קולטורעלן המשך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## 1. די נאַכט

די נאַכט וואַרט,
און איך שלאָף ניט.
אַז כ'וועל שלאָפן,
וועט אַלץ ווערן
אָרעמער.
איך וועק עפּעס
אַלע מאָל אויף,
מיטן עפּענען אַן אויג.
מיטן אויסקערעווען זיך
אַהין,
אָדער אַהער,
קערווע איך
דאָס ליכט צו זיך.

## 2. נעם דעם וואַלד

נעם דעם וואַלד,
און פּלאַנץ פון אים
אַ בוים.
פּלאַנץ פון אים
אַ געבעט.
ס'איז דאָ אין אים
אַ בוימערישער קערן.
אַ צושטאַנד,
צו פלעכטן
צווייגן.
אַ תהום
פאַר אַ וואַלד.

## 3. דער מהלך

דער מהלך
איז אַזוי לייטזעליק
אַז איך ווער
איינגעדרימלט.
ווי
וועל איך זיך באַלד
אין אַזאַ שטאַנד,
מיט אַ דרימל העכער
געפינען?
ווי
וועל איך
אין אַזאַ צייטלאָזיקייט
זיך אַהינטאָן?
דער פאַרנעם
איז גאָלדזאַם
און נישט הי.

## 4. אין קעגנזאַץ

אין קעגנזאַץ
צו דער שעה,
דערשיינט די שקיעה
תמיד ווי מיין אָנהייב.
ס'איז אויך אפשר
אין קעגנזאַץ
צום וואָרט.
אָבער פאָרט,
איז עס אַזוי
אינם ניגון,
צווישן מיר
און דער זון.

## 5. איך פינקל

איך פינקל
אינם פאַרנאַכט,
און ברענג אויף אינם רוים
נאָך אַ שאָטן.
נאָך אַ מין
אין דער געהיימקייט.
נאָך אַ ווינקל
אינם טויט.

## 6. איך קום אָן

איך קום אָן
צום טורעם
און צו דער שקיעה.
איך פּאַרטרעט
דעם בוים
און דעם קיום.
דעם ים
און דעם שבת.
די לבנה
און דאָס פּלאַטערל.

## 7. כ׳קאָן נישט

כ׳קאָן נישט
אַרויפגיין אויף אַ באַרג,
און נאָר שרייען.
כ׳קאָן אפילו נישט
אַלע מאָל
אַרויסטויכן פון מיין פּנים.
דורכגיין
כאָטש איין טאָג
אָן אַרויסגעטויכטער.
כוועל אפשר מוזן
זיך נאָר אויסשטרעקן
אין אַן אָפּשייד.
אַנען
איבער זיך אַליין.

מישעל גוטקעוויטש
יידיש: מלכה חפץ טוזמאַן

## מיין כעס איז אייגעפרוירן...

**1.**

מיין כעס איז איינגעפרוירן
ווי די פאַרפרוירענע זכרון־בילדער פון דיר,
מאַמע.
מ׳האָט מיר אפילו נישט מיטגעגעבן אַ בילדל פון דיר,
מאַמע.
נאָר מיין מוח
געשווינדער ווי אַן אַפּאַראַטל
האָט אויפגעכאַפּט דיין קילע, שטילע, שטאָלצע שיינקייט,
דו ביסט אַוועק.
איך בין געבליבן
קניענדיק ביי מיין בעטל וואַך
צו דיין אומקער, מאַמע.

## .2

האָסט אפשר געמיינט אַז
זייענדיק ווייט פון דיר
וועל איך דיך פאַרגעסן.
אַ, ווי אָפּגענאַרט דו האָסט זיך, מאַמע.
דו ביסט אַוועק און
פון דעמאָלט אָן
אַ ליאַדע סענטימענטאַלע מעשהלע פון פאַרראַט טוט מיר ווי
און דאָך
איך זוך דיך אין יעדער פרוי, מאַמע.

## .3

עמיץ איז געקומען אין מיטן נאַכט,
איינגעפּאַקט מיינע וואַליזעס,
צום סוף אַריינגעלייגט מיינע טיכעלעך,
צווי ביכעלעך
און אַ קעסטעלע מיט קליינע הילצערנע שיפעלעך.
„זאָג אַדיע".
מיין בעטעלע —
דאָס לעצטע ביי דער וואַנט
מיטן רונדן פענצטערל אין דער הייך.
„אַדיע".
לאַנגע רייען בעטעלעך שעפּטשען:
אַדיע, אַדיע.

וווהין פירט מיך אָט דער פרעמדער מאַן אין באַן?
„זאָג אַדיע צו פראַנס"
די גרינע פעלדער גליטשן זיך אַוועק.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# די פאַרשווערונג קעגן ירושלים

**ירושלים — דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק. — די העצעס אַז די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער היסטאָרישער שטאָט... — יונעסקאָ, דער פאַרשפּרייטער פון דער שענדלעכער פעלשונג. — אוצרות פון אַ פאַרצייטיקער וועלט, וואָס די ישראל־פאָרשערס אַנטפּלעקן.**

די טייוולאָנישע פאַרשווערונג פון די שונאי ישראל איז איצט קעגן ירושלים. די אייביקע הויפּטשטאָט פון ארץ ישראל, דאָס האַרץ פון דער יידישער אומה, די קרוינשטאָט פון יידישן היימלאַנד זינט די צייטן פון די מלכים — שטייט די שונאים ווי אַ ביין אין האַלדז. ווי אַ סטאַדע וועלף לויערן זיי אויף דער דאָזיקער עיר הומיה, וואָס ווערט איצט ווידער אויפגעריכט צו איר אַמאָליקער פּראַכט.

יונעסקאָ, דער פּראָנט פון דעם אַראַביש־קאָמוניסטישן בלאָק אין דער יו־ען האָט שוין לאַנג געפּסקנט, אַז ישראל איז נישט ראוי צו בלייבן אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער דאָזיקער קולטור־וויסנשאַפטלעכער אַגענטור אין די פאַראייניקטע פעלקער. פאַרוואָס? איז דער תירוץ, ווייל מיט אירע אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען ענדערט זי דעם כאַראַקטער פון דער היסטאָרישער ירושלים...

אויב דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס, איז עס די שענדלעכסטע פעלשונג אין אונדזער ציוויליזאַציע.

לאָמיר נענטער אַ קוק טאָן ווי אַזוי די אַרכעאָלאָגישע אַרבעט פון די יידישע געלערנטע און פאָרשערס ענדערן דעם כאַראַקטער פון דער פאַרצייטיקער ירושלים.

זינט דער באַפרייונג פון מזרח־ירושלים אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, וואָס די צבֿאַבער האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויף דער יידישער מדינה, זיינען די ישראל־אַרכעאָלאָגן כסדר באַשעפטיקט ביים רעסטאַווּרירן און אויפריכטן דעם אָריגינעלן אויסזען פון דער היסטאָרישער ירושלים.

די פאַראייניקטע ירושלים, ירושלים השלימה, האָט אַוועקגעשטעלט די ישראל־רעגירונג פאַר קאָלאָסאַלע אויפגאַבן און געגעבן די פאָרשערס און אַרכעאָלאָגן אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן.

אומבאַקאַנטע טויערן זיינען געעפנט געוואָרן. פאַרבאָרגענע ווענט, פאַרשאָטענע היילן זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן. גאַנצע קוואַרטלן, גאַסן, מערק, וואָס זיינען געלעגן אין פאַרהוילעניש אַ פּאָר טויזנט יאָר, ווערן פון דאָס ניי אַנטפּלעקט. די פּראַכט און רום פון דער אייביקער יידישער שטאָט ווערט ווידער אויפגעלעבט דורך די פלייסיקע אַרכעאָלאָגן.

די גרעסטע אַנטפּלעקונגען ווערן געמאַכט מחוץ די מויערן פון דער אַלטשטאָט און דאָרט ווערן אויפגעדעקט חידושים פון יענער אוראַלטער ירושלים, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דוד המלך.

ווען די ישראל־זעלנער, די באַפרייער, זיינען אַרייַן אין דער אַלטער שטאָט אין יוני, 1967, איז דער גרויסער יידישער קוואַרטאַל, מיט די הייליקטימער, היסטאָרישע שולן און הויפן — געלעגן חרוב און פאַרוויסט. דער יידישער קוואַרטאַל איז געווען אין דעם דרום־ראַיאָן פון מזרח ירושלים, אַקעגן דעם כותל מערבי.

די יאָרדאַנער, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון ניינצן יאָר געהאַלטן אָקופּירט מזרח־ירושלים האָבן געבראָכן דעם וואָפן־שטילשטאַנד־אָפּמאַך פון 1948 און חרוב געמאַכט און פאַרשוועכט אַלע שולן, בתי־מדרשים און ישיבות, וואָס זיינען דורך הונדערטער יאָרן געווען פאַרהייליקט ביי די ארץ ישראל־יידן און אויך ביי די יידן אין אַלע עקן וועלט.

צו רעסטאַווּרירן דעם אַלטן קוואַרטאַל, צוריקצוגעבן דעם יידישן כאַראַקטער דעם מזרח־טייל פון ירושלים האָט די ישראל־רעגירונג פאָרמירט אַ ספּעציעלע בוי־געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט דער אויפלעבונג און אַנטוויקלונג פון דער חרובער געגנט. אין משך פון

די אָפּגעלאָפֿענע יאָרן זיינען די אַלטע, באַשעדיקטע בנינים איבערגעבויט גע־וואָרן און נייע געביידעס זיינען אויפֿ־געריכט געוואָרן.

עס ווערט געשאַצט אַז ווען דער ווידער־אויפֿבוי פֿון דעם יידישן קוואַרטאַל אין אַלט־ירושלים וועט זיין פֿולשטענדיק פֿאַרענדיקט, וועט די בוי־געזעלשאַפֿט האָבן אינוועסטירט הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן און ס׳וועלן זיין גרייט וווינ־ערטער פֿאַר נאָך צענדליקער טויזנטער מענטשן.

די געשיכטע פֿון דעם יידישן קוואַר־טאַל אין מזרח־ירושלים איז פֿול מיט דראַמאַטישע קאַפּיטלעך. ס׳איז אָנגענו־מען ביי היסטאָריקערס און פֿאָרשערס, אַז די צפֿון־מויער פֿון ירושלים, וואָס דער מלך דוד האָט געבויט, געפֿינט זיך 220 יאַרד צו דרום־מזרח פֿון די היינטיקע חומות, וואָס רינגלען אַרום די אַלטשטאָט. און דער פּלאַץ וואָס ווערט אָנגערופֿן שילה, שטעלט מיט זיך פֿאָר די דרויסנ־דיקע גרענעץ פֿון דודס שטאָט.

די סאַמע נייעסטע אויסגראָבונגען אוי־סער די מויערן פֿון מזרח־ירושלים זיינען אַ קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם גענויען אויסזען פֿון דער פֿאַרצייטיקער ירושלים אונטער דוד המלכס הערשאַפֿט. די אַרכעאָלאָגישע אַרבעט וואָס קאָנצענ־טרירט זיך אין יענעם ראַיאָן, גיט אָנצו־הערן, אַז ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז הינטער די הויפֿנס ברוכוואַרג פֿון אַ סך יאָרהונדערטער וועט מען אין איינעם אַ טאָג געפֿינען די שפּורן פֿון אַ פּאַלאַץ, געבויט פֿון שטיינער און צעדערן, וואָס דוד המלך האָט געלאָזט בויען פֿאַר זיך אַליין, אינאיינעם מיט די באַראַקן פֿון זיין מיליטערישן גאַרניזאָן און אויך די היי־זער וואָס ער האָט געבויט פֿאַר די כהנים און זיינע מלוכה־באַאַמטע.

דוד המלך, ווי מיר ווייסן, האָט נישט געטאָרט בויען דעם ערשטן בית־המקדש. דער באַשעפֿער אַליין, ווי עס ווערט דער־ציילט אין תנ״ך, האָט אים דאָס פֿאַר־ווערט. געבויט דעם בית־המקדש האָט זיין זון שלמה, און אויף די חורבות פֿון יענעם בית־המקדש האָט קעניג הורדוס איבערגעבויט דעם צווייטן בית המקדש, ווען ער האָט רעגירט איבערן פֿאָלק.

די געשיכטע דערציילט, אַז הורדוסעס הערשאַפֿט האָט געדויערט 33 יאָר. אָבער אויפֿן אָרט ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס פּראַכטיקע הייליקטום, שטייט היינט דער מוסולמאַנישער מעטשעט אָמאַר.

טייל פֿון די ישראל אַרכעאָלאָגן האַלטן, אַז דער כותל המערבי, די „טרערן־וואַנט״ פֿאַר דורות יידן אין משך פֿון קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר, וואָס איז באַטראַכט גע־וואָרן אַלס די איינציק פֿאַרבליבענע וואַנט פֿון צווייטן בית המקדש — איז אייגנט־לעך געווען די דרומדיקע וואַנט פֿון דעם פּלאַץ, אויף וועלכן דער בית־המקדש איז געשטאַנען.

די אויסגראָבונגען וואָס דער ירושלימ־ער אוניווערסיטעט און די אַרכעאָלאָגישע געזעלשאַפֿט פֿירן דורך, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון פּראָפֿעסאָר בנימין מאַזאַר, האָבן אָפּגעדעקט נייע טיילן פֿון דער מערב־וואַנט און אַזוי אַרום פֿאַרלענגערט דעם שטח פֿון כותל מערבי. אָט די אויס־גראָבונגען האָבן באַוויזן, אַז די פֿאַרבלי־בענע מערב־וואַנט איז אַ סך טיפֿער ווי מען האָט ביז איצט געמיינט, און זי איז אויך מער ווי דאָפּלט העכער.

קעניג הורדוסעס אַמביציע איז געווען צו פֿאַרשענערן ירושלים אין זיין צייט און ער האָט צוגעגעבן אַבזונדערן פּראַכט און גלאַנץ יענע קוואַרטאַלן, וואָס זיינען געווען נאָענט צום בית המקדש. ער האָט געפּלאַסטערט נייע וועגן, אויפֿ־געריכט פּראַכט־הייזער פֿאַר די כהנים אויף אַ באַרג אַנטקעגן דער מערב־וואַנט פֿון בית־המקדש. ער האָט אויך געשניטן גאַסן מיט אַ דירעקטן צוגאַנג צו די טוי־ערן פֿון בית־המקדש.

פֿון דעם, וואָס אין די ערשטע פֿאַר יאָר אויסגעגראָבן געוואָרן, דערוויסט מען זיך איצט וועגן דעם גרויסן רייכטום וואָס הורדוס האָט פֿאַרווענדט אויף זיינע לוק־סוסדיקע בוי־פּראָיעקטן: פּאַלאַצן, רעגי־רונגס בנינים, רוימישע באָד־הייזער און אַלערליי פֿאַרוויילונגס פּלעצער. מען זעט אַז די פֿאַרצייטיקע גאַסן אין דער אַלט־שטאָט זיינען געווען אַ סך ברייטער ווי עס זיינען די היינטיקע גאַסן אין מזרח־ירושלים. די אויסגראָבונגען ווערן גע־מאַכט אַזוי פֿאָרזיכטיק, אַזוי פּרעציז און

די פּאַרצייטיקע גאַסן ווערן אַזוי רעסטאַווירט, אַז זיי קריגן צוריק דעם אָריגינעלן אויסזען פון אַמאָל.

פון דעם אָרט ווו די מערב־וואַנט פון בית המקדש קומט זיך צונויף מיט די רעשטלעך פון דער דרום־וואַנט, קען מען אַראָפּקוקן אויף דעם הורדוס־וועג און זען די נישעס און טיפע איינשניטן פון דער וואַנט גופא, ווו עס זיינען געהאָנגען גרויסע אויל־לאָמפּן, וואָס האָבן באַלויכטן די דורכגאַנגען און וועגן וואָס האָבן געפירט די איינוווינער צו די אַרקאַדן און טויערן אַרום דעם בית־המקדש.

אין איינעם פון די שטיינער פון כותל מערבי איז אויך אַנטפּלעקט געוואָרן אַן אויסגעקריצטע העברעישע אויפשריפט, וואָס שטאַמט מסתמא פון דער ביזאַנטישער תקופה און אפשר פון דער צייט ווען עס האָט געהערשט דער אימפּעראַטאָר יוליאַן, וועלכער האָט דערלויבט די יידן צוריק אויפצובויען דאָס בית המקדש. די אויפשריפט איז אַ פּסוק פון ספר ישעיהו, וואָס טרייסט דאָס פאָלק, אַז עס וועט זיך נאָך פרייען מיטן ווידעראויפבוי פון ירושלים באחרית הימים.

וואָס טיפער מען לאָזט זיך אַראָפּ אינעם בויך פון דער ערד אונטער דער פאַרצייטיקער ירושלים, אַלץ מער גאַסן און קוואַרטאַלן אַנטפּלעקן זיך. מען געפינט דאָרט אַ געמיש פון אַלערליי בנינים, געבויט פון רוימער, ביזאַנטינער, מאַכמעדאַנער. אָבער צוממיינסטן וואַרפן זיך אין די אויגן די רעשטלעך פון די געבייען פון הורדוסעס צייט. גאַנצע קאַפּיטלעך יידישע געשיכטע ליגן באַגראָבן אין שטויב פון דורות.

טשיקאַווע, אַז די אויסגראָבונגען האָבן צעפלאַמט די פאַנטאַזיע פון אַ סך פאָרשערס און סטודענטן אויך פון אַנדערע לענדער און זיי זיינען געקומען קיין ירושלים העלפן אין די אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס. הונדערטער וואָלונטירן זיינען געקומען פון אַלע עקן וועלט און איינער פון זיי איז געווען אַן אַראַבער, אַ זון פון אַנוואַר נאַשאַשיבי, אַ געוועזענער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער אין דער ירדן־רעגירונג.

די מוסולמענישע רעליגיעזע פירער האָבן לכתחילה אַרויסגעוויזן אַ קעגנערשאַפט צו דער אַרכעאָלאָגישער אַרבעט. שפּעטער האָבן זיי אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן. די מיטגלידער פון דעם מוסולמענישן ראַט „וואַקף" אַליין זיינען פון מאָל צו מאָל געקומען זיך צוקוקן צו די אויסגראָבונגען און פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ וועלט וואָס שטייט אויף תחית המתים.

פרומע זקנים, איינוווינער אין מזרח־ירושלים, נאָך פאַר דער יאָרדאַנישער אָקופּאַציע, זיינען ביים דערזען די אויסגראָבונגען פון דער פאַרצייטיקער ע י ר ד ו ד, געבליבן שטיין פאַרבליפט און פאַרבלענדט. זיי האָבן געבענטשט די אַרכעאָלאָגן און גרייט געווען פון דאָס ביי זיך צו טוליען צו די ווענט און שטיינער ווי פריער צום כותל מערבי.

טייל זיינען ביים אַראָפּנידערן אין די געטרעפלטע גאַסן זיכער געווען, אַז זיי האָבן אויפגעכאַפּט דאָס פלאַטערן פון דער שכינה, דערהערט דעם גאוילה־אָפּרוף אויף די תפילות פון דורות און זיך דערמאָנט אין דעם נביאס טרייסט־ווערטער:

„וגלתי בירושלים וששתי בעמי ולא ישמע בה עוד קול בכי וקול זעקה. לא יהיה משם עוד עול ימים וזקן אשר לא ימלא את ימיו, כי הנער בן מאה שנה ימות והחוטא בן מאה שנה יקולל..."
(ישעיה קאַפּ. מ"ח, פסוק יט־כ).

(... און איך וועל זיך פרייען מיט ירושלים, איך וועל לוסטיק זיין מיט מיין פאָלק; און נישט געהערט ווערן וועט אין איר מער אַ קול פון געוויין, און אַ קול פון געשריי... מער וועט נישט זיין פון דאָרטן אַ קינד אין די טעג, אָדער אַ זקן וואָס וועט נישט דערפילן די טעג; וואָרום דער יינגסטער וועט צו הונדערט יאָר שטאַרבן, און אַ זינדיקער וועט מיט הונדערט יאָר געשאָלטן ווערן...).

סיסטעמאַטיש, פרינטלעך און פלייסיק אַרבעטן די ישראל־אַרכעאָלאָגן, מיט דעם איינציקן ציל — צוריקצושטעלן די אמתע געשטאַלט פון דער היסטאָרישער ירושלים, צוריקצוברענגען איר יידישע פראַכט, אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען מיט אַריבער צוויי טויזנט יאָר פריער.

הינדע זאַרעצקי / בראָנקס נ. י.

# לידער

## מאַנהעטן

אָנפאַרטרויט האָט זי אויפן אינדזל מאַנהעטן
אירע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר, פון דער ליטע דעם אומעט;
דיין רעגנבויגנדיקן שטראָם, די טויזנטער געוועטן.

ביז היינט לאָקן איר אַלע דיינע זיבן חנען:
דו, וואָס כאָוועסט אויס אין האַרץ אַ ליכטיקן אומעט,
דו פאַרשעמסט, דו דערפרייסט זיבן מיליאָן אַליינען.

דיינע געביידעס אור־חיות שטרעקן זייערע העלדזער אין חלל;
גיבורים טראָגן אויף זייערע אַקסל דורותדיקע מי,
פּיאָנערן האָבן אויסגעהאַמערט דעם וואונדער־חלום.

אין דיין רעגנבויגנדיקן שטראָם, אינדזל מאַנהעטן,
האָבן זיך מער ווי איין מאָל געבויגן אירע מידע קני —
ווען דער בויער ווערט אַ נול אין מיטן טויזנטער געוועטן.

איבער דיינע עוועניוס, צווישן דיינע וואָלקנקראַצערס,
געזוכט האָט זי דעם גייסט פון לינקאָלן דעם באַפרייער;
איז ווער פאַרמאָגט די נחלה און ווער איז דאָ דער שאַצער?

## באַגינען

וואָלקן־שפּיצן דורכגעשטאָכן האָבן לעצטן גענעץ
אויפן אינדזל מאַנהעטן;
דער הימל געבלייכט האָט אויף טאָג.

געשלייכט האָבן מענטשן מידע,
פון וויין־קעלערן, פון קאַפּייען,
פון נאַכט־אַרבעט, פון בעקערייען.

דער מילכמאַן ט׳געפירט אויף אַ וואָגן מילך
פאַר קינדערלעך אין זייער זיסן שלאָף,
געחלומט האָבן זיי פון הייסע זעמל ,
פון שיינע שפּילערייען און פון קאַלטע מילך.

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# אין דער נייער דירה

**א.**

אין דער נייער דירה
אַ גערויש פון ביימער לשון,
באַבלימלטע רייד
מיט אַ פייער
אָנגעהייצט פון דער זון.

אַ דערוויילִיקע נייקייט
דורך די שפּאָגל־קלאָרע שויבן.
יונגע רגעס בליצן אין וואַסער־שפּיגל

אַזש פון נייַנצענטן גאָרן
ווי גאָלד צעשאָטן
אויף די זוניקע קאָרפּעטן.

אַפּריל,
דער ערב־זומער
ביי די נייע טירן און שוועלן
מיט שוואַלבן אין די קאָרידאָרן —
ברענגט דעם ריח
פון שפּראָציקע גראָזן,
מעקט אָפּ אַשיקע פּאָרדראָסן.

---

אין יענעם באַגינען, צווישן די פריע גייער,
געטראָגן האָט זיך איינע אויף אירע שלאַנקע פיס,
אירע קאַרגע הונדערט פונט און דאָס בִינטל ביינער;

אין האַנט־טאַש אירע כלי־זין:
דעם פינגערהוט און די נאַקעטע נאָדל,
וואָס האָט באַשוכט זי און באַקליידט —
אין האַנט געהאַלטן אָפּגעצייכנטע אַדרעסן:
— — — הענט פאַרלאַנגט — — — —

## הונגער

אין יענעם טאָג:
ווען הונגער האָט געוויזן
גלאַנציק ווייסע ציין, דער מאַן מיט דער קאָסע
געטאָן האָט שמייכלען אין יענעם טאָג —

געשטאָרבן איז זי אַ יונגע, אַ שלאַנקע;
איר מויל, צוויי רייעס פּערל־ווייסע ציין.
מיטן זוגטש: —

אויסצורייסן אַ ציגל פון אַ וואָלקנטורעם!
צעמאָלן אין אינגעווייד דעם הונגער־קנויל,
וואָס האָט געבריט איר פיבערדיקן מוח...

כ'געטרויִ זײ
די קינדער גראָזן.
כ'בין זײ מקנא
די װײכע יונגע גלידער,
די מאַגנעטישע כתב־ידן
פון:
„ס'לעבן ווידער"
מיט דעם חלום פון אַמאָליקן דאָרטן.

**ב.**

זײ
קומען צו מיר
אין חלום
די אויסגעברענטע
וואָרצלען
מיט אַ צאָל יתומים
די ניט נאָך געבוירענע
פּירות
וואָס װעלן
קיינמאָל ניט קלעטערן
שעמעוודיק
אין אויגנלאָזע שויבן.

ס'הוידעט זיך
די שוואַלב
אויף אַ צווייגל
מיט נביאות:
אַז צווישן וואַלד
און וואַסער
האָבן אויפגעלעבט
דער רעגן און די זון
און פון פייער־שייטער
געראַטעוועטע
לידער.

**ג.**

דער זומער איז געקומען
מיט בונטע בלומען,
מיט אַ רעגנבויגן.
שוואַרצקייט
פון אָפּגעברענטע ווינקלען
האָבן זיך אין טונקל־גאָלד
געבאָדן.

די זון
טענצערינס
אין אַלע שויבן;
און דער ברעג —
באַלויכטענע בינע מיט קושן
אַנטקעגן,
מיט יונגע כוואַליעס
טאַנצן מיט צופוסנס פון פעלזיקער
שיינקייט.

פון פאַרקלעמטן אַש
גאָלדענער זאַמד געגליט
אוראַלטן ליד—
פון אויפקום.

**ד.**

אַלץ בליט
פאַראייניקט
אין צעברעצטן שייטער.

די ביימער
ווי ריזן
מיטן ווינט אין שלום.
די שטאָטישע טויבן
מיט ברודיקע פאַרבן
בענטשן
די זריעות
אין שטאָט פון שטאַרבן.
אפילו
פאַרשטיינערטע
נאַקעטקייט
ברענט איצט מיט קאָלירן.

און אין צווייגן־פינגער
אָט דאָס ליכטעניש
איז אַרומגערינגלט
מיט שטראַליקייט.
כ'אָטש לייג זיך
אין גראָז
מיט אַלע אויפגעלעבטע
רעטענישן

סערגעי גוטקעוויטש

# אין מיין „פּאַלאַצל״ אונטערן... טיש

(פון מיינע קינדער־יאָרן)

די מענטשן אין שטאָט האָבן שווער גע־אָטעמט אונטער דער היץ. מענטשן מיט דערשראָקענע פּנימער האָבן געזוכט אַ שאָטן צו באַהאַלטן זיך. מענטשן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז אין גאַס זאָגט מען זיך שוין נישט „גוט מאָרגן״. אַ פרעמדע שטאָט געוואָרן.

איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי איך האָב אויסגערעכנט די צייט ווען די שטוב ווערט ליידיק און איך אַליין ווער דער בעל־הבית איבער אַלעם: דאָס טישעלע מיטן געשיר געפינט זיך אין דרויסן ביים קעמערל און נאָר די קאַץ האָט זיך איינ־געשפּאַרט און האַלט זיך מיט די נעגל אין דעם געקעסטלטן טישטעכל.

קוים אַריינגעשלעפּט דאָס געשיר און עס אָוועקגעשטעלט ביים רעכטן זייט פון טיש, וווּ דער טאַטע פלעגט זיצן, הייַנט זיצט דאָרט קיינער נישט. דאָס וועגעלע מיטן שירעם פאַרן קינד וועט שטיין לעבן דער שוועסטערס שטול. זי קומט שפּעט פון שול און טשעפּעט מיך קיינמאָל נישט.

באַלד וועט די מאַמע הויך פרעגן: „ווו איז דאָס קינד״? און מאַריאַנע וועט ענט־פערן: „ער קומט באַלד, מען דאַרף נישט וואַרטן״...

איך האָב דאָס אַלץ געהערט און גע־שוויגן. איך בין דאָך געווען פאַרנומען מיטן איינאָרדענען דעם מיטאָג, אַז אַלע זאַלן אָפּעסן צו זאַט און דער טיש זאָל זיין צוגערוימט און ריין. ווי איך געדענק, פלעג איך רעדן הויך, און מיינע באַפעלן פלעגן זיין דייטלעך און קלאָר. אָבער נאָר מאַריאַנע האָט זיי פאַרשטאַנען און פלעגט מיט פינגער־צייכנס מיר אָנזאָגן: „שטילער, שטילער״.

אונטער דעם גרויסן עס־טיש מיט די 6 שטולן און אַ פאָטעל האָט זיך צע־

---

אַ סך העכער פון שטילשווייגן
און בלי אויכעט
אין זומערדיקן פייער.

**ה.**

אַזאַ ווונדער!
רעגן־טראָפּנס
ווערן אויגן
און שטיינער
ווערן ברידער.

אין שטאָט
פון פייערדיקע קייטן
און שריפות ——
חלומות מיינע
כ׳לאָז זיי ניט שטאַרבן
פאַרקנאָטן
אין ערדישע קאַרבן.

(שיקאַגע—1982)

## די פּורפּורנע וואַזע

די בלום וואָס בליט ביי מיין טיר
מיט פאַרשיידענע פאַרבן און פייערן
אין אַ פּורפּורנע וואַזע ——
דאָס איז מיין צויבערוויב.
דער דינער וואַסערפאַל
פון מיין הויז
מיט אַ שיינקייט ביז אויסגיין...

מיר בליען צוזאַמען
אין רויטן אָטעם פון באַגין.
אינעם אויפבליץ פון אינדערפרי.
און אין זונגעוועב פון פאַרבן
מאָל איך אימאַזשן,
צווישן אײן פערז און אַ צווייטן
מיט אָפענער ליבשאַפט
וואָס האָט ניט קיין סוף.

(שיקאַגע—1983)

שפרייט מיין אייגענער פּאַלאַצל; אַ טישל
פּאַר צוויי פּערזאָן, קליינע בלעכענע טעפּ-
לעך און טעלערס, און טעפּעלעך פּאַר טיי.
נאָר אין אַ זונטיק פלעגט מען פון זיי
טרינקען קאַווע. פון דעם סוד האָט נאָר
געוווּסט מאַריאַנע, אונדזער דינסט-מיידל
און זי האָט ווי אַ געטרייער מלאך מיך
פאַרהיט פאַר דעם הויזגעזינד. די מאַמע
האָט עפּעס יאָ פאַרדעכטיקט ווו דאָס קינד
„וואַלגערט" זיך אַרום, אָבער קיין וועזן
האָט זי דערפון נישט געמאַכט.

ערשט נאָכדעם ווי אַלע האָבן געענ-
דיקט מיטאָג האָט מיך מאַריאַנע אַרויס-
געשלעפּט פון מיין „פּאַלאַצל" און מיר
ביידע — אין דער קיך. ביים עק טיש
פלעגן מיר פראַווען אונדזער פּריוואַטן
מאָלצייט. מאַריאַנע פלעגט זיין גוט צו
מיר, מיך רופן „מלאכל" שיינער, מיך
קושן און אַ יעדער מיטאָג איז געווען אַ
באַל. און טאָמער איז צום סוף געווען
קוכן אָדער קיכלעך, פלעג איך שוין פאַר-
ענדיקן דעם מיטאָג אין מיין פּאַלאַצל,
אין די בלעכערנע קליינע טעפּעלעך איז
געווען טיי און אויף די ספּעציעלע גע-
בלימלטע טעלערלעך איז געווען קוכן.

אַך, איז דאָס געווען אַ גוטע צייט!
עפּעס אַ קליינינקייט, ווען איך האָב גע-
וואָלט בין איך אַנטרונען פון די דער-
וואַקסענע און אַריינגעגנבעט זיך ביחידות
אין מיין געהיימניספולן פּאַלאַצל! און
דאָרטן האָבן זיך געוועבט מאָדנע חלומות:
אָט בין איך אויף אַ שיפל אויפן ים, און
ווער ראַטעוועט מיך? מאַריאַנע. צו גאָר
מיין ברודער איזידאָר, דער ריז, דער
שטאַרקסטער אין דער וועלט, פאַכעט מיט
אַ גרויסן שווערד אַנטקעגן יאַן דעם
שוסטער, וואָס איז שטענדיק שיכור גע-
ווען און קינדער פלעגן פאַר אים מורא
האָבן.

ביז עס האָט געטראָפן, אַז צוליב מיין
בעסטן פריינד, דעם הונט מיטן נאָמען
נעראָ, איז מיין פּאַלאַצל צעשטערט גע-
וואָרן. דער הונט מיט אונדזער קאַץ האָבן
זיך נישט ליב געהאַט. דער הונט האָט
בשום אופן נישט געוואָלט עסן פון איין
טעלער מיט דער קאַץ. און מען דאַרף
געדענקען, אַז דער הונט האָט באַלאַנגט
צום הויז-אייגנטימער און זיך געהאַלטן
„גרויס". ביז ס'איז אויסגעבראָכן אַ
מלחמה צווישן זיי און די קאַץ האָט זיך
באַשיצט אין מיין פּאַלאַצל. דער הונט
איז איר נאָכגעלאָפן און דער סוד איז
אַנטפּלעקט געוואָרן; מיין טישל איז צע-
בראָכן געוואָרן. די טעלערס צעבראָכן,
די טיי און דאָס וואַסער אויסגעגאָסן אי-
בערן פּערסישן טעפּיך. מיין ביקס איז
אוממעכטיק געלעגן ביים ראַנד פון טיש,
און לעבן דער ביקס איז אויך געלעגן מיין
איינציקער האַרמאַט...

די איינציקע וואָס האָט זיך אָנגענומען
פאַר מיר איז געווען מאַריאַנע און זי
האָט אויך פאַרטיידיקט מיין כבוד און זיך
געבעטן ביים הויזגעזינד: „לאָכט נישט,
איך בעט אייך"...

מיינע ליידן געדענק איך נאָך ביז היינט
צו טאָג. מאַריאַנע האָט מיך געוויגט ווי
אַ קליין קינד און איך האָב נישט געקענט
איינשלאָפן.

## דאָס פידעלע

די געשעעניש, אָדער בעסער געזאָגט,
די צעשטערונג פון מיין אייגענעם פּאַ-
לאַצל אונטערן טיש, האָט געמאַכט אויף
מיר אַ טיפן רושם. און ניט נאָר אויף מיר,
אַלע האָבן אויסגעדריקט צו מיר זייער
באַדויערן. אפילו מיין שטרענגע און
שטענדיק פאַרנומענע מאַמע האָט באַדוי-
ערט די צעשטערונג און האָט מיך צוגע-
דריקט צו איר לייב און אַ קוש געטאָן
אין קאָפּ.

איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרלאָ-
רענער, בייז געווען אויף דער גאַנצער
וועלט. נעראָ דער הונט האָט געלעקט
מיין האַנט און זיך געבעטן פאַר אַ גלעט
איבער זיין ברוינעם זיידענעם קאָפּ.

אין שטוב האָב איך געפילט גרייט מען
זיך פאַר עפּעס גרויסעס. אַלע, חוץ מיר
און מאַריאַנע, האָבן זיך געפּוצט. דעם
נאָכט-מאָלצייט האָט מען פריער ווי גע-
וויינלעך סערווירט. מיין שוועסטער איז
צוגעקומען צו מיר מיט דעם שאַכטל פון
געאָמעטרישע מכשירים.

— זאָלסט גוט אַכטונג געבן נישט צו
פאַרלירן גאַרנישט פון דעם שאַכטל —
האָט זי אַ זאָג געטאָן, — דאָס אַלץ איז

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק

# איך וואַרט

פון דער סעריע:
מיט אַ טראַציקן שמייכל.

ס'האָט יעקב אָבינו
מיך געלערנט געדולד.
כ'האָב אַ סך פון די אָבות געלערנט.
נאָר דערווייל בין איך ווייט פון דערגייַן...
ס'איז מיר קאַלט. איך בין מיד.
צי וועל איך זיך קענען דערוואַרטן
און דערגייַן צו מיין ווייטער באַגערטער?!

לבן, דער אַלטער באַטריגער,
האָט מיר ניט געשטעלט קיין באַדינגונגען.
איך וואַרט אויף אַ טאָג
אָן אַ דאַטע.
זינג איך — אַ פאַסטוך — מיין ניגון;
די סטאַדע פאַרשווינדט ווו אין דעמער;
נאָר איך וואַרט
צי טרייסט מיך מיין דעמערדיקער ניגון?
ס'איז יעקב געווען אַ געבענטשטער,

---

פון זילבער... און צעשטעך דיר נישט די פינגער — האָט זי געוואָרנט.

אַלע האָבן זיך מיט מיר געזעגנט און אָנגעזאָגט מאַריאַנען, ווען איך דאַרף גיין שלאָפן. דערנאָך האָט מיר מאַריאַנע דערציילט, אַז זיי גייען הערן עפּעס אַ מאַן פון איטאַליע, וואָס זינגט צו גאָט אַליין.

מיין קאָפּ איז אָבער פאַרנומען געוואָרן מיט אַן אַנדער און מער וויכטיקע זאַך: ווו איז מיין ברודערס פידעלע? איך האָב אומשולדיק אַ קוק געטאָן אויף מיין בעסטן פריינד אין דער וועלט, אויף מאַריאַנען, און זי האָט איין בליק געטאָן צו דער גרויסער רייכער שאַפע און איך האָב דערזען, אַז פון הינטער דעם געזימס זעט זיך דאָס שוואַרצע שאַכטל מיטן פידעלע, מיין ברודער מאָניעקס פידעלע.

מיין פאַנטאַזיע האָט מיר צוגעהאָלפן און גיך האָב איך אויסגעאַרבעט אַ סטראַטעגיע ווי אַזוי אַראָפּצוברענגען די פידל. דאָס איז געווען אין אַ דינסטיק אָוונט, ווען צו מאַריאַנען קומט דער פייערלעשער סטאַך, וועמען איך האָב זייער פיינט, ווייל ער קושט איר און זיי לאָזן מיר נישט אַריין אין קיך...

מיין „סטראַטעגיע" האָט גיך געאַרבעט. איך האָב פון שלאָפצימער אַריינגעטראָגן אַ טישעלע, אַוועקגעשטעלט איבער דעם אַ שטול און איבערן שטול אַ פוסבענקעלע. איך האָב פאַרזשמורעט די אויגן און אויסגעמאָסטן אַז איך קען דערגרייכן דאָס פידעלע.

נאָך היינט געדענק איך ווי מיין פנים האָט מיר געפלאַמט און פאַמעלעך האָב איך אָנגעהויבן קלעטערן, ביז דאָס פוסבענקעלע האָט זיך אויסגעגליטשט און די גאַנצע געביידע מיט מיר צוזאַמען זיינען געלעגן צופוסנס פון דער שאַפע.

סטאַך דער פייערלעשער, מיט מאַריאַנען זיינען געשטאַנען איבער מיר און געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ. מיין קערפּער האָט געברענט, מאַריאַנע האָט מיר געברענגט קאַלט וואַסער מיט ווישניאַק, אָבער איך האָב געוויינט פון ווייטאָג אין פלייצע און אין קאָפּ.

ווען די משפחה איז צוריקגעקומען און דערזען דעם חורבן אין שטוב, די „געביידע" צום געזימס און דער פאַסקודניאַק סטאַך האָט אַלעמען דערציילט ווי אַזוי ער און מאַריאַנע האָבן מיר געראַטעוועט.

דערווייל האָט מיין מאַמע געשיקט מיין ברודער צו דר. מאַשליאַנקאָ, וואָס האָט געוווינט 3 מינוט פון אונדז און ער האָט מיר געגעבן עפּעס צו שמעקן, פון וואָס איך בין איינגעשלאָפן. צו דר. מאַשליאַנקאָ האָב איך געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי; ער האָט מיר איין מאָל צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר קיינמאָל נישט געבן אפילו צו פאַרזוכן ריצן־אייל און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען. די קאַץ איז געלעגן ביי די פיס און דאָס פידעלע אָן דעם שאַכטל ביי דער רעכטער זייט. קענט איר זיך פאָרשטעלן ווי גוט מיר איז געווען?! קיינער אין שטוב איז נישט געווען.

אַ יחסן, אַן אויסדערוויילטער,
נאָר איידער ס'האָט גאָט אים באַלוינט
מיט רחלען, זיין אויסגעבענקט־שענסטער
האָט ער, אין חלום, געשיקט אים
פון הימל אַ געטלעכע לייטער,
און שפּעטער —
אַ לוין פאַר געדולדיקן וואַרטן —
נאָך מיט אַ מלאכס ברכה
אויף זיין מדבר־געלעגער דעם האַרטן.

צי דאַרף איך די יאָרן דערמאָנען,
וואָס איך וואַרט וואַרט אויף איר, מיין באַשערטער?
צו לאַנג שוין!
ענדלאָזע זמנען!
מיין רחל האָט ניט קיין טאַטן...
איך האָב ניט — ווי יעקב —
קיין תנאי:
ברחל בתך הקטנה...

ס'האָט יעקב אויך זיך דערוואַרט,
ס'זאָל עשו אים קומען אַנטקעגן.

ניט ברוגז, ניט שנאהדיק־האַרט.
נאָר מיט אָפענע אָרעמס, זיין צווילינג,
כאָטש ער לעבט זיך זיין אייגן לעבן
און גייט זיינע אייגענע וועגן.

מיין עשו האָט פאַרגעסן שוין לאַנג:
ווער רבקה... ווער יצחק... ווער צווילינג!
אַ יעגער — ער לויערט אויף פאַנג —
און איך בין אַ ציל פאַר זיין פייל נאָך!
ס'האָט יעקב פאַרקויפט אים די לינדזן...
צי איז צוליב יענעם קאָנטראַקט
מיין לעבן ביי אים אַזוי ביליק?!

וואַרט איך
אויף מיין באַגערטער,
אַן אַ טערמין, אַן אַ דאַטע.
זאָל זיין, אַז זי איז ניט באַשערט מיר?!
איך וואַרט,
אויף הייסע, געדולדיקע שפּילקעס,
און קוק אַרויס אויף איר קומען —
ווי אַ פאַרשפּאַרטער — צום הימל
דורך גראַטעס.

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק

# דער אַלטער טרובאַדור

ס'איז ניט געציילט שוין
און מיט וויטיק שווער זיין שפּאַן;
עס טרעשטשען טרוקענע צופיל שוין זיינע ביינער...
נאָר טיף אין אים איז נאָך פאַראַן
אַ שפּרודלדיקער קוואַל,
אַ לידער־שטראָם, צעשויבערט אָפט קאַסקאַדיש,
נאָר אַ ריינער.

ער זיצט, דער אַלטער טרובאַדור, נאַכט נאָך נאַכט
פאַרעקשנט ביי זיין טיש,
מיט אַן אומרו, מיט אַ דרענגעניש;
און אַלט און יונג אין אים
ווערט איינס, ווערט אויסגעמישט,

און ווי אַ בוים איז ער
מיט שפעט־זומערדיקע צווייגן,
וווּ אויף אַלע שטענגלעך
פון דער צייט געדייפטע פּירות הענגען.

ער קען, דער אַלטער טרובאַדור,
די שטרויכלונגען פון וועג.
און ער האַלט אין צאַם
דאָס אומגעצוימטע מאַנען;
ער ווייסט,
אַז אויך איז אַ שוין־צייטיקן פאַרמעג,
לויערן, ווי שרעטעלעך
באַהאַלטענע, פאַרשלייערטע סכּנות...

עס איז אים קלאָר:
עס וואַרט די וועלט ניט
אויף ז י י ן דרינגענדיקן וואָרט
און ס'האַלט זיין פאָלק
אויף אים ניט אָנגעשפּיצט דעם אויער...
נאָר ער איז צווילינגדיק
מיטביידן ענג־פאַרפּאָרט
און ער טיילט מיט זיי,
אין נאָענטער קרובהשאַפט,
די פריידן און דעם טרויער.

די דרויסנדיקע שטורעמס
רייסן זיך צו אים אין שטוב אַריין
און פאַרוועבן זיך
מיט ז י י ן נשמה־ניגון;
און אַ באַרוישטער ווערט ער
פון דעם ביטער־זיסן וויין,
און מיטן פען־שפּיץ,
ווי אַריינגעגראָבן אין זיין האַרץ,
ווישט ער די גרויקייטן
פון די פאַרהויכטע שפּיגלען.

קיינער קען ניט
פון זיין איינזאַמקייט דעם גרונט;
און דעם טרויער זיינעם —
ווער דאַרף נעמען זיך די מי אים מעסטן...

**אַ פּען אין האַרץ**

קען צערוּיען אויך אַ וווּנד —
און דער אומעט אויך,
וואָס טליעט דאָרט,
קען בריען אונטער אַשן אַ פֿאַרפֿרעסטער...

נאָר ער, דער אַלטער,
וויל ניט הערן
פֿון זיין גוף די דראָענדיקע שפּראַך;
ער וויל די בלעטער פֿונעם קאַלענדאַר,
אין זיינע שפּעטע נעכט,
ניט ציילן און ניט מישן;
פֿאַר זיי,
האָט ער טיר און טויער ענג פֿאַרמאַכט —
זאָלן זיי דאָרט יאָמערן אינדרויסן,
נאָר ניט דאָ,
אַרום ז י י ן לאָמפּ־באַשטראַלטן טיש!

מעג טרעשטשען
ווו עס וויל אין אים אַ ביין,
מעגן אין זיין גוף
די וויטיקן פֿאַרמערן זיך און שאַרפֿן —
סיי־ווי,
נאַכט נאָך נאַכט,
מיט די לידער זיינע,
זיצט ער אַ פֿאַרעקשנטער אַליין,
און טונקעלע זיי פֿאַלן אויף די העלע בויגנס —
פּירות פֿון זיין בוים —
און ער טאָר ניט פֿרעגן:
צי וועט עמעצער אַמאָל זיי וועלן?
צי וועט עמעצער אַמאָל זיי דאַרפֿן?

(אָקטאָבער 1982)

משה שקליאַר

# ווידער אין שול

(פראַגמענט *)

די שטימע פונעם ראַדיאָ־ספיקער איז אַ געדעמפּטע, אַ שטילע, ווי זי וואָלט דערגאַנגען צו מיר ערגעץ פון אַ ווייטער, פאַרגעסענער וועלט, פון יענער זייט בערג און טאָלן. מיין אָפּגעשוואַכטער מוח נעמט אויף בלויז אָפּגעריסענע קלאַנגען: צוואַנציקסטער יאָרטאָג, פּרעזידענט... הונדערט פופציק קרבנות . . . קלאָרער הימל... איך וויס אַז איך בין קראַנק, שווער קראַנק. נעכטן איז געווען דער דאָקטער, עפּעס גערעדט אין אַ ווינקל מיט מיין פרוי און שפּעטער האָב איך באַמערקט ווי זי ווישט זיך די אויגן מיט אַ טיכל. איצט בין איך אין שטוב אַליין. איך וויס נישט וויפל עס איז דער זייגער. באַגינען, אָונט־צייט? אַרום איז טונקל, די פענצטער פאַרהאָנגען מיט גרינע שטאָרן און ציטגעוויז דאַכט זיך מיר, אַז עס פאַלן פון זיי אַראָפּ געלע בלעטער און אַ קילער ווינט יאָגט זיי צו מיין בעט.

כ'האָב מורא. זיי קאָנען מיך פאַרשיטן, די געלע בלעטער, און ווען מיין פרוי וועט צוריקקומען וועט זי מיך מער נישט געפינען. אידער זי איז אַוועק, האָט זי מיך גוט איינגעדעקט מיט דער וואַרעמער קאָלדרע און שניי־ווייסן איבערצוג, גע־געבן מיר אַ קוש אין שטערן און שטיל געזאָגט: „שלאָף, מיין טייערער, באַלד וועל איך זיין צוריק.״ נאָר איך קאָן נישט שלאָפן. די אויגן האַלט איך פאַרמאַכט, אָבער איך וויס אַז כ'בין וואַך. אין קאָפּ ראָיען זיך פאַרשיידענע געדאַנקען, אָפּ־געריסענע בילדער און איך קאָן נישט באַנעמען זייער זין. אין דער ראַדיאָ שפּילט אַלץ אָן אויפהער. געדעמפּטע, שטילע קלאַנגען פון אַ ווייטער, פאַרגע־סענער וועלט. כ'האָב ליב די מוזיק. דאַכט זיך, שאַפן. שטענדיק האָט זי מיך אַריינגעפירט אין אַ געהויבענער שטימונג, נאָר איצט גרילצט מיר עפּעס אין די אויערן. כ'וואָלט וועלן אויס־שליסן דעם ראַדיאָ, פאַרמאַכן אים דאָס מויל, נאָר דאָס קעסטל איז אַזוי ווייט פון מיר, אַזוי ווייט...

די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן, און ווידער דער ספּיקער. עפּעס רעדט ער, נאָר איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. עס קאָן דאָך נישט זיין אַז עס זאָל שוין האַלטן אַזוי שלעכט מיט מיר. שטרענג איך אָן דעם געהער. אַלע נערוון אין מיין גוף ווערן אָנגעשפּיצט. איך מוז, איך מו זיך אַליין בייקומען. און פּלוצעם ווערט מיר ליכטיקער אין קאָפּ. די אומפאַרשטענד־לעכע ווערטער הייבן אָן זיך אויסקלאָרן, ליגן זיך צונויף אין פאַרשטענדלעכע זאַצן. און איך הער: „דעם 20טן אָקטאָ־בער טרעפן זיך אַלע אביטוריענטן פון דער שול נומער 16 אויף זייער יערלעכן באַל.״ עפּעס האָט אַ פּיק געטאָן אין האַרצן. „פון דער שול נומער 16...״ מיין שול! מוראַנאָווסקע גאַס נומער 16... אַלע אביטוריענטן... דעם 20סטן אָקטאָבער... וואָסער דאַטע איז היינט? פאַרגעסן. עס קאָן דאָך נישט זיין אַז איך זאָל פאַרפעלן דעם באַל. אַזוי לאַנג געוואַרט. אַלע אבי־טוריענטן... ווו זענען זיי? פון וואַנען וועלן זיי קומען? צו האָט דער ספּיקער זיך נישט טועה געווען? ניין. ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט: „פון דער שול נומער 16.״ וואַרט, וואַרט. מיין שול האָט דאָך נישט געהאַט קיין נומער. 16 איז געווען בלויז דער נומער פונעם הויז, ווו די שול האָט זיך געפונען. נאַרישקייטן. היינט איז אַלץ אַנדערש. היינט איז אַלץ נומערירט. נישט בלויז די שולן, אויך די שילער האָבן נומערן. אַלע מענטשן האָבן נומערן. און אויב ער האָט געזאָגט נומער 16, האָט ער אַוודאי געמיינט אונ־דזער שול. און איך וועל זיין אויפן באַל, איז מוז זיין. איך מוז.

* * * * *

— קינדער — זאָגט דער לערער זייד און זיין קרומלעך מויל ווערט נאָך מער אויסגעקרימט אין אַ טרויעריקער גרימאַ־סעה — קינדער, אָט זענען מיר ווידער צוזאַמען אין אונדזער אַלטער שול. וויפל יאָרן זענען שוין פאַרביי זינט דעם לעצטן

אַרויסלאָז? צוואַנציק, דרייסיק? ווער קען געדענקען? די צייט האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אין חודש אַפּריל פון 1943טן יאָר ווען די לעצטע יידן פון וואַרשעווער געטאָ זענען אַרויס אין אויפשטאַנד און אַרויסגעהאָנגען אויף אָט דעם בנין די בלוי־ווייסע און רויט־ווייסע פאָנען. קוקט אַרויס דורך די פענצטער. איר זעט, אויף יענער זייט דאַך, די פאָנען הענגען נאָך, זיי פלאַטערן אין ווינט פונקט ווי דעמאָלט, ווען אַ פייער־פלאַם האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן שטח פון געטאָ. די שריפה האָט זיך שוין לאַנג איינגעשטילט און די פאָנען פלאַטערן, און מיר זענען ווידער דאָ אַלע צוזאַמען, אַלע, אַזוי ווי מיר האָבן פאַרשפּראָכן דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט צום לעצטן מאָל..."

איך עפן די אויגן און קוק זיך אַרום. פון דער טונקלקייט שיילן זיך אויס קעפּ, אַ סך קעפּ, שוואַרצע, בלאָנדע, גרויע. קעפּ פון מענטשן אויף וועמענס פּנימער די צייט האָט געלאָזן טיפע שפּורן. — די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט — זאָגט דער לערער זייד און ער רופט אונדז „קינדער". פונקט ווי אַמאָל ווען ער פלעגט אַריינקומען אין קלאַס מיט אייליקע טריט און דעם זשורנאַל אונטערן אָרעם. אפשר וועט ער באַלד אויסרופן אונדזערע נעמען לויטן אלף־בית און קאָנטראָלירן צי אַלע זענען טאַקע דאָ. נאָר ניין, ער שוויגט, דער לערער זייד. ווייזט אויס זיך פאַרמאַטערט.

איך מאַך מיר אַ וועג צווישן די שוואַרצע, בלאָנדע און גרויע קעפּ און דערגרייך צום פענצטער. ווו איז דער דאַך און ווו זענען די פאָנען? ווי ווייט מיין בליק קאָן גרייכן זע איך אַ טיף־גרויע פּוסטקייט פון וועלכער עס הייבן זיך אַרויס דאָ און דאָרט סקעלעטן פון הייזער, אויסגעברענטע חורבות. פון צווישן איינער פון זיי קוקן אויף מיר אַ פּאָר שוואַרצע שמייכלענדיקע אויגן. זיי ווינקען צו מיר, רופן מיך. איך שטרענג אָן מיין בליק און אַ קאַלטער שוויס באַדעקט מיין לייב. אַ ציטער נעמט מיך דורך פון די האָרוואָרצלען ביז די שפּיצן פינגער פון די פיס, וואָס ברעכן זיך אונטער מיר. יאָ, דאָס זענען אירע אויגן, שרהלע קאַצ'ס.

קיינע איינע פון אונדזערע מיידלעך האָט נישט געהאַט אַזעלכע אויגן, קויל־שוואַרצע, אַרויסרופערישע און גלייכצייטיק איינגעהילטע אין אַ טיפן טרויער אונטער די געדיכטע שוואַרצע ווייעס.

שרהלע קאַץ, איך גיי צו דיר, איך לויף צו דיר, כ'וועל דיך נישט לאָזן דאָרט אַליין צווישן די חורבות! שנעל שפּריין איך אַריבער דעם פענצטער־ברעט און געטראָגן דורכן ווינט דערנענטער איך זיך צו שרהלען. זי שטרעקט אויס צו מיר זי הענט און איך הער איצט ווי זי רופט מיך: „קום מאירקע, קום צו מיר!" און אָט בין איך נעבן איר. „שרהלע — זאָג איך — ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג?" „פרעג נישט — ענטפערט זי שטיל — פרעג נישט קיין זאַך. קום, לאָמיר בעסער גיין צו דער ווייסל, פונקט ווי אַמאָל, אַמאָל." מיר נעמען זיך פאַר די הענט, גלייך מיר וואָלטן קינדער געווען, און שפּאַנען אַוועק, אַוועק פון די חורבות צו דער ווייסל, צום טייך פון אונדזער קינדהייט, צום טייך פון אונדזער יוגנט, צום ט יידוואָס שמעקט מיט טוכלע פייכטקייט און זומערדיקן גלי.

מיר זענען אַליין, שרהלע און איך. דער רויטער אָפּשיין פונעם זון־פאַרגאַנג שפּיגלט זיך אין דער ווייסל און אין שרהלעס אויגן. זי קוקט זיך אַרום, גלייך זי וואָלט וועלן נאָך אַמאָל זיך איבערצייגן, אַז קיינער איז דאָ נישטאָ, חוץ אונדזביידן. פּאַוואָליע ציט זי אַראָפּ פון זיך דאָס זומער־קליידל און די אונטערוועש. מיר דאַכט זיך, אַז עס שטייט פאַר זיך אַ נימפע, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פונעם טייך. שלאַנק, בייגעוודיק, מיט צוויי פולע בריסט פון אַ רייפער פרוי און שמאָלע היפטן פון אַ קינד. איך וויל זי אַרומנעמען, צוטוליען צו זיך, נאָר זי גיט אַ שעלמישן שמייכל, זאָגט „ביטע", דרייט זיך אויס פלינק און לאָזט זיך לויפן צום וואַסער. איידער איך באַווייז אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קליידער איז זי שוין ווייט, אין מיטן טייך, לייגט קלאַפּטער, קערט זיך איבער אויפן רוקן, שניידט די כוואַליעס מיט די הענט, ווי וועסלעס, שטראָם אַראָפּ און שטראָם אַרויף.

און אַט בין איך שוין אויך אין וואַסער. איך פּרוּוו שווימען, נאָר עפּעס ציט מיך אויף צוריק. די הענט באַוועגן זיך, נאָר די פיס זענען ווי צוגעשמידט צום נאַסן זאַמד. „שרהלע — רוף איך — נישט אַזוי ווייט, קום צוריק, איך קאָן דיך נישט דערגרייכן!" שרהלע הערט מיך נישט. זי שווימט אַלץ ווייטער און ווייטער, טוקט זיך אונטער, באַווייזט זיך ווידער אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, מאַכט אַ קרייז און לאָזט הינטער זיך אַ ווייסן שוים פון די אויפגערודערטע כוואַליעס.

שרהלע איז פאַרשוווּנדן. די כוואַליעס אויף דער ווייסל האָבן זיך איינגעשטילט. איצט שפּיגלען זיך אין איר די ליכטער פון די לאַמטערנעס וואָס אויף ביידע ברעגן. באַלד וועט נעמען שאַרײַען אויף טאָג. אונדזער גאַנצער קלאַס איז געקומען אַהער אויף אַ שפּאַציר נאָכן פאַרברענגען די נאַכט אין שול אויפן אַרויס־לאָז־באַל. אין די אויערן קלינגט מיר נאָך דאָס לידל וואָס כ'האָב געהערט היינט צום ערשטן מאָל. געזונגען האָט עס גאָלדעלע מיט איר קלינגענדיקער שטימע און אַלע האָבן אונטערגעהאַלטן:

הינדעלע האָט צוויי אויגן,
אויגן מלא חן.
הענדעלע וויל זיי קושן,
נאָר הינדעלע זאָגט אים — ניין.

הינדעלע האָט צוויי ליפּן,
ליפּן זיס ווי ווײַן.
הענדעלע וויל זיי קושן,
נאָר הינדעלע זאָגט אים — ניין.

לכתחילה האָב איך זיך געוווּנדערט. קיין מאָל פריִער נישט געהערט אין שול עמיצער זאָל זינגען אַט דאָס לידל וועגן הינדעלען און הענדעלען. און דאָ פאַרגייען זיך אַלע אין נחת, איבערחזרנדיק נאָך גאָלדעלען: „הענדעלע וויל זי קושן, נאָר הינדעלע זאָגט אים — ניין...." שפּעטער איז אַלץ מיר קלאָר געוואָרן, ווען די מוזיק האָט זיך צעשפּילט און חברה האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין טאַנץ, נישט ווי געוויינלעך אין אַ ראָד, נאָר פּאָרווײַז, דריקנדיק זיך צו איינאַנדער. אויס קינדער. דערוואַקסענע מענטשן. און טאַטע־מאַמע אַרום קוועלן. נאָך יעדן טאַנץ אַפּלאָדירן זיי סיי אונדז און סיי די מוזיקער.

איין מאָל האָב איך שוין געטאַנצט אַזוי. ווען איז עס געווען? מיט וויפל יאָרן צוריק? דאַכט זיך אַז מיר זענען געווען דעמאָלט אין דריטן יאָר אָדער פערטן קלאַס. אוודאי אין דריטן. אַט איז ער, דער קלאַס־צימער. נידעריקע בענק מיט שטענדערס. אויף די ליכטיקע ווענט קאָלירטע צייכענונגען, אויסשניטן פון פּאַפּיר — ביימער, הייזקעס, שטוב־חיות און פייגל. אין פענצטער שטייט אַ בלייכע האַרבסטיקע זון וואָס פאַרשווינדט פון צייט צו צייט אונטער די שוועבנדיקע וואָלקנס און קומט ווידער אַרויס פון צווישן זיי אַן אָפּגעצוואָגענע, אַביסל פאַררויטלט. איך קוק אויף דער זון און מיר דאַכט זיך, אַז זי שטיפט מיט מיר, שפּילט זיך אין באַהעלטערלעך. נישט באַמערקט ווי די טיר האָט זיך געעפנט און אין קלאַס איז אַרײַן די לערערין גאַנץ. „קינדער — זאָגט זי און איר ברוסטיקע שטימע וועקט מיך אויף, ווי זי וואָלט מיך אויפגעריסן פון אַ טיפן שלאָף:

— קינדער, מיר וועלן היינט אַלע צוזאַמען אָנשרייבן אַ בריוו צו אונדזער חברטע מלכהלע נאָמבערג, אויסדריקן איר מיטגעפיל צוליבן טויט פון איר זיידן, דעם גרויסן יידישן שרייבער הערש דוד נאָמבערג.

איך קוק זיך אַרום. און פּונקט ווי איך ווענדן אַלע קינדער זייערע בליקן צום אָרט ווו מלכהלע נאָמבערג, די לאַכערקע מיט צוויי גאָלדענע צעפּלעך פאַרוואָרפן אויף די שמאָלע אַקסלען, פלעגט זיצן. דאָס אָרט איז ליידיק. מלכהלע איז נישטאָ אין קלאַס. ווי האָבן מיר עס פריִער נישט באַמערקט? „איר זעט — זעצט פאַר די לערערין — מלכהלע איז היינט נישטאָ צווישן אונדז, און מאָרגן וועט זי אויך נישט זיין. איר זיידע איז געשטאָרבן און דאָס איז אַ שווערער פאַרלוסט נישט נאָר אונדז אַלעמען, קינדער און דערוואַקסענע, פאַר מלכהלען און איר משפחה, נאָר פאַר אונדז אַלעמען, וואָס האָבן זיך געלערנט און וועלן ווייטער לערנען פון איר זיידנס ביכער. מלכהלע איז אין טרויער, דאַרפן

מיר איבערשיקן צו איר אונדזער מיטגעפיל. ווען מיר וועלן אָנשרייבן דעם בריוו וועלן מיר אויסקלייבן צוויי פון צווישן אונדז, וואָס זאָלן אים אַוועקטראָגן צו מלכהלען אין הויף.״

מיר שרייבן אַ בריוו. אַ בריוו צו מלכהלע נאָמבערג. פון מאָל צו מאָל הייבן זיך אויף צוויי פינגער און יעדער שטעלט אַריין עטלעכע ווערטער: „מלכהלע, מיר טרויערן צוזאַמען מיט דיר...״ „מיר וועלן נישט פאַרגעסן דיין זיידן, דעם גרויסן יידישן שרייבער...״ „מיר וועלן אויפהעבן אין קלאַס דיין זיידנס פּאָרטרעט...״ „מיר וועלן לייענען זיינע דערציילונגען...״ „מלכהלע, קום צוריק, מיר וואַרטן אויף דיר...״

דעם בריוו וואָס מיר אַלע האָבן צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיט דער לערערין גאַנץ, שרייבט איבער אויף ריין יאָסעלע פּושקאַרט. ער האָט די שענסטע האַנטשריפט. אַזוי זאָגט די לערערין גאַנץ. אַלע שרייבן גיך אונטער אונדזערע נעמען אויף דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר. און דערמאָלט פרעגט די לערערין: „קינדער, ווער וועט דעם בריוו אַוועקטראָגן צו מלכהלען אין הויז?״ פון אַלע זייטן הערן זיך אויסרופן: „מאירקע און רייזעלע, זיי זענען די בעסטע שילער, זיי דאַרפן גיין מיט דעם בריוו!״

מאירקע, דאָס בין איך. געהערט מיין נאָמען, ווער איך רויט, דאַכט זיך פון קאָפּ ביז די פיס. איך בין שטאָלץ, אָבער גלייכצייטיק שעם איך זיך. אַלע קוקן אויף מיר, און אויך אויף רייזעלען וואָס זיצט מיט מיר אויף איין באַנק. איך גיב אַ זייטיקן בליק אויף איר און זע: אויך זי איז פאַררויטלט ביז איבער די אויערן.

די לערערין גאַנץ רופט אונדז אַרויס צו זיך, דערלאַנגט אונדז דעם בריוו, וואָס זי האָט שוין געהאַט אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט, און זאָגט צו אונדז: „קינדער, איר ווייסט ווו צו גיין. די באַניפראַטןגאַס איז נישט ווייט פון דאַנען. און וואָס צו זאָגן מלכהלען ווייסט איר אויך. איך דאַרף אייך נישט לערנען. איז גייט און אויב מען וועט אייך דאָרט אויפהאַלטן, וועלן מיר זיך זען מאָרגן פרי אין קלאַס.״

איך בין צופרידן וואָס רייזעלע איז מיין באַגלייטערין. מיט איר וועל איך נישט פאַרלוירן גיין. איך האָב זי ליב, רייזעלען, פאַר אירע קלוגע ברוינע אויגן און שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. אַוודאי קאָן זי זיך נישט פאַרגלייכן מיט שרהלע קאַץ, אָבער עפּעס פיל איך זיך מיט איר זיכערער. אַלע מאָל ווען מיר שפּילן אין גרויסן זאַל „צוויי צו ווייניק, דריי צו פיל״ און עמיצער יאָגט זי, שטעלט זי זיך אונטער מיר, נעמט מיך אַרום הינטערוויילעכץ און, דער וואָס שטייט פאַר מיר, לאָזט זיך ווייטער אַוועקלויפן אין קרייז. און מיר איז גוט אַזוי צו שטיין מיט רייזעלען און פילן אויף זיך איר הייסן אָטעם.

גייען מיר מיט רויזעלען צו מלכהלע נאָמבערג אין הויז, כדי איר אָפּגעבן דעם בריוו, וועלכן סהאָט געשריבן אונדזער גאַנצער קלאַס. די טיר עפנט אונדז אַ מיטליאָריקע פרוי אין אַ שוואַרץ קלייד און אַ שוואַרצן שאַל, וואָס וויקלט זיך אַרום אירע לענדן. „צו מלכהלען? — פרעגט זי, און איר שטיל קול קלינגט, ווי עס וואָלט געקומען ערגעץ פון אַ טיפן אָפּגרונד. — באַלד וועט זי זיין מיט אייך. קומט אַריין, קינדער, מאַכט זיך באַקוועם.״ זי מאַכט אַ האַלב קרייז אויפן רעכטן קנאַפּל און פאַרשווינדט מיט אַ לייכטן טראָט ערגעץ הינטער אַ זייטיקער טיר. אַ ווײלע בלייבן מיר אַליין מיט רויזעלען אינעם רחבותדיקן צימער. איך קוק זיך אַרום און כ׳ווייס נישט פאַרוואָס מיר ווערט פּלוצעם אַזוי אומהיימלעך אויף דער נשמה. גלייך עפּעס אַ טרויער וואָלט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל.

אין דער רעכטער זייט, נישט ווייט פון פענצטער, שטייט אַ לאַנגער קופערט פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן סאַמעט־טוך. מיר דאַכט, אַז באַלד וועט זיך עפענען די דעק און פון אינעווייניק וועט אַרויסקומען מלכהלעס זיידע, דער גרויסער יידישער שרייבער — ווי עס האָט אים באַצייכנט די לערערין גאַנץ — הערש דוד נאָמבערג, צוליב וועמען מיר געפינען זיך איצט דאָ. נאָר לאַנג טראַכטן וועגן דעם קאָן איך נישט. אָט באַווייזט זיך מלכהלע ביי דער זייט פון איר מוטער. זי קושט זיך מיט רויזעלען, דערלאַנגט מיר אַ האַנט און בעט אונדז זיך צוזעצן ביים רונדיקן טיש.

„מלכהלע — רוף איך זיך אָפּ דער ערשטער, אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט מיט רויזעלען — מיר האָבן דיר געבראַכט אַ בריוו געשריבן פונעם גאַנצן קלאַס. מיר אַלע טרויערן צוליבן טויט פון דיין זיידן. מיר... מיר... — הייב איך אָן שטאַמלען — לייען דעם בריוו. דאָרט שטייט אַלץ געשריבן.״ און איך דערלאַנג איר דעם בריוו. מלכהלע עפנט פּאַוואָליע דעם קאָנווערט, נעמט אַרויס דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר און לויפט איבער אים שנעל מיט די אויגן אין וועלכע עס פינקלען זיך פּערלדיקע טרערן. איבערגעלייענט, דערלאַנגט זי דעם בריוו איר מוטער, נישט אויסרעדנדיק דערביי קיין וואָרט. ווידער חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. פאַרענדיקט לייענען, אויסגעווישט די אויגן מיטן ברעג פון אַ טיכל, וואָס זי האָט אַרויסבאַקומען ערגעץ פונעם אַ בל, שטעלט זיך די מוטער אויף, דערנעענטערט זיך צו אונדז און גלעט אונדז ביידן, מיר מיט רויזעלען, איבער די קעפּ מיט איר ווייכער, צאַרטער האַנט.

אַ דאַנק אייך, קינדער — זאָגט זי — אַ דאַנק דעם גאַנצן קלאַס און דער לערערין גאַנץ. מלכהלע און איך וועלן עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן.״ זי גייט צו צו דער קרעדענץ, ברענגט פון דאָרט אַ שאַכטל פון בלוילעך געשליפענעם גלאָז, וואָס איז פול מיט זיסוואַרג, און איז אונדז מכבד. מיר ווילט זיך איצט נישט נאַשן, נאָר עס פּאַסט נישט אָפּזאָגן. נעם איך אַ שטיקל שאָקאָלאַד. מלכהלע מיט רויזעלען סודען זיך דערווייל וועגן עפּעס און מיך פרוווט אונטערהאַלטן מלכהלעס מוטער. זי פרעגט מיך אויס, וואָס מיר לערנען איצט פון יידיש, עצהט מיר איבערצולייענען, ווען איך וועל אונטערוואַקסן, נאָמבערגס „פליגלמאַן״, ווייזט מיר מתנות וואָס ער פלעגט איר ברענגען פון צייט צו צייט.

איך הער זיך צו אויפמערקזאַם צו אירע רייד און באַמערק נישט ווי די צייט אַנטלויפט. איך וואָלט נאָך לאַנג אַזוי געזעסן און געהערט מלכהלעס מאַמע דערציילן, ווען רייזעלע וואָלט זיך פּלוצעם נישט אויפגעשטעלט און געזאָגט: „צייט צו גיין.״ דעמאָלט האָט מלכהלעס מאַמע זיך ווי דערמאָנט אין עפּעס און געווענדט זיך צו אונדז ביידן: „קינדער, געני אין זעקס וואָכן אַרום וועלן מיר פּראַווען מלכהלעס געבורטסטאָג און איר מוזט זיין אונדזערע געסט. געדענקט, אין זעקס וואָכן אַרום.״

* * * * *

אַ ווייסער שניי האָט איינגעדעקט די שטאָט, וואָס זעט איצט אויס ווי פאַרשלאָפן. ס'איז אָוונטצייט. אַ געלע שיין פאַלט פון די לאָמטערנעס וואָס ביים ראַנד פון טראָטואַר און שלאָגט זיך אָפּ אויף ד יאַיינצלנע מענטשן, וועלכע דערמאָנען א יקשאָטנס. איך שפּאַן מיט שנעלע טריט צום הויז אויף באַניפראַטן גאַס. די רעכטע האַנט אין וועלכער איך האַלט אַ בינטל בלומען פאַר מלכהלען, ווערט מיר פאַרשטייפט, געפרוירן. לייג איך איבער דאָס בינטל בלומען אין דער צווייטער האַנט און פרוווו דערוואַרעמען די רעכטע האַנט מיטן הויך פון מיין אָטעם. קיין סך העלפט עס נישט, אָבער איך פיל אַ דערלייכערונג. אין די פיס איז אויך קאַלט. נעם איך לויפן און הינטער מיר, אויפן ווייסן שניי, יאָגט מיר נאָך אַ לאַנגער שאָטן. ערשט ביים טויער פון מלכהלעס הויז ווער איך פון אים פּטור.

די טרעפּ זענען העל באַלויכטן. איך נעם איין מיט ברייטע שפּרייזן איבער צוויי, דריי טרעפּ פאַר אַמאָל. אַ קלונג אין גלעקל און די טיר עפנט זיך אויף פאַר מיר ברייט. פונקט ווי ביים ערשטן מאָל, ווען כ'האָב אַריבערגעטראָטן די דאָזיקע שוועל, שטייט פאַר מיר מלכהלעס מוטער. זי טראָגט איצט אַ העל געבלימלט קלייד מיט אַ ברייטן האַלדז־אויסשניט פון וועלכן עס הייבט זיך אַרויס אַ שטאָלצער קאָפּ. די פריער פאַרטרויערטע אויגן שמייכלען דאָס מאָל מיט אַ ליבלעכער וואַרעמקייט. איך פיל ווי עס ווערט מיר וואַרעם אין אַלע גלידער און איך ווייס נישט צי עס איז פון דער היץ וואָס טראָגט זיך פונעם גאַסטצימער, אַ פולן מיט קינדער און דערוואַקסענע, אָדער פון פרוי נאָמבערגס בליקן.

אַ רגע בין איך פאַרצווייפלט. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט די בלומען אין מיין האַנט. דערלאַנגען זיי דער גוטער פרוי, וואָס האָט מיר געעפנט די טיר און

בעט מיך אַריין אינעווייניק, אָדער האַלטן
זיי ביז איך וועל דערזען מלכהלען צווישן
גרויסן עולם. מלכהלעס מוטער, גלייך
זי וואָלט דערפילט מיין פאַרלעגנהייט,
העלפט מיר אַרויס: „אָ, אַזעלכע שיינע
בלומען — זאָגט זי — מלכהלע וועט זיין
זייער צופרידן. קום, מיר וועלן זיי אַריינ-
שטעלן אין אַ וואַזאָן.“ און זי נעמט מיך
אָן פאַר דער פרייער האַנט.

מלכהלעס מוטער איז קעניגין פונעם
אָוונט. אומעטום איז זי דאָ. יעדעס וויב-
קעלע פונעם גרויסן גאַסטצימער איז פול
מיט איר. פאַר יעדן האָט זי אַ פּאַסיק
וואָרט, אַ שמייכל, אַ גלעט איבערן פּנים,
אַ קוש אינעם שטערן. די טאַצן מיט
זיסוואַרג און שניטקעס פון ברויט מיט
ווורשט און אַלערליי קעזן, וואָס באַווייזן
זיך פון צייט צו צייט אין אירע הענט,
ווערן שנעל פאַרשוווּנדן, און ווידער
פירט זי דורך פאַרשידענע שפּילערייען
מיט די קינדער אינטאָנירט אַ ליד און
אַלע האַלטן זי אונטער, כאַפּט עמיצן צום
טאַנץ אונטער די שטילע קלאַנגען פון
דער פּיאַנע און באַלד דרייען זיך אַלע
אין אַ וואַלס.

איך שטיי אין אַ זייט, פאַרקוקט אינעם
ווינקל, ווו כ'האָב בעת מיין ערשטן באַזוך
אין דאָזיקן הויז געהאַט באַמערקט דעם
לאַנגן קופערט מיטן סאַמעטענעם דעק-
טוך. דער קופערט איז איצט נישטאָ,
אָבער מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז דאָרט זיצט
אַן איינזאַמער דער שרייבער הערש דוד
נאָמבערג, מלכהלעס זיידע, און באַלד
וועט ער זיך אויפהייבן און אַרויסגיין פון
דאַנען אַ באַליידיקטער, ווייל קיינער באַ-
מערקט אים נישט, רעדט נישט אויס צו
אים קיין וואָרט. פון מיינע רעיונות רייסט
מיך אַרויס מלכהלעס מוטער. זי נעמט
מיך אָן פאַר ביידע הענט, דריקט מיך
שטאַרק צו צו זיך און לאָזט זיך אַוועק
אין טאַנץ. ביי מיר פּלאָנטערן זיך די פיס,
אָבער ביסלעכווייז געווין איך זיך צו צו
די קלאַנגען פון דער מוזיק און די פיס
באַוועגן זיך אַלע פרייער. מיין קאָפּ איז
אָנגעלענט אין פרוי נאָמבערגס פולן בו-
זעם און מיר דאַכט, אַז איך הער דאָס
ריטמישע קלאַנגען פון איר האַרץ און
מיין האַרץ קלאַפּט מיט אינעם זעלבן
ריטעם.

* * * * *

ווידער בין איך אין קאַלטן דרויסן.
דער שניי איז פאַרשוווּנדן. אַ גרויער
הימל. באַגינען. די כוואַליעס פון דער
ווייסל וואַשן שטיל דעם זאַמדיקן ברעג.
אין די אויערן קלינגט דאָס לידל: „הענ-
דעלע וויל זיי קושן, נאָר הינדעלע זאָגט
אים — ניין...“ הענדעלע, הינדעלע, מלכה-
לע, רויזעלע... עס מישט זיך מיר אין
קאָפּ. און דער לערער זייד, וואָס איז
אַוועק מיט אונדז אויף אַ שפּאַציר צו דער
ווייסל, דעם לעצטן געמיינזאַמען שפּאַציר
נאָך דעם אַרויסלאָז־באַל, רעדט צו מיר
מיט אַ צאַרטער שטימע, גאָר נישט ווי
זיין שטייגער: „מאַירקע, דו האָסט אונדז
היינט אַלעמען איבערראַשט מיט דיין אַר-
בעט וועגן מענדעלעס „קליאַטשע“. אַ
רייפע אַרבעט. דו דאַרפסט שרייבן. זאָגסט
עס מיר צו?“

„אפשר, לערער, אפשר...“

— — — — — — — — — —

איך עפן די אויגן. אין שטוב איז טונקל.
דער ראַדיאָ שפּילט אַלץ שאָפּענס מוזיק.
און מיין פרוי איז נישטאָ. דער קאָפּ איז
מיר אַזוי שווער, אַזוי שווער.

## ליטעראַטור פּרעמיעס אויסגעטיילט

ביים קולטור־קאָנגרעס איז איינגע-
שטעלט געוואָרן אַ פּרעמיע אויפן נאָמען
פון ז׳יעקב און רבקה לעווין, די פּיאָנערן
פון די אַרבעטער רינג שולן. די היי-
יאָריקע פּרעמיע האָבן געווונען די דיכ-
טערס מאַטעס אָליצקי און שאול מאַלץ.
די אַטראַן־פּרעמיע פאַר יידישער ליטע-
ראַטור האָבן באַקומען חוה און יוסף
מלאַטעק און ד״ר אליהו שולמאַן; די
וויסענבערג פּרעמיע — דער נאָוועליסט
שמשון אַפּטער און דער דיכטער בינעם
העלער; די אשר שטשוטשינסקי פּרעמיע
האָבן באַקומען ד״ר העשיל קלעפּפיש פון
פּאַנאַמאַ און גרשון סאַפּאָזשניקאָוו פון
אַרגענטינע.

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# לידער

## אַ בקשה צו אַ מלך

איז שאול נאָך אַלץ מיט די נביאים?
זאָל ער אַרויסגיין
און זיך מיען
פאַר די דיכטערס
וואָס פליען
מיט פאַרפייניקט געמיט
צום היכל —
פון יידישן ליד.

זאָל ער אויסטאָן די טאָגע
פון מלכות
און אָנטאָן פון עמך
דאָס קלייד
ווי דעמאָלט, אין גבעה,
ווען גענידערט ס'האָבן
מיט פויקן, גיטאַרן, און פלייט
די נביאים.
און זאָל ער קניען
מיט דאַנק
פאַר יעדן וואָרט
אין זייער שירה.
און אויפהייבן זיין צעפּטער
ווי משה זיין שטעקן
אין מצרים,
און דערהייבן און באַנייען
זייער טרויעריק געמיט.

## פּרשה מענטש

צו קאָפּנס
ברענען צוויי ליכט.
אויף דער בריק
אַ מת ליגט.
מיט אַ ליילעך פאַרדעקט,
מיט די פיס צו דער טיר
פון סופיט פאַלט
אַן אַבלדיק געשוויר.
אין די ווינקלען —
איז מתפלל
דאָס תהילימל.

ר'איז געווען אַ ווױלער מענטש;
נדבות געטיילט מיט פולע הענט,
מורמלט דער קברן
אַברהם בער,
און סאָפּעט שווער
מיט יעדן גראָב פון דער לאָפּעטע
אין דער ערד.
דער פושקע־גבאי, יעקב שער,
פּאַטאַקעוועט:
„אמת! געווען אַ פרומער ייד —
מנדר געווען
מיט לייכט געמיט:
— צדק לפניו יהלך!"
„געווען ווי אַ מלאך":
זיפצט די טוקערין
און ווישט אַ טרער.
— צדקה תציל ממות! —
קלאַפּט די פושקע.
„ניט אמת!" שרייט
דער שטאָט־לץ.
ר'טרייבט קאַטאָוועס.

דיַ ליכט לעשן זיך.
די מלווים וואַשן די הענט.
דער היינט האָט דעם נעכטן
פאַרשעמט:
אים דעם ווערט אָפּגעריבן.

אויף אַ שטיין וועט זיין
פאַרשריבן:
געווען אַ מענטש און מער ניטאָ!

דניאל מאַרלין / בוירקעלי, קאַליפ.

# לידער

## דער נע-ונד

מיין גורל ליגט
אין אַ וויגל
און שלאָפט
נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד
שטאַרק בלאָזט דער ווינט
אין דרויסן
אין פּנים פון נע־ונד

מיין גורל ליגט
אין אַ וויגל
רייך ווי ליבשאַפט,
ווי לאַנד

ווייט אַריבער דעם באַרג פון פייער
זיינע טריט שניידן דעם
מידבר־זאַמד.

## בלאָ

(אַ ליד צו ערד געשריבן אין עראָפּלאַן)
בלאָ, דו ביסט בלאָ
אין דער וויטקייט,
ברוין ביזטו צופוסנס.
ברוין, און צעשניטן מיט וואַסער־שלאַנגען,
ברוין, און טונקל געבערדלט מיט וואַלד,
ברוין מיט הוילע אויגן
טיף אין קופּערנע באַקן.

בלאָ ביסטו, בלאָ אָן אַ סוף,
ליד־בלאָ דיינע שפּיצן
אין דער וויטקייט;
בלאָער ווי חלום,
בלאָער ווי טויט.

## מיט אַ ברוך־הבא

מיין שטאָט ניו־יאָרק מיט איר פּאַרמעג —
מיט די וואָלקנקראַצערס,
מיט די בלויע טייכן,
מיט די ברייטע גאַסן,
מיט די בונטע ראַסן
פון אַלערליי מין —
איז אַ פרילינג־כלה:
זי שפּאַצירט אַריין
אין אירע אַלע
בליענדיקע גערטנער.

אויף זייערע בענק
די זקנים זיצן
זונשטראַלן קריצן
פּאַרמעט־פּנימער.
די יונגע מאַמעס
מיט צעקנעפּלטע
בלוזעס
זייגן וויקלקינדער.
קונדייסים באַווייזן
וווּנדער
מיט די הענטבאַלנס.

די מעטראָפּאָליע
מיט איר פאַרבן־חן
נעמט אויף אין איר שויס
דעם צובליטן גאַסט
מיט ברוך־הבא!

# ווי אַ מאַמע

אויפן שליאַך, צווישן צוויי האָריזאָנטן
מידבר שניי
טראָגט מיין מאַמע צווייגן:
לעבעדיקע, פון דעם בוים פון טויט,
טרוקענע, פון דעם בוים פון לעבן
קיין ירושלים —
ס׳זאָל וואַרעם זיין די קינדער.

— ביסט שוין מיד, טאָכטערל מיין?
פרעגט טאַטע יוסף, מיט זיין יונגן פּנים
פון אַדעס.

ניט אַזוי מיד
ווי אַן אייזל אין מאַרק, אָדער
ווי מיד ס׳איז אַ מאַמע.

צווישן צוויי בערג מידבר־היץ
טראָגט מיין מאַמע אַ בינטל ביינער:
ווייס פון די עבֿרים אַריין אין דער ערד,
בלאָ פון מלאכים פאַרכאַפּט
אין שאָטנס
קיין ירושלים.
די בלודנע הינט
זאָלן ניט הונגעריק זיין.

— איצט ביסטו מיד, טאָכטערל מיין?
פרעגט אַנאַ, מיט איר יונגן פּנים
פון ברוקלין.

ניט אַזוי מיד
ווי אַ פויגל אין שטורעם,
אָדער ווי ס׳דאַרף זיין אַ מאַמע.

# האָסטו אַ ליד?

האַלב נאַכט
האָט מיך געפרעגט:
האָסטו אַ ליד מיר צו געבן

— ניין,
אָבער ניט ווייל דו ביסט ניט שיין,
מיט דיין מולד קרוין,
פון דעסטוועגן —
הייבן אָן מיינע ווערטער
מיט דעם זונפאַרגאַנג
צו לויפן פון מיין רעשיקן קאָפּ
צום טייכל און סאָד,
גערעסט און שליאַך,
צו רוען דאָרט
ווו זיי קענען.

## לילי בערגער פּרעמירט
## פון יידישן פּען-קלוב

דער יידישער פּע״ן־קלוב אין ניו־יאָרק האָט פאַרן יאָר 1982 פּרעמירט דעם ראָמאַן „נישט פאַרענדיקטע בלעטלעך״ פון לילי בערגער, פּאַריז.

דאָס איז די דריטע יערלעכע פּרעמיע פאַר אַ בוך אין יידיש, וואָס צייכנט זיך אויס אויפן געביט פון פּאָעזיע, עסיי אָדער נאָוועלע. די פּרעמיע איז עטאַבלירט געוואָרן פון אַ ליבהאָבער פן יידיש און יידישער ליטעראַטור, וואָס וויל בלייבן אַנאָנים.

די זשורי נאָמינירט פון דער פאַרוואַל־טונג פון פּען־קלוב איז באַשטאַנען פון: מ. אָליצקי, ש. אַפּטער, חיים בעז און ד״ר אליהו שולמאַן.

די פּרעמיע איז צוגעטיילט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער פייערונג אין אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פון פּען־קלוב י. הירשהויט, דעם 12טן מאַי, 6 אוונט, אינעם הויז פון אַרבעטער רינג אין ניו־יאָרק.

## שרייבערס און ביכער

זלמן שלאָסער

# אין געראַנגל פֿאַר אינטעגראַלער ייִדישקייט

(פון אַ רעדע געהאַלטן אין קולטור־חלוב צום ערשטן יאָרצייט
פון אברהם גאָלאָמב ז״ל מאַי 11טן, 1983)

מיר גיבן היינט אָפּ כבוד דעם אָנדענק פון איינעם וואָס איז געווען צווישן די ערשטע און בעסטע ייִדישע לערערס און דערציערס אין דעם אַלטן צאַרישן רוס־לאַנד, שפּעטער אין דעם באַפֿרייטן פּוילן און אין פֿריערדיקן פּאַלעסטינע, אין קאַנאַדע און אין מעקסיקאָ. אומעטום אין דער גרויסער ייִדישער צעשפּרייטקייט האָט מען געפֿילט זיין גייסטיקע השפּעה. ערשט אין 1964, ווען ער האָט זיך צוריק־געצויגן פון פּעדאַגאָגיק און אין 1969 ווען ער האָט זיך לסוף שוין באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער אָפּגעגעבן זיין צייט בלויז צו שרייבעריי. דאָ האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַזעלכע ביכער ווי: „אויף די וועגן פון ייִדישן קיום״; „די אייביקע וועגן פון ייִדישן פֿאָלק״; „צום תוך פון ייִדישקייט״; „צו די הייכן פון ייִדישן גייסט״ — אַלץ ביכער וואָס גיבן זיך אָפּ מיט ייִדישע קולטור־פּראָבלעמען.

אין אַ קאַפּיטל פון זיינע זכרונות גע־דרוקט אין „חשבון״ האָט ער אונדז דער־ציילט וועגן זיין ערשטער דערפֿאַרונג מיט לערעריי. נאָך דעם ווי ער האָט גראַדו־איִרט די גראָדנער ייִדישע לערער־קורסן האָט מען אים באַשטימט אויף אַ לערער־שטעלע אין דער וויטעבסקער תלמוד־תורה פֿאַר יתומים. געקומען קיין וויטעבסק איז ער מיט עטלעכע טעג פֿריער כדי זיך גוט צוצוגרייטן פֿאַר דער ערש־טער לעקציע. מען האָט אים אָנגעפּאַקט אַ קלאַס מיט 71 קינדער. אַלע האָבן גערעדט און געטומלט אין דער זעלבער צייט, מען האָט נישט געקענט לערנען. האָט ער זיך געבעטן ביי זיי איין מאָל, צוויי מאָל, שאַ, שטיל, נאָר עס העלפֿט נישט. שרייט ער העכער, ווילנדיק זיי איבערשרייען, נאָר עס העלפֿט נישט. פון דעם איז אין זיין האַלדז פֿאַרבליבן אַ שטענדיקער סימן. ער איז געוואָרן הייזעריקלעך אויף זיין גאַנץ לעבן.

דער סוף איז געווען אַז ער האָט גלייך איינגעזען זיין טעות: „ניין, לערעריי איז נישט פֿאַר אים.״ ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע. דער דירעקטאָר פון די גראָדנער לערער־קורסן איז ספּעציעל געקומען אים איבערצורעדן. מען האָט אים צוגערעדט צו פֿאָרן קיין גאָלטע אין דער מיידל־שול און דאָרט האָט ער זיך איבערצייגט אַז לערעריי איז יאָ זיין באַרוף. און ער איז שוין פֿאַרבליבן אַ לערער, אַ דערציער, אַ וועגווייזער פֿאַר ייִדישע קינדער.

שפּעטער האָט ער פיל געשריבן וועגן פּעדאַגאָגיק און פּסיכאָלאָגיע און געוואָרן דער מחבר פון איבער פערציק ביכער אויף טעמעס פון פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע און ענלעכע טעמעס; געשריבן און אַרויס־געגעבן אין פֿאַרשידענע לענדער פון דער ייִדישער צעשפּרייטונג.

אינטערעסאַנט און פּאַטעטיש איז די זייטיקע באַמערקונג וואָס גאָלאָמב האָט געמאַכט ביים סוף פון זיינע זכרונות אין „חשבון״:

„דאָס איז אַלץ וואָס געווען. איצט פֿאַרנעם איך זיך מיט דער שרייב־מאַשין. אָבער די פערציק ביכער וואָס זיינען שוין געדרוקט און די פֿאָר בי־כער וואָס איך האָף נאָך צו דרוקן ביי מיין לעבן זיינען דער רעזולטאַט פון מיין אַרבעט. עס איז אָבער געווען

ווייניק קריטיק. ווייס איך ניט צי עס איז ווייל די ביכער זענען צו שוואַך קריטיקירט צו ווערן, אָדער דערפאַר וואָס אונדזער קריטיק האָט ניט גענוג קריטיקערס."

ניין, אברהם גאָלאָמב האָט זיין ווירדיקן קריטיקער נאָך ניט געפונען. איך געדענק ווי איין מאָל האָט ער מיר געוויזן פיר פעקלעך מיט ניט געדרוקטע ביכער — אפשר וועלן אָט די פיר ביכער האָבן מער מזל. ער איז נאָך דאַן געווען ביי זיינע פולע חושים. ער האָט ממש געלעבט מיט זיינע ביכער. נאָר ביסלעכוויז האָט ער אָנגעהויבן צו ליידן אויף זיין האַלדז, זיין געהער, זיינע אויגן. בלויז אויף איין אויג האָט ער געקאָנט זען. חוץ דעם האָט ער נישט געקענט אַראָפּשלינגען. דער אומפאַרמיידלעכער טויט האָט אים לסוף באַפרייט פון די שטאַרקע ווייטיקן וואָס האָבן אים די לעצטע פאָר יאָר שרעקלעך געפייניקט. דאָס זיינען געווען ניט נאָר פיזישע ווייטיקן נאָר אויך גייסטיקע. פון צייט צו צייט פלעג איך זיי באַזוכן אין זייער איינזאַמקייט, אים און זיין פרוי רבקה. ס'איז אָבער זשפּט געווען אַ שווערע איבערלעבונג דערמיט וואָס איך האָב ווייניק געקענט העלפן. ער האָט שוין כמעט נישט געזען און נישט געהערט, און זי, רבקה, פּאַראַליזירט און כמעט הילפלאָז, פלעגט אים פרווון העלפן. ס'איז געווען פּאַטעטיש... ביטער צוצוזען!

נאָר איידער דער ערשטער יאָרצייט האָט זיך דערנענטערט, האָט רבקה, אַליין אַ קראַנקע, גענומען מאַכן פּלענער ווי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון איר גרויסן מאַן. עס גייט אין דעם ווי צו שאַפן אַ פונדאַציע וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט סטימולירן, פּאָרשן גאָלאָמבס אויפטואונגען אויפן געביט פון יידישער קולטור־געשיכטע, פּראָבלעמאַטיק און פּעדאַגאָגיק.

אַלע זיינע טעג האָט אַברהם גאָלאָמב געלעבט מיט אָט די יידישע פּראָבלעמען. טאָג נאָך טאָג פלעגט ער באַכאַפּן זייער אויסווירקונג אין אונדזער גלאָבאַל צעשפּרייטער יידישער וועלט. ער האָט געזען די ענדערונגען און געוואָלט פאַרשטיין די רעזולטאַטן. ער איז געווען פול מיט זאָרג און שרעק פאַרן המשך און האָט דאָס אויסגעדריקט אין זיינע עסייען, געשריבן מיט האַרץ און מוח, מיט אימפּעט און ליידנשאַפט אין זיין אייגנאַרטיקן סטיל. במשך זיין אַקטיוו לעבן האָט גאָלאָמב דורכגעאַקערט כמעט דעם גאַנצן פּאַרנעם פון דער יידישער קולטור־געשיכטע אין אַלע תקופות. אומעטום געזוכט באַווייזן, עדות, כדי זיך צו דערגרונטעווען צום ריינעם אמת און צו געפינען די אינערלעכע היסטאָרישע געזעצן וואָס, ווי ער האָט געגלייבט, רעגולירן און דעטערמינירן דאָס גייסטיקע יידישע לעבן. ער האָט געגלייבט אַז די געזעצן פון סאָציאַלער געשיכטע און נאַטור־געשיכטע; די געזעצן פון דער פיזיקאַלישער וועלט און פון דער גייסטיקער וועלט זיינען די זעלבע — אַ געדאַנק פון וועלכן טייל פּאָרשערס האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט.

אין יעדן מאמר זיינעם אַנאַליזירט ער און צעגלידערט די גרונט־קאָמפּאָנענטן פון דעם אייביקן קאָמפּלעקס יידיש פאָלק און יידישע קולטור און זייער שייכות צו דער וועלט בכלל. ער פּאָרשט און קלערט אויף, צעגלידערט און דעפינירט די גאַנצע טערמינאָלאָגיע וואָס קומט דאָ אין באַטראַכט אין זייער היסטאָרישער און לאָגישער אָרדענונג. די טערמינען ווי: שטייגער, טראַדיציע, מנהגים, שטייגער־קולטור, דאָס שעפערישע און דאָס געשאַפענע — אַלץ אָנגעלאָדענע טערמינען וואָס נייטיקן זיך אין קלאָרע דעפיניציעס. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער אויפטו וואָס האָט אַוועקגעשטעלט גאָלאָמבס פּאָרשונגען ווי אַ דיסציפּלין אויף לאָגישע און היסטאָרישע יסודות אין איינקלאַנג מיט די אַנטראָפּאָלאָגישע פּאָרשונגען. וואָרעם אין אַלע פאַלן האָט ער געשעפּט זיינע דערקלערונגען און אַנאַלאָגיעס דירעקט פון דער באָטאַניק, ביאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע, וואָס גיבן אונדז דעם איינדרוק ווי מיר וואָלטן געגאַנגען מיט דער פולער זיכערקייט אויף אַן אייזערנעם בריק.

לשם אילוסטראַציע איז כדאי צו נעמען אַזעלכע פאַרכאַפּנדיקע אַנאַלאָגיעס און פאַרגלייכונגען:

„ניטאָ אין קיין ברונעם קיין וואַסערן וואָס זיינען פריער ניט געווען אין דער

אַטמאָספער. ניטאָ אין די שאַפונגען פון אַ מענטשן, פון דעם געניאַלסטן מענטשן, עפּעס וואָס עס איז ניט געווען אין זיין גייסטיקער אַטמאָספער.״

„קיין געניאַלער מענטש שאַפט ניט קיין קולטור יש מאַין — די פּאָטענצן ליגן אין דער פאַרגאַנגענהייט ווי די זאָמען פון דער שענסטער בלום שטאַמען פון דער פאַרגאַנגענהייט.״

„צו לעבן אין צוויי קולטורן איז ווי צו האָדעווען אַ חיה, וואָס זאָל זיין גלייכצייטיק אַ ציג און אַ וואָלף.״

אַזעלכע שטאַרקע ביישפּילן און אַנאַלאָגיעס זיינען דאָ לרוב אין זיינע ביכער. זיי קומען אים צו הילף ביים דעפינירן די אַלע טערמינען וואָס ווערן די זיילן אויף וועלכע גאָלאָמב האָט געבויט זיין פילאָסאָפישע שיטה פון אונדזער קולטור־געשיכטע. פון דעם באַקומט זיך זיין ערשטע הנחה, אַז דער אָנהייב פון יעדער קולטור איז אַ תולדה, אַ פּראָדוקט פון פּשוטן פאָלקס־לעבן, פון די פאָלקישע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען. אָט די בשותּפותדיקע מנהגים און איבערלעבונגען שאַפן מיט דער צייט אַ באַזונדער פאָלק. זייער שטייגער, דאָס לעבן גופא, איז דער יסוד, דאָס שאַפערישע און די שאַפונגען זיינען די פּראָדוקטן, די קולטור־ווערטן וואָס מען קען אָפּטיילן פון פאָלק, ווי למשל, אַ בוים און זיינע פרוכטן.

אָט די באַטראַכטונגען פון דעם שרייבער פירן צו זיין צווייטן וויכטיקן פּרינציפּ פון נאָרמאַלער קולטור צירקולאַציע, ווי דאָס ביאָלאָגישע געזעץ פון לעבעדיקן קיום. די קולטור צירקולאַציע ביי אַ פאָלק איז געגליכן צו דער בלוט צירקולאַציע ביי אַ יחיד.

און דאָ קומט אָבער אויף אַ חשד אַז דער פאַרגלייך פון דער קולטור צירקולאַציע ביי אַ פאָלק און אַ יחיד איז מחייב אַ מאָניסטישע קולטור אָבער ניט קיין פלוראַליסטישע, ווי עס איז איצט די טענדענץ. דער טערמין מאָניסטיש (מאָניזם) מיינט איינס; אַז עס קען זיין בלויז איין דערקלערונג אָבער ניט מער, ניט קיין פלוראַליסטישע (פון דעם וואָרט פלוראַל אין ענגליש, פּיל). איצט לעבן מיר אין אַ וועלט פון פיל קולטורן און

עס איז כמעט אוממעגלעך אויסצומיידן פרעמדע השפעות. אָבער די געפאַר ביי אונדז איז דאָך ניט קיין נייע און ניט מיט דעם פרעמדן איינפלוס קעמפן מיר. אדרבא, אָט די אַלע השפעות, אַלע איינפלוסן פון איין פאָלק אויפן אַנדערן זיינען אין דער אמתן פּאָזיטיווע דערשיינונגען בלויז ווען זיי אַנטוויקלען זיך אָרגאַניש, ניט מעכאַניש קאָפּירט. דאָס היינטיקע מוז קומען פון דאָס פריערדיקע. נאָך דעם ווי מען קען שוין דאָס אייגענע לשון קען מען שוין אָן שאָדן לערנען אַנדערע שפּראַכן.

דעריבער קומט דאָ אויף די פאַרזיכערונג פון אַ דריטן פּרינציפּ — דער פּרינציפּ פון פאַרזיכיקייט, פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואָס גאָלאָמב האָט געפונען אין דער יידישער קולטור־געשיכטע. צוזאַמען מיט אונדזער היסטאָריקער, שמעון דובנאָוו האָט גאָלאָמב געגלייבט אַז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון יידישן קיום איז אַלע מאָל געווען דער אויטאָנאָמיזם, די יידישע נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ספּעציפישער יידישער קאָנצענטראַציע אין שטעטל. דאָס דאַרף מיינען אַז דאָס שטעטל איז געוואָרן דער סימבאָל, אָדער די פאַרקערפּערונג פון דעם כוח וואָס האָט גענערט און דערמעגלעכט דעם יידישן נאַציאָנאַלן קיום במשך דעם גאַנצן מיטלאַלטער ביז אונדזער צייט.

פון דעם געדאַנק איז ביי אַ סך לייענער פאַרבליבן דער פאַלשער איינדרוק, אַז גאָלאָמב רופט אונדז צוריק אין דעם אָפּגעשטאַנענעם שטעטל; צוריק צו דער הערשאַפט פון ראַביניזם, צוריק צו דער איזאָלאַציע פון דער וועלט־קולטור. דאָס איז פאַלש. זיין רוף איז געווען אַריינצוברענגען בלויז די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם און די קולטור־פונקציעס פון שטעטל אין אונדזער היינטיקן גרויס־שטאָטישן לעבן כדי צו קענען אָנהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און המשך ווי אַ יידיש פאָלק. גאָלאָמב האָט גערופן צו אַקטיווער מיטבאַטייליקונג אין איינקלאַנג מיטן מוסר־השכל און די כללים וואָס מיר לערנען פון אונדזער געשיכטע, ספּעציעל פון די חז״ל. זיי זיינען געווען די איינציקע וואָס האָבן פאַרשטאַנען ווי צו בויען

און צו פֿאַרמירן דעם נצח ישראל, די אייביקייט פֿון ישראל. זיי האָבן געלייגט זיכערע יסודות וואָס האָבן אויסגעהאַלטן ביז אונדזער צייט. דעריבער שטעלט גאָלאָמב די חזל העכער ווי די נביאים. זיינע עסייען וועגן די חז"ל אָטעמען מיט אַ פֿאַרשיכּורנדיקע ליבשאַפֿט צוליב זייערע קלאָרע הלכות וואָס אין לעצטן סך־הכל האָבן זיי איינגעהאַלטן די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט פֿון יידן אין זייער ווייטער צעשפּרייטקייט.

אַזאַ איינדרוק שאַפֿט זיך ווען גאָלאָמב גייט איבער צום „תלמוד השטעטל”, וואָרעם דאָ אין שטעטל האָט זיך די פֿאַרזיכיקייט, דאָס אויטאָנאָמישע לעבן, זיך אַזוי פֿאַנאַנדערגעבליט ווי קיינמאָל פֿריער. יענע לענדער, יענע ישובים אָבער, וואָס האָבן נישט געבויט קיין אָפּגעזונדערט לעבן האָבן פּאַקטיש ניט געהאַט קיין לאַנגן קיום. זייער נאָרמאַלע קולטור צירקולאַציע איז צעשטערט געוואָרן. דעריבער איז אונדזער געשיכטע אַ בית־עולם פֿון אונטערגעגאַנגענע ישובים. ישובים אָן יורשים, אָן המשך. ירשענען קען מען עלטערן אָבער ניט קיין עלטער־עלטער־זיידעס.

דאָס איז דער מוסר־השכל וואָס אברהם גאָלאָמב האָט אַרויסגענומען דירעקט פֿון דער יידישער געשיכטע: ער האָט געפֿאָרשט דאָס יידישע לעבן אין גלות אַשור, שפּעטער אין מצרים און נאָך שפּעטער אין מערב אייראָפּע. ער האָט געוואָלט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס זיינען יידן דאָרט אונטערגעגאַנגען, זיך אויסגעמישט מיט די שכנישע פֿעלקער, בעת אין גלות בבל, אין דער פּערסישער תקופֿה, און שפּעטער אין מזרח־אייראָפּע, זיינען יידן געבליבן ביי זייער אייגענער קולטור, ביי זייער יידישקייט, טראָץ די רדיפֿות און פּאָגראָמען און טראָץ זייער רעכטלאָזיקייט.

דער ענטפֿער איז: זיי האָבן געלעבט פֿאַר זיך, אין זייער אייגענעם קולטור־שטייגער און אָנגעהאַלטן זייער אייגענע קולטור צירקולאַציע. פֿון דעם קען מען אויך פֿאַרשטיין די ענדערונגען וואָס דאָס יידישע פֿאָלק גייט איצט דורך כדי צו קענען פֿאָרט בלייבן לעבן ווי אַ פֿאָלק סיי אין מדינת ישראל סיי אין די תפוצות. דער קריזיס שטאַמט סיי פֿון אויסערלעכע באַדינגונגען אונטער וועלכע מיר לעבן, סיי פֿון די אינערלעכע באַדינגונגען וואָס זיינען געווענדט אָן אונדז אַליין, ווי יחידים און ווי אַ פֿאָלק. די באַדינגונגען וואָס שטאַמען פֿון אונדז אַליין זיינען די געפֿערלעכסטע. דער דראַנג צו אַסימילאַציע איז געוואָרן קאַטאַסטראָפֿאַל אפֿילו אין ישראל. און די איינרעדעניש אַז רעליגיע קען אונדז העלפֿן איז שטאַרק איבערטריבן מחמת אויך דאָרט הערשט אַ שפּראַכלעכע און קולטור אַסימילאַציע.

אונדזער היינטיקע תקופֿה פֿון גרויס־שטאָטישקייט, פֿון אורבאַניזם, האָט דערווייל נאָך נישט געשאַפֿן קיין נייע פֿאָרמען פֿון יידישקייט. דאָס מיינט אָבער נישט אַז דאָס איז שוין דער סוף פֿון יידישן פֿאָלק. די פּראָבלעם איז צי דאַרפֿן די גרויסע שטעט זיין אַ זאַמלונג פֿון יחידים, אַזוי ווי די פֿראַנצויזישע און דייטשישע יידן האָבן געטענהט בעת דער עמאַנציפּאַציע; אָדער זיי דאַרפֿן זיין זאַמלונגען פֿון פֿאָלקישע קאָלעקטיוון, אַזוי ווי ס'איז געווען אין מזרח־אייראָפּע, אין פּוילן. נאָר אויב בלויז יחידים, איז דאָס יידישע פֿאָלק פֿאַרלוירן. נאָר אויב מיר זיינען אַ פֿאָלק ירשענען מיר די גאַנצע פֿאַרזיכיקע פֿאָלקישקייט וואָס איז געווען אין דער שטעטל תקופֿה, די פֿאַרשריבענע ווי די ניט פֿאַרשריבענע. זיינען מיר אָבער בלויז אַ רעליגיע, היטן מיר נאָר די פֿאַרשריבענע מצוות און הלכות, איז מער דאַרף מען ניט. כשרות ביים עסן איז פֿאַרשריבן אין שולחן ערוך, דאַרף מען עס היטן, אָבער היטן דאָס יידישע לשון איז אין שולחן ערוך ניט פֿאַרשריבן, דאַרף מען עס ניט היטן.

אין שטעטל איז אונדזער קולטור געווען מאָניסטיש, איינס, ניט געמישט מיט אַ פֿרעמדער קולטור. כדי יידן זאָלן וואַקסן מאָניסטיש אויך אין אורבאַניזם, מוז די היים אויך זיין מאָניסטיש, איין קולטור. ביז איצט האָט דאָס געטאָן די יידישע רעליגיע. אַ יידישע שטוב האָט זיך גאָר אַנדערש געפֿירט. דאָס איז אָבער אין דער אמתן ניט קיין רעליגיע אין דעם געוויינטלעכן זין פֿון וואָרט. עס איז אין תוך דאָס אָפּהיטן דעם יידישן פֿאָלקישן כאַראַקטער פֿון דער משפּחה, פֿון דער שטוב. פֿאַרשטייט זיך אַז אין דעם פֿאָל

שפּילט דאָס יידישע לשון דאָ די ערשטע פידל. מען דאַרף עס נאָר וועלן, אָבער דאָס פאָלק וויל נישט!

פון דעסטוועגן דאַרף מען זיך נישט איינרעדן אַז אַזוי בלייבט עס. לויט גאָלאָמבס הויפּט הנחה, ווי מיר האָבן פריער געזען, האָט די יידישע געשיכטע אירע אייגענע געזעצן וואָס לאָזן זיך פאָרמולירן און פאָרויסזען. האָט ער פאָרויס געזען אַז אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דעם פיל־פעלקערלעכן לאַנד אַמעריקע גייט איצט די ליניע פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג צו עטניציזם, צום פאָלקיזם אַנשטאָט אויסמישונג, „מעלטינג פּאַט", ווי מען האָט אַמאָל געמיינט. ער האָט פאָרויסגעזען אויפקומען אַ באַוועגונג איינצוהיטן די אַהער־געבראַכטע קולטורן פון די באַזונדערע פעלקער, און יידן וועלן מוזן גיין מיטן עטנישן שטראָם פון לאַנד. הגם איצט איז ניטאָ ביים פאָלק די ליבשאַפט צו דער אייגענער פאָלקס־קולטור, ניטאָ אפילו קיין איינהייטלעכער רעליגיעזער גלויבן, פון דעסטוועגן מערן זיך איצט ביי יידן די טאָג־שולן, טאַקע מערסטנס רעליגיעזע נאָר דאָך טאָג־שולן, אָדער ישיבות קטנות. אין איינקלאַנג מיט זיין אַלגעמיינער טעאָריע וועגן די פּראָצעסן פון קולטור אַנטוויקלונג וואָס נעמט אויך אַריין רעליגיע, קענען אָט די טאָג־שולן שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן קיום אויב זיי וועלן ניט בלייבן איינגעפראָרן אין זיך אַזוי ווי אַן אָפּגעשלאָסענע אויף אייביק פאַרפיקסירטע רעליגיע. יידישקייט ווי אַ שטענדיקער קולטור־פּראָצעס מיט אַן אייגענעם שטייגער, לשון און אַ פאַרזיכיק לעבן, קען יאָ האָבן אַ נאַציאָנאַלן קיום.

קורץ, דאָס איז געווען אין אַלגעמיין אברהם גאָלאָמבס גאַנצע תורה, אַלדאָס איבעריקע זיינען נאָר פירושים. ער איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער לערער און נאַטור־פאָרשער אָבער אינטערעסירט האָבן אים נאָר יידן, אַלערליי יידן. אַלע זיינע ביכער האָבן איין פאָדים וואָס פאַרבינדט זיי — אינטעגראַלע יידישקייט, גאַנצע יידישקייט, ניט קיין צעבראָקלטע.

דער תנ"ך אַליין האָט, לויט אים, נישט אויפגעהיט אונדזער יידישקייט, דעם קיום פון יידישן פאָלק. אָבער דאָס האָט יאָ געטאָן דער תלמוד. אַ פאָלק זיינען מיר געוואָרן אַ דאַנק דעם תנ"ך. אַן אייביק פאָלק — אַ דאַנק דעם תלמוד.

די יידישע קולטור איז איינע. מען קען זי אויפנעמען רעליגיעז אָדער וועלטלעך. די וועלטלעכע יידן טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון דער רעליגיעזער און די רעליגיעזע מוזן אַנערקענען דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון דער וועלטלעכער קולטור. רעליגיעזע יידישקייט איז אַל דאָס אייגנטימלעכע יידישקייט וואָס איז שוין קאַנאָניזירט. וועלטלעכע יידישקייט איז אַל דאָס אייגנטימלעכע אין אונדזער שטייגער און פירעכץ וואָס האָט נאָך נישט קיין רעליגיעזן חותם.

גאָלאָמב האָט דאָ געמיינט אַז ער זעט פאָרויס אַ צונויפשמעלץ צווישן רעליגיעזער און וועלטלעכער יידישקייט. אין דעם האָט ער זיך טועה געווען. ער האָט זיך אויך טועה געווען אין די „אייזערנע" געזעצן וואָס דאַרפן „באַשטימען" דעם גאַנג פון געשיכטע. דאָך דער געדאַנק פון אינטעגראַלער יידישקייט בלייבט נאָך אַלץ אַ שעפערישע אידעע פון דער הומאַניסטישער יידישער קולטור.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

לייב טענצער / מאָנטרעאָל

# דער לערער און דיכטער יעקב זיפּער ז״ל

(1983 — 1900)

זיין אָריגינעלער נאָמען: יעקב יצחק שטערן, געבוירן אין שעברעשין פּוילן און דערצויגן אין טישעוויץ, וווּ זיין פאָטער, ר׳ אברהם שטערן ז״ל, אַ מחבר פון ספרים אויף תלמוד און פּוסקים, ווי אויך חסידישע מעשיות, איז געווען שוחט און דיין.

יעקב זיפּער איז געקומען קיין קאַנאַדע אין יאָר 1925, אָנגעהויבן אַלס לערער אין די יידישע פּרץ־שולן אין מאָנטרעאָל און שפּעטער, אין יאָר 1928, געוואָרן פּרינציפּאַל פון די שולן ביז דעם יאָר 1971. בלויז פון 1930 ביז 1953 געווען פּרינציפּאַל פון דער י. ל. פּרץ שול אין וויניפּעג.

חוץ לערעריי האָט ער אויך אַרויסגעגעבן יידישע ביכער ווי: „געווען איז אַ מענטש״, מאָנטרעאָל 1940; „איש היה בארץ״, תל־אביב 1955; „אויף יענער זייט בוג״, מאָנטרעאָל 1946; „מעבר לנהר בוג״, תל־אביב 1957; „צווישן טייכן און וואַסערן״, מאָנטרעאָל 1961; „בין נהרות ונחלים״, תל־אביב 1967; „כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען״, מאָנטרעאָל 1965; „אין די געצעלטן פון אברהם״, מאָנטעאָל 1974; „באהלי אברהם״, תל־אביב 1974; „פון נעכטן און היינט״, מאָנטרעאָל 1978. אין דרוק: „אַריינבליק אין יידיש ליטעראַרישן שאַפן״ (עסייען); צונויפגעשטעלט און רעדאַקטירט: „יובילייבוך פון וויניפּעגער י. ל. פּרץ שולע; „יובילייבוך״ פון די י. ל. פּרץ שולן אין מאָנטרעאָל, „לייזער צוקער געדענק־בוך״, „פּינקס טישעוויץ״, אַ צאָל קאַנאַדער ליטעראַריש געזעלשאַפטלעכע פּעריאָדישע אויסגאַבן און וואָכן־בלעטער און אין 1982 צוזאַמען מיט חיים שפּילבערג, רעדאַקטירט און צונויפגעשטעלט די אַנטאָלאָגיע „דער קאַנאַדער יידישער זאַמלבוך״.

מיט יעקב זיפּערס זיך אָפּשיידן פון אונדז האָבן מיר פאַרלוירן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט משפּיע געווען אונדזער קולטור־וועלט אין דריי שטחים: אין דער ליטעראַטור, ווי איינער פון די אָריגינעלסטע און גרויסע פּראָזאַיקערס אין געביט פון חינוך, ווי איינער פון די וויכטיקסטע און וואַגיקסטע דערציערס אין צפון אַמעריקע, און ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און מנהיג.

די וואָס האָבן אים נענטער געקענט און געהאַט די זכיה צו זיין אין זיין קרייז, האָבן אויך פאַרלוירן דעם האַרציקן באַקענטן פריינד און מורה דרך. זיין שרייבערישער טאַלאַנט האָט גרעסער געמאַכט און פאַרטיפט זיין לערערישע אַרבעט און זיין חינוך־אַרבעט און השפּעה אויף זיינע תלמידים, קאָלעגן לערערס און עלטערן. האָט געהאָלפן אין זיין שרייבן אַרויסצוברענגען די פיינע אידעלע סענסיטיווקייט און פאַרשטענדעניש, וואָס אַ שרייבער דאַרף האָבן, בעסער צו מאָלן זיינע העלדן און די סביבה וואָס ער באַשרייבט. אויב עס איז געווען אַ קאָנפליקט צווישן דעם לערער און שרייבער אין זיפּערן, איז עס געווען אויפן חשבון פון דער פרייער צייט, וואָס ער האָט אַלע מאָל געדאַרפט האָבן פאַר זיינע שרייבערישע פּראָיעקטן, און זיין געזונט־צושטאַנד, וואָס האָט אים אין די לעצטע יאָרן אויסגעפּעלט אויסצופירן זיינע ליטעראַרישע, פּעדאַגאָגישע און געזעלשאַפטלעכע התחייבותן.

כאָטש ביידע זאַכן זיינען געווען אויף דעם געביט פון געזונט און צייט אין קאָנפליקט, האָבן זיי אויף אַ גאַר טיפן נשמהדיקן אופן זיך דערגאַנצט און משפּיע געווען איינס אויפן אַנדערן. אין זיין בוך „אויף יענער זייט בוג״ שרייבט דער העלד פון בוך, דער לערער שטיינבערג, אַ טאָגבוך, וווּ עס זיינען געוואָרן פאַרשריבן די געשעענישן פון טאָג פון דער אומרויקער נאָך־מלחמה צייט און די בענקשאַפט נאָך דעם חסידים־שטיבל,

וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין טישע־וויץ צוזאַמען מיט זיין טאַטע־מאַמע און דער גאַנצער משפחה. זיין שרייבן און לערערייַ זיינען באַלד ביים אָנהייב גע־גאַנגען צוזאַמען.

דאָס שטעטל טישעוויץ, איינס פון די תשע קהילות ווו יעקב זיפער איז אויס־געוואַקסן און געקראָגן זיין טיפע גרונט־לעכע יידישע דערציונג פון זיין פאָטער, ר' אברהם שטערן ז"ל, ווערט אין זיפערס שרייבן אַ סימבאָל פון אַלע יידישע שטעט־לעך פון יידישן געמיט און פון יידישער בענקשאַפט ביז ביאת המשיח.

אין זיין פּאָעמע: „כ'בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען", שרייבט זיפער:

„ס'איז מיר ענג און שווער
אין דער וועלט ווו כ'בין פאַרפאָרן.
טוט עס מיר אַ ציִ צו דיר,
אָט אַזוי אין מיטן טאָג.
פאַרריגל איך זיך
אין געטומל וואָס אַרום מיר
נעם אַליין זיך אָן ביי דער האַנט
און שטיי שוין
ביי דיין אָפּגעשיידטער און שטומער רו"

(ביים קבר פון זיין ברודער, אומגע־קומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — ל. ט.)

דאָס שטעטל האָט דריי דימעסיעס און איר ווייסט אָפט נישט וואָס איז די ריכ־טיקע רעאַליטעט פון דעם שטעטל, וואָס זיפער באַשרייבט אין אַזוי פיל פאַרשיי־דענע וואַריאַציעס, די בלאָטע אָדער די מיסטיק. און אַמריכטיקסטן וועט זיין, אַז ביידע צוזאַמען. מען דאַרף נאָר קאָנען זען מיט אָפענע אויגן און אַ וואַרעם יידיש האַרץ.

דער נגלה און נסתר אין זיפערס שאַפן גייען תמיד געפּאָרט. אין זיין בוך „צווישן טייכן און וואַסערן" ווערט דער דאַזיקער מאָטיוו פון דעם נסתרדיקן אין דער אָרע־מער וואָכעדיקייט פון שטעטל דורכגע־פירט אין אַלע שילדערונגען. אין איין אָרט זאָגט ער: „דער תיקון קאָן קומען נאָר מיט עולה זיין קיין ארץ ישראל. אַז עס גייט נישט בנגלה מיטן דרך המלך, דאַרף מען פּרוּוון בנסתר, דורך אַ הינטער וועגל. אַז עס זיינען בנמצא אַזעלכע היינ־טער־וועגלעך, איז דאָך אַ דבר ידוע. ווו נגזר אַן עדה יידן דינט דעם אויבערשטן באמונה שלמה, איז ערגעץ אַרום זיי פּאַ־ראַן אַ וועג אַהין." (ז"ז 264, 265).

אין זיפערס פּראָזע גייען צוזאַמען פּלאַסטישע שילדערונגען מיטן יידישן געדאַנק און יידישן גורל אויף דער וועלט. עס איז פון דער מדרגה ליטעראַטור, וואָס לייענענדיק לשם הנאה, מוזט איר ווערן טיף אַריינגעצויגן אין דער אידעען־וועלט פון י. זיפער און זיך אַליין דערהייבן צו קענען פאַרשטיין און מיטגיין מיטן מחבר.

זיפער דערקלערט דאָס נישט דער־קלערבאַרע מיטן כוח פון זיין באַוווסט־זיניק, אַז נישט אַלץ איז דער מענטש ביכולת צו פאַרשטיין. ער דאַרף אָבער פילן, אַז ער איז אַ חלק פון געטלעכן, וועמען עס איז באַשערט צו וויסן בלויז אַ טייל און יעדערן איז געגעבן די ברכה צו פאַרשטיין בלויז אַ ביסל לויט זיין מדרגה.

אין דער פריער דערמאָנטער פּאָעמע: „כ'בין ווידער אין מיין חרובער היים גע־קומען" זאָגט זיפער:

„אין פאַרבאָרגעניש ערגעץ
נעסטיקט אַ סוד גרייט
ערגעץ־ווו מוז זיין דער באַשייד."

און אפילו דאָס טראַגישסטע, דער חורבן, האָט אויך ערגעץ אַן אָנשפּאַר אין דער יידישער מיסטישער רעאַליטעט, וואָס איז איבער צייט און אָרט. ער זאָגט אין איין אָרט אין דער פּאָעמע:

„גיי דערקלער אים (דעם דייטש—ל.ט.)
אַז די יידעלעך פירט מען נישט
צום גאַז־אויוון,
זיי גייען ווען עס קומט די צייט."

דער גאַנג צו גאולה גייט דורך אין זיפערס שאַפן ווי אַ פאָדעם און קומט צום אויסדרוק אין פאַרשיידענע כמו רעאַליס־טישע שילדערונגען אין דערמאָנטן בוך „צווישן טייכן און וואַסערן" געפינט זיך אַזאַ שטעל:

„די לאַנגע בריק, לאַנג ווי דער גלות
נעבעך — קרעכצט מען אַמאָל אונטער
— וועלן זיי דערפאַר מיט אונדז איינ־
איינעם דערלעבן משיחן צו פירן אויף
זיך, ווייל אויף איר וועלן מיר אים

אוודאי אַנטקעגן גיין. פון די מדבר־
דיקע מרחקים וועט ער קומען דורך
דער לאַנגער בריק און גאַנץ כעלות
וועט ער קומען — פלעגט די באָבע
אונדז שטיל אַריינציען מיט דער בענ־
קענדיקער באַנגדיקער שטימע."

און אין אַ צווייטן אָרט זאָגט זיך:

„מ'איז שוין איבערגעקומען שווערע־
רע צייטן, אונדזערע עלטערזיידעס —
האָט ער מדריך געווען זיין בנימינען —
איז שווער געווען, און האָבן פון דעסט־
וועגן מורא געהאַט אויסצוטאָן די זאָקן
ביים לייגן זיך שלאָפן, טאָמער וועלן
זיי חלילה פאַרשפּעטיקן מיט אַ רגע
דעם שופר של משיח."

דאָס לעצטע בוך „פון נעכטן און היינט"
האָט אַרויסגערופן זייער גוטע אָפּרופן
און דערצו איז כדאי אונטערצושטרייכן
דעם גוואַלדיקן יראת הכבוד וואָס די
פּערזענלעכקייט פון מחבר האָט אַרויס־
גערופן ביי די וואָס האָבן אָפּגעשאַצט און
געשריבן וועגן בוך. עס איז דער יראת
הכבוד צו אַ גרויסן שרייבער, אַ טיפן
למדן, און איינעם וואָס איז ממשיך די
טראַדיציע פון אַ חסידיש לומדישער
משפּחה פון פּוילן. אין אַן עסיי וועגן
יעקב פרידמאַן ע"ה, וואָס זיפּער האָט
געשריבן, ציטירט ער אַ זאָג פון פּאָעט
אַז:

„יעדער פּאָעט זוכט זיין שליסעלע מיט
וואָס צו עפענען די טירן פון פאַרהוילע־
נעם, עס ליגט נישט פון אויבן אויף."

דער זאָג איז אוודאי חל אויף זיפּערן
אַליין. ער האָט געזוכט אין זיין שרייבן
דאָס שליסעלע צום פאַרהוילענעם; די
דרייסיק דערציילונגען פון בוך פון פאַר־
שיידענע צייטן, לענדער און קאָנטינענטן,
גיבן אַלע צוזאַמען אַ בילד פון דעם גאַנג
פון זיפּערס דור, פון אונדזער דור, פון
אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה,
ביז נאָך די לאַגער קרעמאַטאָריעס און
ביז ער קומט צום געשריי פון געבוירע־
נעם (געמיינט משיח — ל. ט.) צו דער
אויפסניי געבוירענער יידישער מדינה.

דער צווייטער טייל פון בוך הייסט:
„מיטן זכרון פון וויטן נעכטן צום נאָענטן
היינט." זיפּער באַשרייבט דאָרט זיין
נסיעה קיין ישראל. די בעסטע באַצייכע־
נונג גיט דער מחבר אין לעצטן פּאַראַ־
גראַף פון זיין „כמו אַריינפיר":

„ווי אויסטערליש עס זאָל נישט אויס־
זען אין אונדזערע הייניטיקע אויגן, מוז
איך זיך מודה זיין, אַז צום הייניטיקן
ישראל פאָר איך מיט דעם דאָפּלטן
זיכרון און ארץ ישראל בענקשאַפט פון
דורות אין מיר; דער זיכרון פון גאָר
וויטן אַמאָל מיט וועלכן די זיידעס און
עלטערזיידעס האָבן זיך אָפּגעשלאָסן
און פאַרפאַנצערט פון דער וועלט;
כסדר געהאַלטן אים וואַך און זיך גע־
נערט און געפּיבערט מיט דער וויזיע
פון חדש ימינו כקדם, און אויך מיטן
זיכרון און חלום באַשייד פון נאָענטן
נעכטן ביז היינט, מיט וועלכן אונדזער
דור — מיינע עלטערע און ייִנגערע
חברים, האָבן מיט גרויס אַנגסטן און
שווערע יסורים זיך אַרויסגעריסן פון
דער אַלטער פאַרפאַנצערטקייט און גע־
נומען גורל אין די אייגענע הענט,
ווייל לענגער וואַרטן נישט געקענט."

יעקב זיפּער גיט דאַכט זיך אַ געווינט־
לעכע נאַטור באַשרייבונג ביים שילדערן
אַ קיבוץ, אָבער עס איז אַזוי צונויפגע־
וואַקסן מיט אַ תנכישן היינט, אַז איר זעט
„די ווייסע שטילע הייזקעלעך טוליען זיך
אין שאָטן פון צאַרט אָפּגעהיטע ביימלעך"
און גלייכצייטיק זעט איר „דעם פאַר־
בליפטן אברהם אָבינו", „דעם כוח פון
ויתן לך", יצחק אָבינו אויף דער עקידה
און יעקבס לייטער קלאָר דורכזיכטיק,
נאָענט; עס באַנייט זיך דער חלום אַרויף־
אַראָפּ און ווידער־אַמאָל אַרויף." און אין
צווישן, די מאַמע מיט דעם בילד פון 19
יאָריקן רמי וואָס איז געפאַלן אין מלחמה.

די מענטשן און סיטואַציעס וואָס זיפּער
מאָלט, זיינען רעאַליסטיש און דאָך פילט
איר אַז עפּעס טראָגן זיי אַ סוד פון נישט
דאָיקייט, אָדער אַן אומגעזעענעם ערגעץ־
ווויקייט, וואָס מען דאַרף זיין מסוגל משיג
צו זיין.

י. זיפּער איז אַ גלענצנדער עסייאיסט,
זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שריי־
בערס זיינען מייסטערווערק פון ליטע־
ראַרישן און פילאָסאָפישן אַריינבליק. ער

שרייבט אָבער נאָר וועגן פּאָעטן וואָס זיינען נאָענט צו זיין געמיט, אָדער אַזעלכע אין וועלכע ער קען געפינען אידעישע און פילאָסאָפישע נאָענטקייט.

אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן איציק מאַנגער זאָגט י. זיפּער:

„כדי צו קאָנען איבערטראָגן די גרויע ווירקלעכקייט האָט דער ייד קיין מאָל נישט געקענט לעבן נאָר אין זיין צייט, אין דעם געגעבענעם אָרט צווישן די היינט לעבנדיקע שכנים; ער האָט כסדר איבערגעשפּילט די צייט. די צייט פון תנ"ך און אַלע שפּעטערדיקע צייטן."

די מאַנגער־וועלט איז נאָענט צו דעם אידעישן איינשטעל פון יעקב זיפּער און ס'איז אים געקומען דער כבוד צו קריגן דעם מאַנגער־פּריז, אָבער דאָס איז געקומען ווען ער אַליין איז שוין געווען פיזיש זייער שוואַך און אין אַ צייט ווען דער יידישער גורל איז געווען אויף דער וואָגשאָל פון נסיון. (יולי 1982).

אין דער מאָטיווירונג פון דער זשורי זאָגט זיך צווישן אַנדערן: „ווי יעדער יידישער שרייבער איז אויך יעקב זיפּער געשטאַנען ביים באַרג סיני, געלעבט אין דעם מזרח־אייראָפּעישן פּייזאַזש פון ווייסע בעריאָזקעס און קאַשטאַן־ביימער, מיט דעם ניגון פון לערנען אַריינגעזאַפּט אין זיך די קבלה מיסטעריע פון צפת און ער דריקט אויס זיין געמיט אין יידיש מיט דעם יידישן אות."

לויט דער צוואה פון נפטר האָט מען אויף דער לוויה געדאַרפט לייענען אַ ליד פון מאַני לייב אויך אַ פּאַראַגראַף פון איינער פון די פינף מעשיות וועגן בעש"ט פון זיין בוך „געווען איז אַ מענטש". אין דעם פּאַראַגראַף רעדט דער בעש"ט פאַר דער פּטירה מיט זיינע חסידים וועגן ניגון וואָס טאָר זיך נישט איבעררייסן און אויב דער ניגון פאַרענדיקט זיך, דאַרף מען אים אָנהייבן פון דאָס ניי. זייער אָפט רעדט י. זיפּער וועגן ניגון וואָס טאָר זיך נישט איבעררייסן און דעם חוב ממשיך צו זיין אַלע מאָל אויף דאָס ניי אויב דער ניגון פאַרענדיקט זיך.

דער ניגון און די מעשה זיינען די כלים דורכ וועלכע יעקב זיפּער איז ממשיך דאָס אייביק יידישע, דאָס דורותדיקע אין בוך „געווען איז אַ מענטש" זאָגט דער מחבר:

„דער מענטש בענקט און טראַכט פון זיין שטעטל. וואָס־זשע טוט דער מענטש? — נעמט ער און דערציילט זיך אַ מעשה."

זיפּער שבעל פּה איז געווען אַ וווּנדערבאַרער דערציילער און בעל־מנגן. אויף מסיבות מיט נאָענטע פריינד איז דער יום־טובדיקסטער טייל פון יעדער מסיבה געווען זיפּערס דערציילן אַ מעשה אָדער פאַרציען אַ ניגון. מיט דעם איז ער געווען באַוווּסט נישט נאָר אין מאָנטרעאַל, נאָר אין דער גאַנצער יידישער קולטורוועלט פון ניו־יאָרק ביז תל־אָביב.

דאָס האָט אים אויך געהאָלפן צו זיין אַ מוסטער־לערער. זיינע געוועזענע תלמידים, וואָס זיינען איצט אַליין טאַטעס, מאַמעס אָדער זיידעס און באָבעס, וועמענס קינדער און אייניקלעך לערנען איצט אין די יידישע פאָלקס־שולן און פּרץ־שולן, אָדער אין ביאַליק מיטלשול, האָבן נישט געוווּסט קיין אַנדער נאָמען ווי לערער זיפּער. צו דער לוויה זיינען געקומען גאַנצע קלאַסן פון געוועזענע תלמידים וואָס וווינען היינט אין מאָנטרעאַל.

מיט זיין בנעימותדיקער באַציונג צו מענטשן און אידעלער באַנעמונג, האָט ער אויך משפּיע געווען אויף די לערערס וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט. זיפּער איז געווען דער חבר און פריינד און אין דער זעלבער צייט דער רבי פון וועלכן מען האָט געלערנט יעדן טאָג און פון יעדער האַנדלונג, ספּעציעל אין זאַכן פון בין אָדם לחברו.

זיפּער לערנט מיט זיינע מיטאַרבעטער לערערס פון שול ווי צו זיין נזהר מיט יעדער קינד, ווי צו געדענגען דעם „ודע לפני מי אתה עומד", ווייל ווער ווייסט וואָס אַ לערער קען מתקן זיין אָדער חלילה קאַליע מאַכן אויב עס איז דאָ אַ פּגם אין זיין אַרבעט. י. זיפּערס אָפּטער זאָג פלעגט זיין:

„מיר ווייסן קיין מאָל נישט וועלכעס קינד וועט זיין דער גרויסער מענטש און אפשר אָנגעגרייט צו זיין דער צוקונפטיקער משיח".

לילי בערגער / פאריז

# שיר המעלות אדער ארויף און אראפ...

די פאסט האט מיר געבראכט א יידיש בוך, אן ארויסגעשיקטס פון קעניגרייך רומעניע. ווי געוויינלעך, ווען עס קומט א יידיש בוך פון יענע מקומות נעם איך מיך עס צו לייענען מיט פלייס. ווארעם ווייסן ווייסן מיר, אז א יידיש בוך איז דארט א זעלטנקייט און אויך א זעלטנקייט איז ס'זאל אריבערשפרייזן גרענעצן און דערגיין צו אונדז, בפרט... בפרט אזא ספרל וועגן וועלכן ס'וועט דא איצט זיין א רייד.

דאס בוך הייסט „שיר המעלות“— אן אונטערקעפל „טרעפנגעזאנג“— און דער מחבר איז דער באקאנטער יידישער שרייבער וואלף טאמבור. צו מיין פארדרוס האב איך קיינמאל גארנישט געלייענט פון שרייבער טאמבור, אבער פיל געהערט וועגן אים, וועגן זיין טאלאנט. האב איך מיט גרויס בייגיר גענומען מיך צו לייענען דאס בוך, אבער די פליגל זענען מיר באלד אראפגעפאלן...

א טבע אזא ביי מיר, אז איך הייב אן צו לייענען א בוך פון סאמען אנהייב. אט זאל איך נאר זען וואס ס'איז פאראן אויף די פאדערשטע בלעטלעך. און דא איז פארן טעקסט אויף די פארבלעטלעך פאראן אויך א היפשע מאטא און דאס פונקט אנטקעגן דער פאטאגראפיע פונעם שרייבער מיט א מיסטעריעז - שמייכלענדיק פנים און קלוגע אויגן. לייען איך איבער די מאטא, כאפ א בליק אויפן אונטערשריפט און עס ווערט מיר קאלאמוטנע אויפן הארץ. דער הילצערנער טעקסט איז נישט פון קיין אנדערן ווי פון סאמאראדנעם רומענישן אליין-הערשער ניקאלאי טשאושעסקו.

מאטאס צו ביכער קלייבן שרייבער צו פון בארימטע פערזענלעכקייטן, פון גרויסע שעפער. האט וואלף טאמבור שוין נישט געפונען קיין אנדערע פערזענלעכקייט ביי וועמען צו נעמען א מאטא? מיין פארוואונדערונג איז נאך גרעסער געווארן ווען כ'האב איבערגעלייענט דעם אריינפיר אויף צוויי זייטלעך, אין וועלכע טאמבור דערציילט ווי אזוי מיט פערציק יאר צוריק איז דערשינען זיין ערשט ביכל און מיט די זעלבע צרות אויך אנדערע יידישע ביכער, פונקט אזוי ווי עס זענען דערשינען איציק מאנגערס באלאדן — אין פארלאג „אליינעניו“. ער דערקלערט דערביי דעם טיטל פון איצטיקן ראמאן: שיר המעלות שטאמט פון תהילים, ס'איז „דאס געזאנג פון טרעפ, פון אויפשטייג, פון אן ארויפשפרונג פון „אליינעניו“ צו'ן א מלוכה-פארלאג פאר יידיש... אין א נייער סאציאליסטישער געזעלשאפט פון אונדזער רומענישן הימלאנד.“

איז אויף וואס האב איך מיר שוין געקאנט ריכטן נאך א מאטא, גענומען ביי טשאושעסקו און נאך אזא'ן אריינפיר? איז מאלט אייך אויס, אז ס'איז באלד געקומען אן איבערראשונג און אויך א לערע אז מ'דארף צו פרי נישט אורטיילן, בפרט ווען עס גייט אין א בוך פון יענע מקומות.

---

שרייבעריי און לערעריי זיינען אין תוך זייער קרובישע געביטן, און ביידע קומט צום אויסדרוק די גרויסע מתנה פון דער געטלעכער השגחה פאר דעם מענטש צו בויען און צעשטערן וועלטן מיטן כוח פון ווארט.

אין לערעריי ווי אין זיין שרייבן איז י. זיפער געוועזן [illegible] מורה-דרך; דער קינסטלער אין זיפערן האט געגעבן די פארם. די [illegible]וח ארײַנצודרינגען אין תוך פון זא[illegible], סיי פון מענטש סיי פון דער נאטור און דער בעל מחשבות אין זיפערן האט אים געמאכט פאר דעם גרויסן פארטיפטן לערער וואס איז משפיע סיי זיינע תלמידים, סיי זיינע לייענערס.

מיר האבן פארלוירן א גרויסן שרייבער, א געבענטשטן לערער און מיר קאנען נאר זאגן:

געווען איז א מענטש, ר' יעקב יצחק זיפער שטערן ע"ה. — חבל על דאבדין ולא משתכחין.

הגם אונטערן טיטל איז אונטערגעשריבן ראָמאַן, באַשטייט דאָס בוך פון עטלעכע פאַרשידנאַרטיקע טיילן. נאָכן אַריינפיר קומט אַ מין פּאָעמע, אַ געגוג לאַנגע, וואָס טראָגט דעם טיטל „אַ מעשה איז נישט קיין געשיכטע" און וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט רמזים, און לייענען דאַרף מען נישט נאָר די פּערזן נאָר אויך צווישן די פּערזן. נאָך דער פּאָעמע קומט אַ לאַנגע מעשה באַטיטלט „ווי אַן הקדמה" וואָס זעט אויס ווי אַ מעשה פאַר זיך און פון וועלכער איר דערוויסט זיך, אַז צוויי פּראָפעסאָרן פון געשיכטע, גוטע פריינד, האָבן זיך געזעצט טרינקען אַ גלעזל משקה און טרינקענדיק, פאַנאַנדערעדנדיק זיך האָט דער „צווייטער" דערציילט דעם „ערשטן" ווי ער האָט אַ „דריטן", (אַזוי באַצייכנט טאַמבור זיינע פּערסאָנאַזשן) וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, דערקענט אויפן גאַס און איבערגעגעבן דער פּאָליציי.

איז וואָס טוט נאָך דעם דער „ערשטער"? ער קלערט נישט קיין סך און טראָגט צו ווו מען דאַרף, וואָס פאַר אַ חטא עס האָט אויף זיך דער „צווייטער", וואָרעם ער האָט זיך געקויפט עולם־הזה מסרנדיק דעם „ערשטן", וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן בלויז אויף צען יאָר, ווייל ער האָט נישט געקענט באַווייזן זיין אומשולד; און ווי האָט ער געקענט באַווייזן זיין אומשולד, אַז מ'האָט פון פּאָרויס געוווסט, אַז ער וועט גאָרנישט קענען באַווייזן. און אַזוי ווי יעדער מענטש האָט אַ „דאָסאָר", וואָס דאָס מיינט אויף אונדזער לשון אַ געהיימע „פּאַפּקע", פאַרקאָכט זיך אַ נייע מעשה און אַזוי דרייט זיך אַריין אַ מעשה אין א מעשה, נאָר דער מחבר וואָרנט אונדז, אַז מיר זאָלן קיין מעשה נישט נעמען ערנסט, נישט גלייבן איר, וואָרעם אַ מעשה איז אויסגעזויגן פון פינגער; גלייבן, עצהט אונדז דער מחבר, דאַרף מען בלויז געשיכטע און דאָס נאָר אַזאַ, וואָס איז געשריבן אויפן סמך פון אַלטע פאַרשימלטע דאָקומענטן.

זענען מיר אין דעם פּרט מסכּים מיט אים, אָבער זיין מעשה מיטן „ערשטן", „צווייטן" און „דריטן" זענען מיר גענייגט דווקא יאָ צו גלייבן, זי לייגט זיך פּשוט אויפן שכל און באַוווּנדערן דעם שרייבער ווי שרייבעריש געשיקט, ממש אַקראָבאַטיש־שרייבעריש און אויך הומאָריסטיש. ער פירט אונדז אַריין אין אַ טרויעריקער רעאַליטעט, אַ רעאַליטעט, וואָס דערדריקט אַ יעטוועדן אין דער „נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פון אונדזער רומענישן היימלאַנד." עס הייבט אָן ווערן אַלץ מער קלאָר פאַרוואָס דער מחבר האָט צוגעקליבן אַזאַ מאָטאָ און אין אַריינפיר אויסגעזונגען אַ לויב־געזאַנג דער סאָציאַליסטישער רומעניע.

די לאַנגע מעשה, ווי דערמאָנט שוין, טראָגט דעם טיטל „ווי אַן הקדמה". און נאָך דער הקדמה קומט איצט אַ נייע הקדמה אין פאָרם פון אַ נייער פּאָעמע, כמעט אַ באַלאַדע וועגן צוויי יונגע מענטשן, וואָס הייסט „צוויי אויף איין טרעפּל" און פירט אַריין אין דער אמתער געשיכטע.

בטבע האָב איך נישט גערן, שרייבנדיק וועגן אַ בוך איבערצודערציילן דעם אינהאַלט. אין דעם פאַל איז דאָס נייטיק, אָבער כ'וועל דאָס מאַכן בקיצור, הגם די נייע געשיכטע שפּרייט זיך אויס אויף קאַרגע דריי הונדערט זייטן מיט דראָבנעם שריפט. די הויפּט פאַבולע איז אַזאַ:

אַ יונגער רומענישער ציגיינער ווערט אַ קאָמוניסט און גיט זיך אָפּ מיט לייב און לעבן דער זאַך פון קאָמוניסטישן רעזשים. אַ יידיש מיידל, וואָס איז באַשאָנקען אי מיט רויט־בלאָנדע האָר, אי מיט בילדונג, איז נאָך פון פאַרן נייעם רעזשים אַריינגעטאָן געווען אין דער זאַך פון קאָמוניזם. ביידע טרעפן זיך אַזוי אַרום אויפן זעלבן „טרעפּל", ווי דער מחבר באַצייכנט דאָס. ביידע ווילן אונטערן נייעם רעזשים אַנטלויפן פון זיך גופא, אויסבאַהאַלטן דעם אייגענעם אָפּשטאַם, אָפּמעקן די אייגענע פאַרגאַנגענהייט. דער יונגער ציגיינער, נאַאָן דאַנטשו, ענדערט זיין נאָמען אויף נאַום דאַנטשלעסקו און דערווידערט דערמיט זיין פאָטער דעם שמיד, דעם שטאָלצן ציגיינער, וואָס האָט פאַר אַן אומכבוד צו ווען זיך אָפּרייסן פון אייגענעם שטאָם.

דאָס יידישע מיידל בעטי אָדער עליזאַבעטאַ מאַרקאָוויטש האָט שוין פון לאַנג

אויסגעמעקט איר יידישן נאָמען אלישבע מאָרדכאָוויטש. ווען זי דרוקט עפּעס אָפּ צייכנט זי אונטער עליזאַבעטאַ מאַרקאָ; מאַרקאָ קלינגט מער רומעניש. זי, בעטי, האָט נישט נאָר פאַרוואָרפן איר אמתן נאָמען, נאָר אויך אַנטלאָפן פונעם ביסל משפחה וואָס איז איר פאַרבליבן נאָכן היטלעריסטישן חורבן. אויף די פּילצאָליקע פראַגעס, דער עיקר בעת אַנקעטעס, ענטפערט זי שטענדיק, אַז זי האָט קיין שום משפחה נישט.

אָט אַזעלכע צוויי אָפּגעריסענע פון אייגענעם שטאַם טרעפן זיך צוזאַמען אין דער „גרויסער שליחות״, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך אויפצובויען אַ נייע וועלט, צו דערציען אַ נייעם מענטש. בעטי איז שוין אָבער אַ מיידל אין די יאָרן און דאַרף זיך איינשאַפן אַ מאַן. נאָום דאַנטשולעסקו איז אַ שיינער בחור, אַן איבערגעגעבענער בלב ונפש קאָמוניסט. פאַרוואָס נישט אָנווענדן אַ פּאַרטייאיש מיטל צו ברענגען אים צו זיך אין בעט? זיי האָבן באַלד דערנאָך חתונה. נאָום דאַנטשולעסקו האָט חתונה מיט בעטי נישט אויס ליבע, נאָר אויס אויסרעכענונג אַז זייערע קינדער וועלן נישט טראָגן דעם ציגיינערישן פּרצוף; זיי וועלן זיכער ירשענען די בלאָנד־רויטע האָר און העלע הויט פון דער מאַמען.

דאָס צוזאַמענלעבן האָט לאַנג נישט געדויערט. דאַנטשולעסקו ווערט אַרעסטירט, פאַרמישפּט. בעטי, ווי די פרוי פון אַן אַרעסטירטן, ווערט פון אַלץ און אַלעמען באַזייטיקט, איזאָלירט. אַ פאַרלאָזענע, פאַראיינזאַמטע, געבוירט זי אַ קינד. להיפוך צו די אויסרעכענונגען פון פאָטער וואַקסט דאָס ייִנגל אַ שוואַרצינקער ציגיינער, מיט פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר. בעטין געלינגט מ׳זאָל איר נאָך יאָרן שענקען אַ צען־מינוטיקע זעונג מיטן מאַן. נאָום שטייט אָבער בעת דער זעונג אַ פאַרשטיינערטער, אַ שטומער, ברענגט פון מויל נישט אַרויס קיין וואָרט נישט צו דער ווייב, נישט צום זון.

צו דער פאַרלאָזנקייט, איינזאַמקייט, קומט באַלד צו אַ שווערע קראַנקייט. דער איינציקער מענטש וואָס רופט זיך אָפּ אויף בעטיס אומגליק איז אַ קרובה פון וועלכער זי האָט פריער נישט געוואָלט הערן און וואָס ווערט אַ מאַמע צו איר קינד. אַ צוזאַמענגעבראָכענע הייבט בעטי אָן אָפּצוגעפינען זיך גופא. עס פאַרשטאַרקט זיך אין איר דער פריערדיקער דראַנג צו שרייבן; ווי אַזוי שרייבט מען אָבער ווען איבערן מענטשלעכן וואָרט הענגט דער חלף פון דער אַלמעכטיקער צענזור? אין וואָסר טעמע זאָל זי איבערגיסן איר אומגליק?

בעטי קערט זיך אום צו דער ווייטער יידישער פאַרגאַנגענהייט. זי געפינט זיך אָפּ אין יוסף בן מתיתיהו פלאַוויוס. אין אַ לאַנגער דערציילונג ברענגט זי אַרויס זיין יידישע און מענטשלעכע דראַמע. יוסף פלאַוויוס איז כלומרשט פריי אין רוים, געפונען כלומרשט פריינד אין טיטוסן. אין דער אמתן איז ער אַ שקלאַף. שרייבנדיק די געשיכטע פון זיין פאָלק, באַגערט ער צו שילדערן די העלדישקייטן פון זיינע ברידער, די יידישע קעמפער. ער מוז אָבער שרייבן אַזוי ווי דער שונא פון זיין פאָלק וויל דאָס. זיין כלומרשטער פריינד, טיטוס, האַלט דאָס אויג אויף אים, ער גיט כלומרשט נייטיקע אָנווייזונגען, עצות ווי אַזוי צו שרייבן. ווען ער קערט זיך אום פון שפּאַציר אין זיין צימער, דערקענט פלאַוויוס ווי מ׳האָט גענישטערט ביי אים, ווי מ׳האָט רעווידירט זיינע שריפטן, כאָטש ער מוז זיי אַליין געבן צו לייענען אַ „קענער״. די שטרענגע צענזור דערשטיקט אים, מאַכט צונישט זיינע שרייבערשע עכטע פּלענער.

הכלל, בעטי האָט איבערגעטראָגן דעם מעכאַניזם פון דער צענזור פון איר לאַנד אין אַלטן רוים, דעם איצטיקן באַוואַכטן און צענזורירטן שרייבער געוויזן אין פלאַוויוסן. אגב רוקט טאַמבור נישט איין מאָל אַרויס דעם דראַמאַטישן פּראָבלעם פונעם שרייבער אינעם קאָמוניסטישן רעזשים. וואָס זאָל דער שרייבער טאָן? זאָל ער אויפהערן שרייבן? ניין, ס׳איז נישט קיין אויסוועג. ער מוז זוכן מיטלען צו קענען שרייבן אַזוי ווי עס דיקטירט אים זיין שרייבערישער געוויסן און נישט פאַרקויפן זיין פעדער ווי דאָס טוט נישט איין שרייבער. ניין, וואָלף טאַמבור שוינט נישט די־אָ שרייבערס.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו בעטי, וואָרעם דורך איר רעדט איצט דער שרייבער גופא. בעטי אַ קראַנקע, דערוואַרטנדיק דעם טויט, באַגערט איר קינד זאָל וויסן, אַז ער איז אַ ייִד. זי זאָגט אים אָן ער זאָל זיך חס וחלילה דערמיט נישט שעמען. אָבער האָט זי שוין דורכגעפירט דעם גאַנצן חשבון הנפש מיט זיך?

פאַרן טויט, אויפן שפּיטאָל־בעטל, שרייבט זי נאָך אָן אַט אַזעלכע פערזן:

„נאָך זיך גופא לאָמיר זיך שבעה זיצן,
נישט וואַרטן אַז אַנדערע זאָלן באַקלאָגן.
אַליין לאָמיר דעם יאָרצייט האַלטן.
אַנדערע וועלן דעם קדיש נאָך אונדז
זאָגן?
לאָמיר באַצייטנס אַליין זיך באַוואָרענען,
איצט, כל זמן מיר נאָך לעבן,
לאָמיר נישט וואַרטן אַז קינדער „שטומע"
זאָלן אונדזער נשמה אַ תיקון געבן..."

בעטי שטאַרבט נאָכן מאַטערן זיך אַ יאָר אין שפּיטאָל. און דאָ הייבט זיך אויפסניי אָן אַ טראַגי־קאָמעדיע. ווי אַזוי זאָל מען איינאָרדענען איר לוויה? די צייט האָט זיך אַ ביסל געביטן. פריערדיקע חברים רופן זיך אָפּ. פון דעסטוועגן וואַרט מען, אַז אַ קאָמיסיע זאָל באַשטימען צי מען מעג זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל ביי „פּאַראַשן". מען מאַכט איר דאָך אַ קאָמוניסטישע לוויה — די באַגלייטער טראָגן רויטע בענדער אויפן אָרעם, שטייען ביים אָרון „ווי פאַרגליווערטע מומיעס אָדער מאַניקינען..." איינער מיט אַ רויטן באַנד אויפן אָרעם האָט „אַרויסגענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר פון זיין בוזעם־קעשענע און עפּעס געלייענט מאָנאָטאָן..." מ'האָט אויך דער געשטאָרבענער פאַרפייניקטער אָנגעטאָן דעם לעצטן כבוד, צוגעשפּיליעט אַלע אירע אַמאָליקע קאָמוניסטישע אויסצייכענונגען צו אַ סאַמעט קישעלע און עס צוגעפּעסטיקט אויבן אָן פון אָרון. ס'האָט געשפּילט אַ טרויער־מאַרש, מ'האָט דאָך געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל, אָבער די קרובה, די, וואָס האָט דער געשטאָרבענער געטראָגן הילף אין איר אומגליק, ווען אַלע האָבן זי פאַרלאָזט און געוואָרן

אַ מאַמע צו איר קינד, איז געשטאַנען פון דער ווייטנס, נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן.

צייטן בייטן זיך דאָך. „דער פּאָטער פון די פעלקער" איז נישט מער צווישן די לעבעדיקע, הגם דער שרייבער דערמאָנט נישט דערוועגן. אָבער מיר שטויסן זיך אָן, וואָרעם די תפיסות האָבן זיך געעפנט, נאָום דאַנטשולעסקו ווערט באַפרייט, „רעהאַביליטירט", נאָר ער האָט נישט וווהין צו גיין, ער האָט מער קיין היים נישט. זיין דירה האָבן פון לאַנג שוין אַנדערע פאַרנומען. ער איז געצווונגען צו בעטלען אויף אַ בילעט, כדי זיך אומקערן צו די עלטערן.

האָט זיך דערמיט די טראַגי־קאָמעדיע פאַרענדיקט? ניין, נישט אין גאַנצן. זי גייט אַ סברה ווייטער אָן, נאָר אין אַן אַנדערער לייכטערער פאָרם. ווער קאָן דען אויסמעסטן וואָס ס'איז פאַראַן מער, טראַגיזם צי קאָמיזם? ס'איז ווי אַמאָל. אַן עכטע קאָמעדיע איז ווי אַזוי ס'קומט צו דער ציגיינער־משפחה אַ הויכגעשטעלטער שליח צו ברענגען דאַנטשולעסקו צוריק אין שטאָט, וווּ מען פירט אים צוריק אַריין אין זיינע פונקציעס.

הכלל, וואָלף טאַמבור האָט מיט אַ סך טאַלאַנט, אויך מיט הומאָר, אין זיין קוואַליקן רומענישן יידיש אַרויסגעבראַכט סיי דאָס ברוטאַל־אוממענטשלעכע, דאָס טראַגישע, סיי דאָס קאָמישע, דער עיקר דאָס אַבסורדאַלע פון אַ רעזשים, וואָס דערנידעריקט, צעשטויבט דעם מענטש, וואָס צעטרעט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. אָט ווערט דער מענטש אַ שפּילעכל אין די הענט פון בלינדע כוחות, און אָט ווערט ער לעכערלעך דורך זיינע אייגענע אויפגעצווונגענע — האַנדלונגען. אָדער גאָר ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אויטאָמאַט. דערביי רוקט אַרויס דער שרייבער אָן אַ שיער פּראָבלעמען. און ווי דער לייענער שטויסט זיך שוין אָן, טוט ער עס נישט אָפן, דירעקט, אויף אַ גלייכן וועג, נאָר אומדירעקט, מיט געדרייטע וועגן, אָפט מאָל מיט אַלעגאָרישע מיטלען, מיט רמזים און דיכטערישע אָנדייטונגען. דעריבער פּליסט נישט די נאַראַציע גלייכמעסיק — זי שלענגלט זיך, מאַכט

אומוועגן, דאָ און דאָרט איז זי דורכגעפלאָכטן מיט פילזאָגעוודיקע פּאָעמעס.

ווי שטורמישע וואַסער־שטראָמען, וואָס פליסן פון פאַרשיידענע זייטן, דאָ אונטערערדיש, דאָ אויף דער אויבערפלאַך ביז זיי קומען זיך צוזאַמען און בילדן אַ שטראָמיקן טייך, אַזוי פליסט די נאַראַציע זיגזאַגיש, דורך געדרייטע וועגן, טיילמאָל אַלעגאָריש, טיילמאָל ווי אַ מעשה בתוך מעשה ביז אַלץ צוזאַמען שאַפט דעם ראָמאַן פון מענטשלעכע גורלות און דראַמעס, פון אַ משונהדיק צעשרויפטער צייט ס׳האָט ווער געהאַט געזאָגט, אַז טראַגיזם און קאָמיזם וואַקסן צייטנווייז אַרויס פון זעלבן שטאַם. אין „שיר המעלות" וואַקסן בפירוש אַרויס דאָס טראַגישע און דאָס קאָמישע פונעם זעלבן שטאַם. און ס׳איז צו באַוווּנדערן די שרייבערישע אָריגינעלע געניטשאַפט, די מייסטערשאַפט און דער עיקר, די געוואַגטקייט צו שאַפן אַזאַ ראָמאַן.

וואָלף טאַמבור פאַרענטפערט זיך וואָס ער רופט אָן זיין בוך „שיר המעלות" ראָמאַן. מעגלעך, אַז געוויסע רעצענזיע־שרייבערס וועלן טאַקע אָפּפסקענען, אַז ס׳איז גאָר קיין ראָמאַן נישט, ווי ס׳געשעט ביי זיי ביי געוויסע געלעגנהייטן. פאַר זיי דאַרף אַ ראָמאַן זיין צוגעשניטן אויף איין אויסגעמאָסטענער מאָס, לויט איין קאָנוועגץ און פאַרשפיליעט דאַרף ער זיין אויף אַלע קנעפּלעך. וואָלטן זיי געלייענט אַזעלכע באַרימטע ביכער ווי „פּאַרפּאַרינאַ" פון דאָמיניק פערנאַנדעז, „דער דאָקטער פון קאָרדאָווע" פון הערבער לע פּאָריע, געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, אָדער סתּם ביכער פון דעם מין „נייער ראָמאַן", וואָלטן זיי מסתּמא אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, אַז דאָס זענען גאָר קיין ראָמאַנען נישט. די מעשה איז אָבער וואָס דער ליטעראַטור זשאַנער וואָס מ עקרופט ראָמאַן, איז אין דער וועלט־ליטעראַטור אויסגעוואַקסן פון דער באַגרענעצטער קאָנווענציאָנעלער פאָרם, ווי אַ קינד וואַקסט אויס פון זיינע צו ענגע מלבושים.

נישטאָ היינט קיין איין קאָנוועגץ פון אַ ראָמאַן, נאָר אַ סך קאָנווענצן. און וואָלף טאַמבורס בוך „שיר המעלות" איז טראָץ זיין נישט איינהייטלעכקייט, צוביסלעך צופלאָסנקייט, אַ ראָמאַן פון אַ שטאַרקער עקספּרעסיע. אַ ראָמאַן, וואָס גיט אַ היסטאָרישן קווערשניט פון צייט און אָרט, אַ קווערשניט פון פאָלקס־גורלות און פעלקער־גורלות. און וואָס גיט אַ קינסטלערישן ת י ק ו ן גרויסע מענטשלעכע דראַמעס.


# דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

A·R

THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאל

# הערות אויפן גליון און צווישן די שורות פון איטשע גאָלדבערגס בוך עסייען *)

די לפי ערכדיק היפשע, עסטעטיש-אַרויסגעגעבענע זאַמלונג מאמרים טראָגט דעם צימצומדיק - באַשיידענעם נאָמען „עסייען״. קען געמאָלט זיין, אַז עס איז געטאָן געוואָרן בכיוון, בכדי דער לייענער זאָל נישט פאַרגאַפּיען אויפן טיטל, פאַרזאמען זיך, אָדער גאָר פאַרפאַלן ווערן ביים שער פון קנקן... זאָל ער זיך כאַרווער, בלי עיכוב, תיכף ומיד טובלען און אַרומשווימען אין די תוכן פון תוכן. מ׳קען אויך צולאָזן די סברה, אַז דער צנעדיקער טיטל וואַרפט אַ מין אָפּשיין אויף דער שעמעוודיקייט פון מחבר. נוסף לזה, באַם דאָס זאָגט עדות אויף דער גרויסער מעלה פון עניוות, האָט זיך דער איבערגעגעבענער, פייערדיקער פעכטער פאַר יידישוועלטלעכקייט, בעל-כרחו, פאַרדינט די זכיה פון נישט דאַרפן מער מגולגל ווערן צו אונדזער עולם השקר, נאָך די מאה ועשרים מיט אַ שמיצל, וואָס מיר ווינטשן אים אַלע. ככתוב, ווי ס׳ווערט געברענגט אין פירוש חיד״א אויף תהלים (ל״ד:ג׳): „בה׳ תתהלל נפשי — מיט גאָט טוט זיך רימען מיין זעל״, משמע: „מיט גאָט לויבט זיך, לאָבט זיך, ליובעט זיך מיין זעל.״ מיינט עס: „פּעקעלע, ריר זיך נישט״ — דאָ בלייב איך מיר שוין, „אונטער די פליגל פון דער שכינה״, אויף אַלע אייביקייטן, ביז תחית־המתים. אַ שיינעם שפּאַס אויף אַ סעקולאַריסט, האָט (כביכול) אויסגעטראַכט דער „יושב בשמים ישחק — דער וואָס טוט זיצן אין הימל און לאַכט...״ (תהלים ב׳:ג׳).

דער מחבר פאַרזיכערט זיך פאָרויס מיט אַ פאַרטיידיקונג: „הגם אַלע עסייען זיינען רעדאַגירט געוואָרן, האָב איך בעצם איבערגעלאָזט די ערשטע ווערסיע, אַזוי אַז עס באַקומט זיך פון צייט-צו-צייט אַ שאָטן פון אַ סתירה מיט זיך אַליין.״ (אַ וואָרט פריער, ז. א׳). פון דעסטוועגן וועל איך צילן מיינע הערות אויך אין די דאָזיקע סתירות, וואָס איך האָב באַמערקט; און דאָס, נישט חלילה על מנת לקנטר, נאָר בכדי אָנצווייזן אויף אינטערעסאַנטע אָפּווייכונגען פון אַ בדרך-כלל אומגעביטענער „מאָס, און (איינהייטלעך-קאָנסעקווענטן) אויסטייטש פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.״ (דאָרט).

גאָלדבערג דערקלערט:

איך האָב זי אויפגעפּאַסט ווי דער ווירקנדיקער כוח, דער גורם — אין דער מאָס וואָס ליטעראַטור קאָן עס זיין — וואָס האָט געהאָלפן געשטאַלטן און אויסקנעטן די פיזיאָנאָמיע פון אַשכנזישן יידנטום במשך די לעצטע 100 יאָר — די יידיש - יידישע ליטעראַטור מער ווי וועלכע עס איז ליטעראַטור געשאַפן פון יידן אויף אַלע אַנדערע שפּראַכן, העברעיש אַריינגערעכנט. (דאָרט)

איז גוט וואָס ער אינפאָרמירט אונדז:

מיינע רעפעראַטן זיינען כמעט אַלע מאָל געווען געלייענטע עסייען. דאָך איז, דאָ און דאָרט, נאָך אַלץ ניכר דער בעל-פה נוסח. איך האָב אין טייל פאַלן איבערגעלאָזט אָט דעם טראָפּ פון בעל-דרשן.

דער פייערלעכער טאָן און ניגון פון בעל-דרשער (ווי מ׳פלעגט זאָגן אין אונדזערע מקומות( גיסט זיך אַריין אַ חיות אין די עסייען. עס דערקלערט, על-כל-פנים פאַר מיר, דעם מצב-רוח פון מאַטיף בעתן שרייבן-רעדן זיין עסיי. וואָרן, רעדנדיק פאַר אַן עולם, קען מען זיך איינרעדן אַז מ׳רעדט צו אַ פאָלק וועגן אַ פאָלק. דאָס איז אַ פסיכישער צושטאַנד וואָס מען

*) אין דעם פריערדיקן נומער „חשבון״ האָבן מיר געדרוקט אַ פראַגמענט פון דער עסיי. דאָ ווערט געגעבן אַ ווייטערדיקער טייל.

קען זעלטן דערגרייכן אין דער אָפּגעזונדערטקייט, פּנים־אל־פּנים מיטן בלאַנקן פּאַפּיר און דער ניכטערער אַקטועלקייט.

וואָרן, בעת דער צווייטער דור נאָך די קלאַסיקערס האָט געקלאָגט אויף „געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפילה...“, און „על סף בית־המדרש“, איז היינט — דער שוך אויפן אַנדערן פוס: היינט, דאַרף מען אפשר קלאָגן אויפן לעצטן יידישלייענער און שרייבער. דווקא די „אונטערגייענדיקע“, „אָפּגעשטאַנענע“, „פאַרשימלטע“, האָבן בלי עין־הרעה, אויפגעהאָדעוועט אַ נאָדוווקס — אַ יוגנט און אַ ציבור פון מיטעלן עלטער, וועגן וועלכע מיר וועלטלעכע קענען נאָך האַלוצינירן אויף דער וואַך. מיט אַלע חסרונות פונעם פרומען נאָכוווקס, און עלטערן חרדישן דור, איז זייער היטן די וואָרצלען לויט דעם מאָטאָ: „מנהג אבותינו בידינו“, אַ קלוגערער דרך, ווי סתם קראַצן דעם „שימל“ פון דורות, ביז עס זאָלן, פון אונטערן שימל אַפּער, אַרויסשטעקן די צונגען מיט געשפּעט געשמדטע יונגע דורות, און עס זאָל זיך לאָזן הערן איבער דער ברייטער וועלט דער שדישער הפקר־חוזק פון אַ באַשעוויס, און זיינס גלייכן. האָבן מיר דען נישט געקענט לערנען פון די מענדלסאָנס, מאַרקסעס און אַנדערע, האָבן מיר טאַקע גאָר נישט געוווּסט וווּהין דער דרך פירט?

האָט אונדז דאָך פּרץ (דער שרייבער, נישט דער פּאַמפלעטיסט) גלייך געוואָרנט אין „מאָניש“, אין „פיר דורות פיר צוואות“, און אין דער „גאָלדענער קייט“.

דאָס טשאָלנט־ברעטל פון „נאַציאָנאַלן רענעסאַנס“ (וואָס איז, אגב, שווער צו קינד געגאַנגען ביים „בונד“, און אפילו ביי פּרצן) האָט נישט געקענט דינען ווי אַ מויער פון אַ פעסטונג.

ס'איז אמת, אַז די שולד ליגט נישט בלויז אויף די „אויפקלערערס“. וואָלטן די חסידישע און מתנגדישע מנהיגי־הדור בשעתּם געמאַכט די געהעריקע רעפאָרמען אין חינוך (פאַרגלייך זייער היינטיקן חינוך מיטן אַמאָליקן), אין זייערע קהלשע פאַראָנדקעס, וואָלט דער ריס נישט געקומען. אָבער די „קלוגע“, די „פרייע“ האָבן אַרויסגעגאָסן דאָס קינד מיטן וואַסער צוזאַמען, אָן טיפער איבערטראַכטונג און אָן אינערלעך־פאָלקישער היסטאָרישער אַחריות. מיט גענוצטע, איבערגעניצעוועטע אידעאָלאָגיעס, אָפּגעקויפטע ביים גויים, איז מען צוגעטראָטן צום רעמאָנט פון הויז פון ישראל. האָבן די רעזולטאַטן נישט געקענט זיין קיין בעסערע ווי זיי זענען.

כאָטש למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז אויף אַ קורצער מעטע, האָט די נאַציאָנאַלע וועלטלעכקייט פאַרהאַלטן דאָס דעזערטירן פון מאַסן יחידים פונעם יידישן כלל, און האָט אָפט געדינט ווי אַ מאַגנעט אויף קריקצוברענגען אַ צאָל פאַרבלאָנדזשעטע. אויך היינט געפינט מען גראַדווירטע פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין סינאַגאָגעס, און אַנדערע יידישע קהלישע אַקטיוויטעטן. כאָטש, מען דאַרף זיי זוכן מיט אַ ליכט ביי אונדזערע אייגענע קולטור־אונטערנעמונגען.

## ב.

דאָס בוך פאַרמאָגט אַכט קאַפּיטלען פול פון תוכיקן תוכן. עס דרייט זיך אַרום אַן אַקס מיט נאַציאָנאַל־סאָציאַלע פּאָלוסן. מען וואָלט געקענט זאָגן, אַז די באַהאַנדלונג איז צוויי־דימענסיאָנאַל (נאַציאָנאַל־סאָציאַל); אָבער, אַזוי ווי דער מחבר באַשטייט אויף דעם, אַזביידע אַטריבוטן געפינען זיך, מוזן זיך געפינען אין דער יידישער ליטעראַטור, בכדי זי זאָל ווערט זיין דעם נאָמען, איז שוין די צוויאיקייט וואָס ווערט איינס אין דעם אַקס, אָדער די איינִיקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך צעצווייט אין די פּאָליוסן, אַ מער צוגעפּאַסטער מעטאַפאָר. מיטן אויסנאַם פון קאַפּיטל ח׳, איז דאָס אַ בוך פול מיטן אויג מיט חסד און רחמים — אַ גוט בוך פול מיט גוטסקייט, ככתוב אין גאָלדבערגס פאַראַפראַזע פון מענדעלעס „ארחם את יהודית“ — ארחם את המענטש“.

וועגן די קלאַסיקערס שרייבט ער:

די ווערטן וואָס זיי האָבן געשאַפן זיינען געווען דורכויס נאַציאָנאַל־וועלטלעכע, פאַרגעשריטן־מענטשלעכע, הו־

מאַנע. פאַרוואָרצלט אין דער געשיכטע און טראַדיציע פון פאָלק, ווי אַלע גרויסע קינסטלערס, האָבן זיי געאָטעמט מיט היינטצייטיקייט, מיט מאָרגנצייטיקייט — (אָפט פרישער ווי טייל היינטיקע יידישע שרייבערס וואָס ווערן פאַרלוירן אין מיסטיציזם און דעמאָניזם). אין נאַציאָנאַל סעקולערן האָבן זיי אָנשפּאַר געפונען. ניט סתם קיין אפּיקורסים זיינען דאָס געווען, נאָר זיי האָבן די הימלען געשטורעמט, כדי דעם מענטש צו דערהייבן. (ז׳ 20).

און, „דער קאַמף פאַרן כסדרדיקן ווידערגעבורט פון פאָלק — און דאָס פאָלק האַלט אין איין ווידערגעבוירן ווערן — שפּיגלט זיך אָפּ, ווערט קינסטלעריש באַזיניקט אין דער ליטעראַטור. די טראַדיציע פון די קלאַסיקערס פּולסירט כסדר." (ז׳ 22).

„וואָס־זשע וועט זיין ווייטער?" ד. ה., נאָך די ערשטע 100 יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור? „וואָס וועט אָבער זיין מיט אונדזערע אייניקלעך?" נישקשה פון אַ קשיא שטעלט אונדז דער מחבר.

אָבער, דער מחבר, דער מאמין, דער ענטוזיאַסטישער בעל־דרשער צעוויגט זיך:

> אויב איך גלייב אין אַ צוקונפט וואָס וועט זיין אַן אָרקעסטער פון פעלקער, אין וועלכן יעדער אינסטרומענט איז גלייך וויכטיק—קען איך זיך ניט פאָרשטעלן די יידישע פידל, אָדער וויאָלאָנטשעל, אָן דעם המשך פון דער ליטעראַטור (און המשך מיינט סיי דאָס שאַפן אויף יידיש, סיי דאָס איבערגיסן אין דער טיף אירע ווערטן אין אַנדערע שפּראַכן, העברעיש אַריינגערעכנט). אָן אַזאַ המשך וועט ניט נאָר פעלן אַ סטרונע, דער גאַנצער אינסטרומענט וועט כריפּען. (ז׳ 23).

בנוגע דעם ענין איז מיר וויכטיק צי ס׳וועט בכלל זיין אַ המשך אויף יידיש. וועגן „איבערגיסן" זאָל זיך גאָט זאָרגן. איבערגעגאָסענע בלוט צירקולירן אין פרעמדע קערפּערס אויך... ס׳איז מיר לייכטער מסכים צו זיין, אַז „איבערזעצונ-

גען וועלן קיין פאָלק ביים לעבן ניט דערהאַלטן." (ז׳ 31).

גאָלדבערג שרייבט: „מיט הונדערט יאָר צוריק... איז געבוירן געוואָרן אַ ליטעראַטור וועמעס הויפּט־שטריכן זיינען געווען — ליבע און קריטיק, מחמת איינס אָן צווייטן וואָלט ניט מעגלעך געווען." (ז׳ 26) און ער ציט ווייטער דעם פאָדעם פון געדאַנק:

> ליבע אַליין וואָלט ניט געטויגט, פונקט ווי רחמנות אַליין איז ניט גענוג. צוליב דעם איז דיגעזאָן ניט געבליבן אין דער ערשטער ריי פון די יידישע ליטעראַטור־שאַפערס. קריטיק אַליין איז ניט גענוג—צוליב דעם האָבן די משכילים ווייניקער געווירקט, צוליב דעם איז נאָמבערג ניט אין דער ערשטער שורה פון אונדזערע ליטעראַרישע גרונטלייגערס." (דאָרט).

מילא, מיט דער רישא פון משנת גאָלדבערג איז נישט שווער מסכים צו זיין. דערפאַר איז דער אויספיר (די סיפא) צו פשוטלעך, און דרינגט נישט אַרויס פון די קאַפּריזנע אומדערקלערלעכע דרכים פון ליטעראַטור־געשיכטע. וואָלט יידיש געווען געבענטש מיט אריכות ימים, ווער קען דאָס נביאות זאָגן ווער ס׳וועט פלוצעם פאָפּולער ווערן און אָפּגעשטויבט ווערן אין דער ליטעראַטור? אָט, זענען געווען צייטן ווען מילטאָן איז געווען לעילא ולעילא אין דער ענגלישער ליטעראַטור; פון בלייקן האָט מען גאָר נישט געוווסט, און נישט געהאַלטן; דזשאָן דאַן איז פאַרגעסן געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט מען די לעצטע אָנגעהויבן צו לויבן און שטודירן, און מילטאָן קלייבט שטויב ביי גלחים אויף די פּאָליצעס... געשמאַקן בייטן זיך לויט פאַרבאָרגענע געזעצן.

אונדזער יידישע ליטעראַטור איז צו יונג אויף אַרויסצוגעבן אַזעלכע אַבסאָלוטע, אַקסיאָמאַטיש־באַגרינדעטע אַטעסטאַטן. וואָלט נאָר די ליטעראַטור אויף יידיש אַריינגעדויערט אַ דריי, פיר מאות יאָרן, ווער ווייסט וועלכע סורפּריזן ס׳וואָלטן דערוואַרט אַ חוני־המעגל, אַ ריפּוואַן־ווינקל־גאָלדבערג? ס׳איז נאָך צו פרי צו מאַכן סך־הכלען נאָר דערפאַר וואָס

מען איז מסופק צי ס׳וועט חלילה זיין ווער ס׳זאָל זיי מאַכן.

דער מחבר האַלט, אַז די קלאַסיקערס, „מחמת זיי זיינען געווען אַזוי באַוואוסט אי־דענטיפיצירט מיטן פאָלק, האָבן זיי צע־עפנט פענצטער צו דער וועלט פון אינע־ווייניק, ניט ווי די משכילים—פון דרויסן. זיי האָבן זיך אויפגעלייזט אין כלל און דעם כלל דערהויבן און געלייטערט.״ (ז׳ 42). מען מוז אָבער מורה זיין, אַז דער סאַלטאָ־מאָרטאַלע אַוועק פון וואָרצל־דיקן עבר איז געבליבן דער זעלבער ווי ביי די משכילים. „זיי האָבן אויסגעדרייט דאָס פאָלק מיטן פנים אַוועק פון מיטל־אַלטער״, (ז׳ 43), דאַרף זיין אַ גרויסער שבח.

איז עס טאַקע אַזוי? „אַרויס פון מיטל־אַלטער און אַריין אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדער״ איז פון די אָפּט־געגנוצטעע אָפּ־געריבענע פראַזן וועלכע זענען אויסגע־רעכנט אויף איבערצייגן דעם פאַר־עקשנטסטן סקעפּטיקער. מען ווערט אויף אַ מאָמענט געשלאָגן מיט אַן אָפּטעמפּנ־דיקער אַמנעזיע מכוח די באַשיימפּער־לעכע שוידערן און באַרבאַריזמען פון אַט דעם מכלומרשט אויפגעקלערטן, באַ־געגרטן יאָרהונדערט. מיט וואָס איז דער יידישער מיטלאַלטער ערגער פון דעם „געבילדעטן״, „ציבעליזירטן״, איבערגע־פרעסענעם יידישן היינט? און, אגב, האָט זיך דאָס פאָלק טאַקע אויסגעדרייט און אויסגעאיילט כאַטש אויף אַ האָר פון די חסרונות און מומים פון פאַרשאַלטענעם עבר? פון דער טאַרבע, קאָרופּציע, רשעות, צביעות, און קליינלעכע קאַניבאַלישע מחלוקתן, איז קיין שום יידישער יישוב נישט פטור געוואָרן עד היום הזה.

סיי מענדעלע און סיי פרץ האָבן גע־האַלטן אין איין אַגיטירן לטובת דער פאַר־שפּרייטונג פון „בילדונג״ צווישן דעם „נעבעך אָפּגעשטאַנענעם פאָלק. נו, האָבן מיר שוין היינט, דאַנקען און לויבן יאַש־קע דעם טויבן, חמרים געבילקעוועטע עמי־הארצים און דעגענעראַטן—נאַרמאַן מיילער, פיליפּ ראָטס — ווער קען דען אויסרעכענען די שטערנס אין הימל און דאָס זאַמד ביים ברעג פון ים?... דערפאַר איז — אַחוץ אין די כוללים אפשר — זעלטן צו געפינען אַ טיף־טראַכטנדיקן אויטענטישן ייד. אפילו די יידיש־לייע־נערס — די ווייניקע וואָס מיר האָבן נאָך אָפּגעשפּאָרט—ווילן נאָר צעקייעטע „פּש־טות״ און פאָלקלאָרישע צוקערלעקעכלעך, מחמת דאָס מין זענען זיי פעיק צו באַנע־מען און פאַרדייען, נאָר אויף אַזוי פיל זענען זיי גרייט אָנצושטרענגען זייער אָט־טראַפּירטן מוח. זייערע געהירן זענען איינגעשרומפּן געוואָרן פון אומבאַנוץ. לאָמיר זיך דערמאַנען אָן די קליינשטעטל־דיקע „אומגעבילדעטע״ בטלנים, די שמועסערס אין חסידות, לומדות, און „פילאָסאָפיע״, וועלן מיר זיך איבערצייגן אַז מיט דער פאַרשפּרייטונג פון „ביל־דונג״ זענען מיר ווי אַ ווילקענעוודיק פאָלק צוריקגעפאַלן — לאַוו דווקא „פּראָגרעסירט״...

ר׳ מענדעלע דריקט אויס די אילוזיע, אַז ליטעראַטור איז משפיע דאָס לעבן, מיט די ווערטער:

> „דער אמת איז, אַז אַ פאָלק און זיין ליטעראַטור פאַרבינדן זיך אין איינעם צו זיין אַ ווירקונג, סיי אַ באַווירקטס, און זייענדיק אַ רעזולטאַט, ווערט די ליטעראַטור אויך צוריק אַ ווירקנדי־קער פאַקטאָר, און דערין ליגט איר קראַפט פון זיך אַליין צו ווערן אַ בויט־ווענדיקייט און אַן אייגנס פון גאַנצן פאָלק.״ (ז׳ 45).

הלוואי וואָלט עס אמת געווען. ר׳ מענ־דעלע האָט אַ פנים פאַרגעסן וועגן דער „תורה מונחת בקרן זווית״ (קידושין ס״ו, ע״א) — די תורה וואָס ליגט אַ פאַרגע־סענע אין אַ פאַרשטויסן ווינקל. אָדער, אפשר האָט מען זיך אונטערגענאַרט, אַז דאָס איז נאָר חל אויף דער עבר־זמניקער תורה נעבעך—נישט אויף דער פריש־געבאַקענער, פאַרגעשריטענער מאָדער־נער ליטעראַטור, וואָס דאָס פאָלק שלינגט ווי הייסע באַבקעס...

פיל יאָרן נאָך דעם זיידנס פטירה, אין גאַנץ אַנדערע אומשטענדן, זינגט מלך ראַוויטש אַ גאַנץ אַנדערן ניגון:

> „אַט בין איך שוין אַ זקן,
> שריי און זינג און מאָן,
> און מאַך בעסער די וועלט.

און וואָס האָב איך אויפגעטאָן?
מיין פּען איז שוין מיד —
כאָטש יינגער פון מיר,
און מיד איז מיין ליד.
עס קרישלט שוין מיין וואָרט,
נאָר אַלץ איז נאָך פאָרט
אויף דעם זעלבן אָרט.
און אַלץ פּונקט אַזוי,
ווי עס איז געווען.
דער ייד איז נאָך ייד,
און דער גוי איז נאָך גוי,
און מיין ליד איז נאָך אַלץ
נישט מער ווי אַ ליד —
אויב עס איז אַ ליד.״

(עיקר שכחתי, ז' 163 — „אַ ליד צו אַ גאַסן־קערער", 1954).

## ג.

גאָלדבערג זינגט אַ שיר־מזמור צו דער „ליטערער ירושה פון שלום עליכם", וואָס איז „מער ווי ליטעראַטור" (ז' 46), און „טאַקע צוליב דעם אַרט [אים] די אויבערפלאַכיקייט פון „פידלער אַן די רוף", די פּיפּיקע שטראָמליניקע גלאַט־קייט, די איבערגעטריבענע זיסקייט און סענטימענטאַלקייט. 'בייט מיר אויס שלום עליכמען אויף סאַמאָ־ראָנע פידלער'. אין פּראָצעס פון אויסבייט ווערט פאַרלוירן דאָס גרויס־מענטשלעכע און דאָס] גרויס־יידישע". (ז' 48). עס איז שווער נישט מיטצוזינגען מיטן מחבר, וואָרן ווער איז נאָך אַזוי באַליבט ווי שלום עליכם? פון דעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט נאָך וואָס עס איז נייטיק געווען איינצושליסן 'מיסטיציזם' אין דער סעריע (על פי דעם מחבר) אַראָפּרייסערישע אויסדרוקן, ווי 'ניט־גלויבן' און 'מענטש־פאַרלייקענונג'? כּכתוב: „אין פּנים פון ניט־גלויבן, מיסטיציזם, מענטש־פאַרליי־קענונג — איז שלום עליכמס הומאַניס־טישע פאָן, וואָס שטעלט זיך איין פאַר דער ווערטיקייט פון מענטש, די באַדייטנ־דיקסטע און ווערטפולסטע ירושה, וואָס מיר קענען איבערגעבן צו דורות" (ז' 49).

מיט וואָס אַזוינס האָט 'מיסטיציזם' חוטא־בעגל געווען, און דווקא אין שייכות מיט שלום עליכמען? איז דאָך אַ סברה, אַז ווען נישט דער ראַציאָנאַליסטישער צוגאַנג וואָלט ניט געווען „שווער, אפשר אוממעגלעך, צו זאָגן כי טוב אויף מנחם־מענדלען." (ז' 51). איז דאָך ייתכן אַז מנחם־מענדל איז לגמרי נישט דער נעגאַ־טיווער טיפּ אויף וועלכן אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַזאַ יידן־פרעסערישן אַפּעטיט, נייערט דער גרויסער יידישער בעל־דמיון, בעל חזיון, דער שלימזל, ווע־מען די וועלט פאַרפירט, נאַרט אָפּ, שמייסט און זידלט פאַר זינד וואָס זי גופא איז באַגאַנגען, אַקוראַט ווי אונדזער אָקערשט־פאַרקויפטן יוסף־דור? ס'איז אַ הווא־מינא, אַז ער איז טאַקע אַ מיסטי־קער, ר"ל, אבי, געלויבט זיין ליבן נאָמען, ער איז נישט קיין מיסטיפיקאַטאָר, ח"ו. אָט זאָגט דאָך דער מחבר גופא: „ביזאַר ווי אַ בייזער חלום איז אָפט שלום עליכמס וועלט. ער, דער גרויסער רעאַליסט, מאָלט אַ וועלט וואָס איז קאָשמאַריש סור־רעאַליסטיש." (ז' 58). פאַלט דאָך שוין אַ חשש ספק צי ער איז תמיד און אין אַלע זיינע ווערק געווען „דער גרויסער רעאַ־ליסט." אַ הומאָריסט קען שוין, בדרך טבע פון זיין זשאַנער, נישט זיין קיין ריינער רעאַליסט; בפרט ווען מען איז מודה במקצת, אַז מען געפינט ביי אים סור־רעאַליסטישע געמעלן, איז דאָך מעגלעך, אַז ש"ע האָט זיך טייל מאָל מתיר געווען נישט צו שפּילן די ראָלע פון אַ קאָנסעק־ווענטן רעאַליסט. אגב, איז אויך אַ סברה, אַז בנימין השלישי איז גאָר נישט דער מיטלאַלטערלעכער בטלן, נייערט איינער פון מנחם־מענדלס חוזים והוזים קאָלעגן, פון וועלכע ס'רוב פון אונדזערע פּאָעטן און רעוואָלוציאָנערן ציען זייער ייחוס.

ווי באַוווסט איז פּרד"ס כולל די פיר דרכים אין לערנען תורה, דהיינו: פשט, רמז, דרוש, סוד. 'סוד' איז דאָס דער „זינדיקער" חוטא בעגל „מיסטיציזם". טייטשט דער חיד"א: „אַל תהיו כסוס כפרד" — „איר זאָלט נישט זיין ווי אַ פערד, ווי אַ מוילאייזל" (תהלים ל"ב:ט'), אַז די וואָס זענען זיך מדיר פון דרך הסוד פון פרד"ס זענען נמשל צו אַ 'פרד' — אַ מוילאייזל. סוד איז אַן עיקרדיקער עלע־מענט פון באַנעמען און שאַפן קונסט. אגב, איז דאָס דער מחבר שפּעטער מודה (ז'

204), שטיצנדיק זיך אויף באָריס פּאַס־טערנאַקס אַ ליד. . .

אני הקטן האַלט, אַז שטאַטס אַנטקעגנ־שטעלן שאַגאַלן שלום עליכמס אינטער־פּרעטאַציע, דאַרף מען גאָר זאָגן: שאַגאַל איז דער אילוסטראַטאָר פון שלום עליכמס קאָנצעפּציע. נישט מער, זייערע מיטלען זענען פאַרשידענע. איך בין נישט גורס אַז:

שאַגאַלס ייד וועט שוין תמיד בלייבן שוועבן איבער וויטעבסק, שלום עליכם צאַפּלט זיך, אַז זיין ייד זאָל ניט אַוועק־שוועבן אין אין־סוף, זיינע יידן זוכן וואָרצלען אין דער ערד, כדי זיך סוף־כל־סוף צום הימל אויפהייבן. (ז' 59).

יעדער מיסטיקער מיט זיך צוריק־צוקומען צו די „וואָרצלען אין דער ערד" נאָך דער עליה פון „אַוועקשוועבן אין אין אין־סוף" אויף אַ ווייל. סיידן עס גע־שעט אַן אומגליק, ווי אין באַרימטן פּאַל פון „ארבעה נכנסו לפרדס" (חגיגה י"ד, ע"ב). וואָרן, „כי לא יראני האדם וחי". (שמות ל"ג:כ').

אַז שלום עליכם ווירקט קעגן דעהומאַ־ניזאַציע, כולי עלמא לא פליגי, אָבער, אַז „שלום עליכמס קונסט האָט איין ציל פאַר זיך: געפינען שכל אין דעם אומשכל" (דאָרט); און אַז „די ביזאַרע וועלט פון שלום עליכמען איז אפשר די ניכטער־סטע וועלט" (דאָרט), פון דעם קען מען עפּעס אָפּדונגען.

יאָ —

שלום עליכם האָט אַמאָל געזאָגט, אַז עמערסאָן האָט געהאַלטן, אַז די קונסט דאַרף אַלע מאָל אַרויסגעפינען דאָס אויסערגעוויינלעכע אין געוויינ־לעכן און ער, שלום עליכם, האַלט, אַז דער ציל פון דער קונסט איז אַרויסצו־שיילן דאָס געוויינלעכע אין אויסער־געוויינלעכן. (ז' 237).

און אויף זייט 251, „ווינק[ען] זיך... מאַנגערס... סורעאַליסטישע בילדער... איבער — דאַרכט זיך — בלויז מיט שלום עליכמען."

הייסט עס, אַז פונקט פאַרקערט, ש"ע האָט געזוכט דווקא דאָס אויסערגעוויינ־לעכע.

* * * * *

„יצחק לייבוש פּרץ — דער גאַנצסטער ייד פון דער עפּאָכע" איז דער טיטל פון אַ פרייד־פאַרמאָסטענער, התלהבותדיקער אַרבעט וועגן גרויסן מייסטער וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ דור פון חסידים, געלייגט דעם יסוד פאַר דער יידישער קולטור אין אַלע אירע פאַרמעסטן און דימענסיעס, אָבער האָט איינצייטיק אויפ־געשטעלט קעגן זיך פיל דערווידערער, ביזן היינטיקן טאָג. איך האַלט זיך, זינט איך בין צו מיין פאַרשטאַנד געקומען, פאַר אַ פּרציסט. כ'וואָלט אים אָבער קיין מאָל נישט באַטיטלט — „גאַנצסטער ייד פון דער עפּאָכע". סיידן, אין דעם זין פון באַוו[סטן רביישן זאָג: „ס'איז נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן יידיש האַרץ." וואָרן, פּרץ איז פול מיט זוכע־נישן, ספקות, און ציענישן צום קאָמישן, טראַנסצענדענטאַלן.

לפי דעתי, ווערן פיל פון זיינע ווערק פאַלש פאַרשטאַנען און געטייטשט. למשל, אפילו דאָס משכיליש - סאַטירישע „שטרייטל" וויזט, אַחוץ דעם פּראָסטן פשט אויך אַ רמז אויף אַן אמת וואָס איז נישט אָפּגעפרעגט געוואָרן דורך דער אַלץ־פאַרלענדנדיקער צייט, דהיינו, אַז דת־ישראל, אָן מלוכישע קאָמפּעטענצן, איז מעכטיקער פון עדיקטן פון סעקולערע שטאַטס־אינסטאַנצן, הינטער וועלכע עס שטייען געריכטן, אַרמייען און פּאָליציי. דאָס שטריימל פאָלגט מען ברצון, און אַמאָל בעל־כרחו, אָן דער נייטיקייט פון צווינג פון אַ „גולאַג"... עס זענען דאָ מאָ־מענטן אין לעבן, אפילו די פאַרברענט־סטע יידישע אפיקורסים מוזן אָנקומען צום שטריימל. אומזיסט דאָס באַקעמפן און פּראָטעסטירן. דאָס שטריימל האַלט פאָרט דעם שליסל צו עיקרדיקע יסודות פון יידישקייט.

פּרץ האָט געגרייזט רעדנדיק „וועגן די יידן ווי וועגן 'אַ נאַציע נישט אָפּהענגיק פון רעליגיע'..." (ז' 64). אַדרבא, וויזט מיר היינט אַזאַ יידישע נאַציע. סיידן איר וועט די יו.דזשיי.איי., אָדער פילאַנטראָ־פּישע פעדעראַציעס, מאַכן פאַר אַ היינט־צייטיקן עגל. טייל ישראלים, און מדינה־צענטרישע ציוניסטן, ווילן זיך איינרעדן, אַז די מדינה איז דער צעמענט פון דער

אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע, קל־וחומר פון דער סעקולערער נאַציע אין ארץ ישראל. אָבער, „אַן איינרעדעניש איז ערגער פון אַ קרענק״ — זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל. אין די תפוצות וועט איר אַוודאי און אַוודאי אַזאַ יידישע נאַציע נישט געפינען. רעשטלעך, שערבלעך און שטויב — מער גאָרנישט. אָן דעם חוט־השדרה פון דת, פאַרשווינדט דאָס פאָלק — עס צעלאָזט זיך ווי זאַלץ אין וואַסער. זאָגט מען אונדז אַז די יידישע רעליגיע באַהעפט מער נישט דאָס פאָלק. די שדרה איז צו שוואַך און ליידט פון אַראָפּגעגליטשטע דיסקן, אָבער זי איז נאָך פאָרט דער איינציקער באַהעפט פון שארית ישראל. זאָגט מען זיך אָפּ פון דער שדרה פאַרמשפט מען דאָס פאָלק צו לעצטער אויפלייזונג, ר״ל.

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ קען נאָר פאַרשטאַנען ווערן ווי אַן „איוב״־ווערק — אַ פּראָטעסט קעגן דעם דרך־הטבע אין קאָסמאָס. אויפן סדום־בעטל פון נאַציאָנאַל־סאָציאַלן פּאַלמעס טרעפן אַלע אַריינטיטשן מיטן פינגער אין אויג. דער ציאָנאַל־סאָציאַלער כאָמעט באַגרענעצט דאָס פאַרשטיין ליטעראַטור נישט ווייניקער ווי די דאָגמע פון סאָציאַל־רעאַליזם. ס'איז אָן ספק, אַז פרץ איז געווען (געוואָרן מיט דער צייט) אי אַ נאַציאָנאַלער ייד, אי אַ קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, אי אַ חובב יידיש; אָבער ער האָט אויך אַלע מאָל ליב געהאַט העברעיש, געבענקט נאָך ארץ ישראל (כאָטש ר'איז קיין ציוניסט נישט געווען), און איז געווען פול מיט ספקות וועגן דעם יושר פון די קעמפער פאַר יושר (און ווי גערעכט ער איז געווען...). ער האָט אָבער אויך געהאַט אַנדערע אינטערעסן, וואָס גייען אַרויס פון גדר פון אַזוי־גערופענעם רעאַלן, נאָרמאַלן. קעגן „רעאַליזם״ האָט ער אָפּט געשיקט די פיילן פון זיין חוזק.

וואָרן, ווער קען היינט, נאָך קאַנטן; נאָך די לאָגישע פּאָזיטיוויסטן; נאָך דער מאָדערנער סטאַטיסטישער פיזיק; נאָך הייזענבערגס פּריציפּ פון ספקדיקייט; נאָך די אומפאַרמיידלעכע פּאַראַדאָקסן פון לאָגיש־מאַטעמאַטישע זאַצן; נאָך גאָדעלס באַווייז, אַז אין גאָר וויכטיקע סיסטעמען איז אויסגעהאַלטנקייט נישט שוה־בשוה מיט אַלץ־אַריינגעמענדיקייט, און אויב אַזעלכע סיסטעמען זענען אויסגעהאַלטן, מוזן זיי, על פּי הכרח, זיין נישט אַלץ־אַריינגעמענדיק; נאָך דער פיקציע פון קאָסמישן עטער, ווער קען עס היינט רעדן וועגן נאַיוון אינטויטיוון רעאַליזם? אַזאַ באַשעפעניש עקזיסטירט נישט. אַלץ וואָס מיר מערקן איז בלויז כללישער הסכם, און שימער פון פאָספאָר־פליגן אין דער וואַלדישער נאַכט.

רעאַליטעט (דברים כהוויתם), אמת, איז גאָטס נאָמען, און, דעריבער, סוד — פאַרהוילן פון אונדז. אויב מיר האָבן אַן אַנונג אין עפּעס, איז עס אין זין פון פסוק: „והסרתי את כפי וראית את אחרי ופני לא יראו״ — און אַז איך וועל אָפּטאָן מיין פאַרדעק, וועסטו זען מיינע סובסעקווענצן, וואָרן מיין פאָדערגרונט קען ניט געזען ווערן. (שמות, ל״ג:כ״ג).

גאָלדבערג גיט איבער:

„פרץ דערציילט:<br>
הלל צייטלין האָט אַמאָל געשריבן: 'אַ הימל האָט ער, פרץ, אָבער נישט קיין גאָט אין הימל'.<br>
די ערשטע העלפט פון דער פראַזע איז געווען אַ קאָמפּלימענט — און איך פאַרבייג זיך מיט אַ ליבלעכן, פאַרבינדלעכן שמייכל. בעסער שפּעטער — אַלס קיין מאָל.<br>
פאַר דאָס די צווייטע העלפט באַשטעטיק איך גאַנץ באַשטימט און אַנטשידן. איך ווייס אפילו נישט ווו זיין ליבן נאָמען צו זוכן.״ (ז' 77).

דער לעצט־ציטירטער זאַץ איז נישט צו סובטיל פאַר אַזאַ ראַפינירטער פערזענלעכקייט ווי פרץ. מען קען זאָגן, עס איז גאַנץ פּראָסטאַצקע פאַר אים, עלעהיי אַ צווייטער גאַגאַרין. אין היץ פון דיסקוסיע מיט צייטלינען, ווען ס'האָט פאַרדראָסן פרצעס איגנאָרירן זיין זון, דעם עילוי, האָט זיך עס ביי פרצן אַרויסגעכאַפּט. ער האָט געמיינט עמעצן צו שטעכן, און ר'האָט געטראָפן אין זיין אייגענעם לייב. ס'איז וואָר, פרץ האָט נישט

(המשך אויף זייט 73)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אניואיטי פאנד

## איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פֿאַר ווייטערדיקער אינפֿאָרמאַציע:**

סענפאָרד דויטש, קאָונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100
אַלפרעד מייקלס, עקזעק. דירעקטאָר

- - - - - - - - - - - - - - - - -

# JEWISH NATIONAL FUND

WESTERN REGION, JEWISH NATIONAL FUND

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

***Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.***

Name..............................................................................

**Address**..............................................................................

**City**..............................................Zip Code..............................

(ישראל שטערן—המשך פון ז' 71)
געהאַט קיין געטשקע אין הימל; אַ גאָט האָט ער שוין דווקא געהאַט. און גאָט — מלא כל הארץ כבודו — ער הייסט מקום: די וועלט געפינט זיך אין אים, און ער — אין דער וועלט; און ווו דער הימל איז, ווייסט קיינער נישט. במחילת כבודם פון ביידע נפטרים, זענען זיי ביידע געווען גאָט־פאַרשיכּורט, כאָטש איינער האָט נישט מודה געווען אויפן צווייטן; אָבער דאָ האָבן זיי זיך ביידע אויסגעדריקט גאַנץ פּרימיטיוו, ווי דער מענטש פון גאַס.

גאָלדבערגס צוגאָב, אַז אַ הימל אָן אַ גאָט (אַ מעטאַפאָר אַזאַ) קען זיין פאַרזיכערנדיק און טרייסטנדיק, באַנעמט נישט דער שכל. אויב קיין גאָט איז נישטאָ, איז קיין הימל נישטאָ; סיידן אַ קרעמלין, אָדער אַ בערכטעסגאַדען, אַ טורעם פון בבל — אויסגעטראַכט פון מענטשן־טייוולאָנים, וואָס בלאָזן זיך אָן ווי זשאַבעס, און פאַרגעטשקעווען זיך. הימל און מענטש זענען תרתי דסתרי: „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם" (תהלים קט"ו:ט"ז). אין דעם ליגט טאַקע די געפערלעכקייט פון אַראָגאַנטן הומאַניזם; אין דעם וואָס ער רעדט זיך איין, אַז ער קען הימלען בויען; דער סוף איז, אַז שטאָטס הימלען, בויט ער אויס גיהנמס.

אין דער עסיי, „דער דויערנדיקער יצחק לייבוש פרץ", קלייבט דער מחבר פּרצעס ווערטן וואָס זענען היינטיק. איך בין גאָר נישט זיכער צי פרץ וואָלט היינט גערעדט וועגן רעליגיעזן יידנטום ווי וועגן בלויז אַ טייל פון פאָלק. מיט אַלע זייערע חסרונות, זענען זיי פאָרט די שומרי החומות, אין דער צייט ווען דער רוב פון רעשט פאָלק פאַשעט זיך אין הפקר.

ציטירן פּרצן: „וואָס ווילט איר, איר חומש־מיט־רש"י־יידן — דרייען די רעדער אויף צוריק, פאַרהאַלטן דעם היינטיקן טאָג?...." (ז' 82), איז אַ קנאַפּער קאָמפּלימענט פאַר אים. וועלכע רעדער, וואָסער דרייען צוריק, וואָסער פאַרהאַלטן דעם היינטיקן טאָג? פאַרהאַלטן גולאַג, אוישוויץ, קאַמבאָדיע, בוקלעאַרע וועלט־פאַרלענדונג? הלוואי, מי יתן זיי זאָלן דאָס קענען פאַרהאַלטן! האָט זיך טאַקע גאָרנישט געביטן אין דער וועלט זינט פרץ האָט געזאָגט די פאָלעמישע פאַמפלעטן־רייד? און האָט זיך גאָרנישט געביטן זינט די 20קער און 30קער יאָרן אין דער פסיכיק פון אונדזער סעקולאַריסטן?

מסכּים, אַז „אָן פּרצן אין די 90קער יאָרן—ייאָלט דאָס יידישע לעבן געבליבן שרעקלעך שטאַמלענדיק און רוי." (ז' 84) אָבער, מוזן מיר, קענען מיר, היינט באַנוצן די טערמינאָלאָגיע פון די 90קער יאָרן? די באַגריפן, און די שפּראַך אפילו, האָבן זיך געביטן. וואָלט פרץ, נאָך אוישוויץ, געזאָגט: „מיר ווילן די אַלגעמיין מענטשלעכע פאָן פון האַנט נישט אַרויסלאָזן און נישט זייען קיין שאָוויניסטיש ווילדקרויט?" (ז' 86); אָדער גאָר די פראַזע: „צום מענטש אויפן יידישן וועג"? (די יידיש־תנכישע קאָנצעפּציע איז דאָך גאָר להיפּוך— באחרית הימים וועט דער מענטש אַרויפגיין צוריק אויפן יידישן וועג) דאָס זענען געווען חנדלעך צו דעם קאָסמאָפּאָליטיזם פון יענער צייט. וואָרן, באמת האָט דאָך גאָר פרץ איינצייטיק גערופן צוריק צום זיכערסטן פונקט", דעם תנ"ך. וואָלט ער איצט גערופן צום היינטיקן מענטש? צו וועמען, צו רייגענען, צו אַנדראָפּאָוון, צי אַנדערע שוואַרץ־יאָר? 'מענטש' קלינגט נישט מער שטאָלץ, ווי מען האָט אונדז איינגערעדט אין די דרייסיקער יאָרן.

גאָר אימהדיק איז, אַז:

דער גרויסער קינסטלער שטייט איבער צייט און אָרט — ער איז טראַנסצענדענטאַל. וואָס מער ער וואָרצלט אין זיין אייגענער עפּאָכע, אַלץ מער שטרעקט ער אויס פינגער צו דער צוקונפט. וואָס טיפער ער דערפילט דעם מענטש פון זיין דור, אַלץ מער רירט ער אָן דעם מענטש פון אַלע דורות. (ז' 81). ...און נאָך עפּעס: ער האָט גערעדט פאַרן גאַנצן פאָלק און צום גאַנצן פאָלק. אָבער—קיין מאָל נישט אַראָפּגערעדט, קיין מאָל קיין דרדקי־ליטעראַט ניט געווען, קיין קאָמפּראָמיסן מיטן פּרימיטיוון ניט געמאַכט. ער האָט זיך אפילו מיט שלום עליכמען געאַמפּערט, אַז מען מוז ניט—מען טאָר

ניט! — רעדן אײנזילביקע װערטער צום פֿאָלק, לשם פּשטות און כּדי פֿאַרשטאַנען צו װערן. ער האָט פֿאַרטיפֿט די ליטעראַטור, זי סאָפֿיסטיצירט, מאָדערניזירט, באַפֿרײַט פֿון פּרימיטיװ און דאָך פֿאַרהיט די טראַדיציאָנעלע דידאַקטיק און אידישקייט פֿון גרויס־קולטור און גרויס־ליטעראַטור. (ז' 85)

ס'איז אויך אמת, אַז „...פּרץ איז דער שומר און װעבער פֿון פֿאָלקישע דויער־פֿעדעם — פֿון נעכטן ביז הײַנט, ביז מאָרגן." (ז' 88). אָבער, װוּ איז דאָס פֿאָלק װאָס איז אָנגעברייט און מסוגל אויפֿצונעמען און באַנעמען פּרצן?

קאַפּיטל א' ענדיקט זיך מיט דער עסיי „נוסח רײזען". גאָלדבערג איז אַ גרויסער מליץ־יושר אויף רײזענען, װעלכער װערט ביי אונדז נישט דערשאַצט:

ער איז אַן אוצר פֿון דויער־װערטן: זײַן געלייטערטע ליבע, זײַן לאָזן פּשוטע יידן רעדן דורך אים, זײַן דערהייבן זייער לעבן און ליידן צו גרויסע המשכדיקע װערטן, װאָס דורך זיי שײַנט אַרויס טיפֿע מענטשלעכקייט, גלויבן און האָפֿענונג — זײַן אײַנשטעלן זיך פֿאַרן פּשוטן מענטש, זײַן פֿאַרויסטראָגן דעם סאָציאַלן זין פֿון יידישן שאַפֿן — דאָס שפּרייזט אַריבער דורות און צײַטן און דערגרייכט אין האַרץ פֿון מאָרגן. (זײַט 95).

### ד.

קאַפּיטל ב' עפֿנט זיך מיט דער עסיי „נאָך 60 יאָר" (טשערנאָװיצער קאָנפֿערענץ). זייער אַן אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג, װאָס פֿרישט אָפּ פֿאַרגאַנגענהייטן. עס גיט גאָלדבערגן אַ שעת־הכּושר אָפּצורעכענען זיך מיט סעקטאַנטישקייט, דורך דער פּערזאָן פֿון דער באַרימטער חברטע אסתּר פֿרומקין. אײַנער רעדט: „טאַכטער, דיר זאָג איך, שנור, דיך מיין איך...".

זי קאָן זיך אָבער ניט צוריקהאַלטן פֿון דער טענה: „לויט זײַן (פּרצעס — א. ג. סאָציאָלאָגיע זײַנען אַלע געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען פֿריער פֿאַר אַלץ װילנס־דערשײַנונגען — און פֿון דעם װילן פֿון דער אינטעליגענץ, פֿון אונדזער װילן הענגט אָפּ די װײַטערדיקע צוקונפֿט פֿון דער שפּראַך..."

מיר האָבן געלייענט און איבערגעלייענט פּרצעס איצט שוין ברייט־באַקאַנטע דערפֿענונגס־רעדע צו דער קאָנפֿערענץ, און מוזן מודה זײַן, אַז קיין איינציקן סימן פֿון װאָלונטאַריזם, פֿון דער טעאָריע אַז דעם מענטשנס װילן באַשטימט דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע, װי אסתּר װאַרפֿט אים פֿאָר, האָבן מיר דאָרט ניט געפֿונען. פֿאַרקערט, מיר האָבן יאָ געפֿונען אַ טיפֿע פֿאַרשטענדניש פֿאַר דער שייכדיקייט פֿון קולטור און די סאָציאַלע כּוחות װאָס באַװעגן די געשיכטע.

װײַזט אויס, אַז אַפֿילו דערמאָלט איז שוין סעקטאַנטישקייט געװען אַ צרה שלא כּתובֿה... (ז' 101).

איז עס טאַקע גאַנץ שײן פֿון גאָלדבערגן רײַנצוװאַשן פּרצן פֿון דעם חטא פֿון װאָלונטאַריזם. װאָס־זשע זאָלן מיר אָבער טאָן װען מיר האָבן געזען אין אונדזערע טעג סיי די אויפֿלעבונג פֿון עבֿרית און װי אַ גערעדטע שפּראַך נאָר צוליב דעם װאָלונטאַריסטישן אַקט פֿון אליעזר בן יהודה לחבֿריו לדעה, און דאָס אויפֿשטײַן פֿון מדינת ישׂראל צוליב דעם װאָלונטאַרישן רוף פֿון הערצלען: „אם תּרצו אין זו אגדה." הלװאַי װאָלטן טאַקע געװען מער װאָלונטאַריסטן־יידישיסטן, און די ח־טעס אסתּרס װאָלטן געװען געהאַלטן זייערע דאָגמאַטיש ־ דעטערמיניסטישע הענט בײַ זיך, און נישט אָנגעגרירט די יידישע שפּראַך. די דאָגמאַטיקער האָבן געהאָלפֿן צום אונטערגיין פֿון מאַמע־לשון. יידישקייט איז פֿון קדמונים אַן אינדעטערמיניסטיש. װען נישט דער אַקט פֿון נחשון בן עמינדבֿ װאָלט נישט געװען קיין קריעת ים־סוף. יידישקייט איז באַזירט אויף בּחירה און בחירה.

צוריק — צו דער קאָנפֿערענץ. ד"ר זשיטלאָװסקי האָט אַרויסגעשטעלט דאָס יידישע לשון װי דעם נײַעם פֿאַרבינדפֿאָדעם פֿון פֿאָלקישן זײַן, װאָרן „די יידישע רעליגיע האָט פֿאַרלוירן איר 'נאַציאָנאַלע באַהעפֿטונג מאַכט'." (ז' 104). הײַנט װיל מען פֿון דער מדינה מאַכן דאָס נײַע קלעפּעכץ פֿאַר צאָן־קדשים. װיפֿל נאָך גומי־אַראַביקס װעט מען דאָס אויס־

פילאָסאָפירן פאַר די פּשוטע משהס, ווען איינצייטיק האָט מען חתונה מיט גויהס? „יושב בשמים ישחק״... (תהלים ב:ג׳).

אָבער גאָלדבערג איז אַ גרויסער מאמין, הלוואי כאָטש אַן עוקץ פון זיין אמונה, אויף מיר געזאָגט געוואָרן:

ניין, מיר האַלטן גאָר ניט ביים סוף פּרק. מיר האָבן ניט פאַרשעמט ביז איצט און וועלן ווייטער ניט פאַרשע־מען דעם, אפשר ניט צו קלאָר אַרטי־קולירטן אָנזאָג פון טשערנאָוויץ. מיר גלייבן אַז די אַסימילאַציע איז בכוח — אָפּצורייסן פון אונדז צווייגן. אָבער דעם בוים וועט זי ניט אונטערגראָבן. מיר גלייבן, אַז די יידישע ישובים אי־בער דער וועלט וועלן טאָקע האָבן נאָ־ענטע פאַרבינדונגען און שייכותן מיט ישראל, אָבער זיי וועלן, כדי לעבן בלייבן ווייטער, שאַפן אַ בשותפותדיקע קולטור און דער פאַרבינד־פאָדעם צווישן די קולטור־צווייגן וועט אומ־פאַרמיידלעך, נאָך אויף דורות ווייטער, בלייבן דאָס יידישע לשון. (ז׳ 110).

ד״ר זשיטלאָווסקי ווערט דאָ אָנגערופן „דער שטורעם־פויגל פון יידישן קולטור־רענעסאַנס.״ די עסיי איז געשריבן מיט גרויס ליבשאַפט און אָפּשיי. גאָר אינטע־רעסאַנט איז דער מאָטאָ צו דער עסיי— זשיטלאָווסקיס פאַראַפראַזע פון רבש״ע וואָס מען זאָגט ביים דוכנען: „מיין פאָלק, איך בין דיין, און מיינע חלומות זיינען דיינע. אַ חלום האָב איך געזען...״ (ז׳ 111) אגב, איז דאָס דינען צום ׳פאָלק׳ שטאָטס צום רבש״ע ענלעך צו גאָלאָמבס דרך, ענלעך צו ראַוויטשעס נייע עשרת הדברות ווו ׳אָדם׳ האָט געזאָלט זיין דאָס צווייטע וואָרט נאָך ׳אָנכי׳. אַ דרך—אַ געפער־לעכער, וואָס האָט זיך, גאָט זיי דאַנק, נישט אָנגענומען, וואָרן פאַסטעכער אָן אַ טשערעדע האָבן עפּעס געבלעקעט אין זייער אייגענער בלאָנקעניש. אָבער קריק־געשמועסט, ווי פאָרט זיך אַזאַ רירנדיקע ליבע (ביז צו פאַרגעטערונג) צום פאָלק, מיט חתונה האָבן אויסערן פאָלק, און אויסרייסן דערמיט דעם אייגענעם שורש פון הייליקן גרונט פון כנסת ישראל? תיקו.

זשיטלאָווסקי איז איינער פון מיינע באַליבסטע שרייבערס און פערזענלעכ־קייטן. סאיז אָן שום ספק, אַז גרויסע טיילן פון איין דור האָט ער אָפּגעראַטע־וועט פאַרן יידישן פאָלק. אָבער „אַ חלום (האָט ער) געזען און (ער האָט) נישט געוווּסט וואָס ער איז.״— ווי סע ציט זיך ווייטער אין דער דערמאָנטער תחינה. נאָך זיין דור, האָט ער מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן. דער חטא זיינער, פונקט ווי די זינד פון אַנדערע וועלטלעכע, איז באַשטאַנען אין דעם וואָס נישט האָבנדיק וואָס צו זאָגן, האָבן זיי דאָך ממשיך געווען צו פאַרפירן עטלעכע דורות פון נאַיווער יוגנט. נאַריש איז געווען די יוגנט וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון זייפנבלאָזן. וואָרן דער באַגריף פון אַ וועלטלעכער יידישער נאַציע איז אַ סעמאַנטישע פאַר־זעעניש. עס איז אַ קינד פון אַ באַשטימ־טער צייט, אַ הוראת־שעה, אַן עכאָ פון די פּרוּוון צו לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין עסטרייך־אונגאַרן, אין צאַרישן רוסלאַנד.

דער לאָזונג: „רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך״, איז געוואָרפן געוואָרן ווי אַ קאָנ־צעסיע מצד דער דייטשער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע. ביי מאַרקסן איז זי דאָך געווען אַן אָפּיום פאַרן פאָלק, און אַ שטער צום קלאַסן־קאַמף, ביז ערשט נישט לאַנג, ביי אַלע מאַרקסיסטן און אפילו אַנאַרכיסטן. און יידן האָבן אַ טבע מיטצושפּרינגען אויף גוישע וועגענער. פונקט ווי ערשט נישט לאַנג האָט מען גאַנצע פלאַכטעס געשריבן וועגן מולטי־קולטוראַליזם אין אַמעריקע־קאַנאַדע, און אין דעם אָנגע־האָנגען די האָפענונג אויף אַ ישועה פאַר יידיש. די טשיקאַנאָס, פאָרטאָריקאַנער, נעגערס, און די פראַנצויזישע־קאַנאַדישע סעפּאַראַטיסטן, וועלן לערנען ישראל־סבא ווי אַזוי צו בלייבן יידן, אַז אָך און וויי צו אונז...

דער טעות באַשטייט אין דעם וואָס מען וויל נאָך אַלץ נישט מודה זיין אין בלעמס רייד: „עם לבדד ישכן״. (אגב, די וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם א׳ זעירא אין דער סדרה „ויקרא״, האָבן נישט פאַרפעלט צו באַמערקן ווי בלעמס נביאות ווערט כמעט פאַרגליכן צו משה רבינוס). מיר קענען זיך נאָר אָנהענגען אין ברית אברהם אָבינו, און פון דאָרט

גיין ווייטער, ווי פּרץ האָט עס געזאָגט. אויף דער תּאווה צו זיין ווי אַלע פעלקער, האָט שוין דער פּסוק געזאָגט: „היה לא תהיה!“ ס'וועט גאָרנישט העלפן, נישט די ראַבייס מיט די גלחישע טאָגעס, און נישט די וועלטלעכיסטן, וואָס טאַנצן קדוש צום מיראַזש „פּראָגרעס“, צו דער פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ — טעכנאָלאָגיע און וויסנשאַפט. אָ, „תּיקון־העולם“ וואָס גאָלדבערג דערמאנט פיל מאָל (און פאַרשטייט עס וועלטלעך), דאָס איז דער ענין, דער איינציקער ענין, דער זכות הקיום, דער רעזאָן ד'עטר פון יידישן פאָלק. (מיין סכעמע פון תּיקון־העולם, וואָס איז איינציטיק די סכעמע פון דער יידישער געשיכטע, האָב איך אָנגעצייכנט אין מיין עסיי, אין לעצטן נומער „חשבון“). אָבער צו דעם ענין זענען נאָך סיי די וועלטלעכע, סיי די פרומע, נישט דערגאַנגען.

דער וועלטלעכער יושריסט פּרעפלט און טוט נישט; דער פרומער איז פאַרקאָכט אין מחלוקתן וועגן ניקור און הכשרים. מען האָט זיך איינגעטיילט: איינער נעמט די מצוות בין אָדם לחברו (און טוט גאָרנישט פאַרן חבר — ער איז גאָר מוטרדביים באַזאָרגן זיין נפשל מיט אַלע תענוגי עולם־הזה); איינציטיק, באַזאָרגט דער צווייטער דעם רבש״ע'ס געשעפטן, הגם, כידוע, קען זיך השי״ת זיין שטעטל באַשטיין; און מיינט נישט חלילה אַז באַזאָרגנדיק דעם רבש״ע פאַרגעסט דאָס רוב פון זיין אַריינצוכאַפּן עולם־הזה, וויפל ס'לאָזט זיך; און פאַרוואָס נישט? מיט עולם־הבא. זענען זיי דאָך פאַרזיכערט. וואָ'דען, די פּושעים וועלן עס קריגן? ווען בײדע צדדים זאָלן מאַכן שותּפות און טאָן אויף אַ באָווינע לשמה, וואָלט דער ריס אין פאָלק פאַרהיילט געוואָרן; דאָס פאָלק וואָלט געגעזן געוואָרן; די וועלט וואָלט געגעזן געוואָרן; און די ישועה וואָלט געקומען.

זשיטלאָווסקי (לויט גאָלדבערגס אינטערפּרעטאַציע) האָט געזען, אַז „ניט דער ציוניזם, ניט דער גלות־נאַציאָנאַליזם... האָבן געקענט לייזן די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און קיום. פּונקט אַזוי ווייניק האָט די לייזונג געקאָנט קומען פון די סאָציאַליסטן צווישן יידן, וואָס האָבן פאַרלייקנט די נאַציאָנאַלע נויטן און אַספּיראַציעס פון דעם יידישן פאָלק, און זיך אָפּגעריסן פון פאָלקסוואָרצל אין נאָמען פון אַלגעמיינער מענטשלעכער גאולה. (ז' 112).

אַפּנים, אַז די יידן־לעניניסטן, איסקראָוצעס, קען מען אויך כולל זיין אין דעם דאָזיקן פאַרלייקענערישן טיפּ „סאָציאַליסטן צווישן יידן“, פון וואַנען־זשע נעמט זיך עס וואָס שטאָטס נאָכצוגיין זשיטלאָווסקין, אָדער אַנדערע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן ביי יידן, איז די לינקע (היינט „פּראָגרעסיווע“) באַוועגונג, אין 20קער און 30קער יאָרן דווקא געגאַנגען אויף דעם צעשטערערישן וועג? פאַרוואָס ווערט עס נישט דערמאנט, און מען שטעלט זיך אַרויס ווי אייביקע זשיטלאָווסקיאַנער און נאַציאָנאַלע יידן.

זשיטלאָווסקי האָט געגלייבט, אַז:

די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ וואָלט געקענט פריי און אָן מורא פונאַנדערוויקלען די פאָן פון דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אונזאינאיינעם מיט זיי אַריינעמען אין די אייגענע הענט דעם גורל פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. (ז' 113).

אַז:

אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סימפאָניע פון דייטשן טרומפּייט, רוסישן באַס, פּוילישן פּייקל, וויל איך נאָך זען די יידישע פידל.“ (ז' 114).

איינצייטיק מיט זיין פרײדיקן דעם „פּאָעטישן ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע“ (ז' 120), האָט זשיטלאָווסקי „רעדוצירט די יידישע רעליגיע צו אַ 'צווייג פון יידישן בוים און ניט דער שטאַם'.“ גאָלאָמב האָט אויך עפּעס ענלעכעס געפרײדיקט. גאָלדבערג זעט אין דעם „אַן אַקט פון באַדייטנדיקער היסטאָרישער דערקענטעניש און באַפרייונג.“ (ז' 116). איך האַלט עס פאַר בלינדער מימיקערײ פון גויישע טעאָריעס.

זשיטלאָווסקיס ראָלע ביים פאָרמולירן די טעאָרעטישע הנחות פאַר דער יידישוועלטלעכער שול, על־כל־פּנים אין אַמעריקע־קאַנאַדע, זיין מאָראַלישע שטיצע, זיין מיטפייערן אירע ימים־טובים, איז אונדז גוט באַקאַנט. אָבער, אין דער פּאָלעמיק צווישן אים און חיים ליבערמאַן

וועגן דרך פון דער שול, האָט די געשיכטע באַוויזן, אַז דער לעצטער איז געווען גערעכט. וואָרן, ווו זענען איצטער די יידיש־וועלטלעכע שולן? אויף ליבערמאַנס דרך וואָלטן זיי נאָך עקזיסטירט, און אפשר אַריינגעבלאָזן אַ רוח־חיים אין דעם גאַנצן יידישן חינוך, און דער יידישער קולטור־אַרבעט.

מיר איז באַוווּסט, אַז זשיטלאָווסקי האָט געקליבן קנאַפּן נחת פון דעם פּאַרטיקן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן פּראָדוקט. אויף אַ באַזוך אין מאָנטרעאַל, אין 1937, האָט ער באַקלאָגט דעם פּאַקט וואָס די שולן זענען פּאַקטיש געוואָרן מיידל־שולן (צוליב גוט־באַקאַנטע טעמים. ער האָט דעריבער געפאָדערט פון די פּרינציפּאַלן, לערערס און שול־טוערס (ס'רוב—זיינע חסידים) איינצופירן סידור, בר־מצווה, און אַנדערע עלעמענטן פון חדר־קוריקולום אין די וועלטלעכע שולן. ער האָט געפאָדערט אַז די שולן זאָלן זיין פאָלקשולן נישט נאָר אין נאָמ ן, נאָר אין פאַקט; אגב, די עלטערן האָבן די וועלטלעכע שולן סיי ווי גערופן „חדר", נאָר די ייִנגלעך, די קדישים האָבן זיי געשיקט אין תלמוד־תורה, אָדער צו פּריוואַטע מלמדים (ביעם.טיס). דאָס האָט געטאָן חברים פון פאַרבאַנד, אַרבעטער רינג, לינקן אַרב. רינג, און אפילו חברים פון דער קאָמפּאַרטיי.

זשיטלאָווסקיס עצה האָט מען נישט אָנגענומען, פונקט ווי מען האָט אָפּגעוואָרפן ביי שול־קאָנפערענצן די רופן פאַר רעפאָרמען, פאַר גרינדן טאָג־שולן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך יחיאל שטערן ז"ל, און יבדלו לחיים, י. זיפּער, און מיין ווייניקייט. די גדולים האָבן אונדז פשוט אויסגעלאַכט. ניגער, עלקין, און אפילו לייבוש לערער (וועלכער האָט שפּעטער, צו שפּעט, תשובה געטאָן) האָבן נישט געוואָלט הערן און געדענקען. דזשאַן דיואיס פּראָגרעסיווע שולעס זיינען זיי גיכער געלעגן אין קאָפּ. און טאָגשולן זענען אַ זינד קעגן דער פּאַבליקסקול וואָס איז דער יסוד פון אַמעריקע. (א. גלאַנץ־לעיעלעס אין אַ בריוו צו מיר אין „טאָג", אין די אָנהייב 50קער—און וואָס פאַר אַ פאַרברענטער יידישיסט דאָס איז געווען!).

ווען איך האָב גערעדט מיט יעפּרויקינען וועגן גרינדן כאָטש איין טאָג־שולע אין ניו־יאָרק בשותפות מיט די שלום־עליכם שולן (דאָס איז שוין געווען נאָך דער גרינדונג פון „כנרת"), האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. ער איז געווען קעגן דעם, סיי פּרינציפּיעל, סיי צוליב פּראַקטישע טעמים. די אָונט־שולן זענען געווען גענוג פאַר זייערטוועגן. דעריבער איז מען געבליבן אָן אַ קנעלונג. וואָלטן מיר געווען אַזוי ווייט פון ניו־יאָרק ווי אויסטראַליע איז, וואָלטן מיר נאָך אפשר געהאַט אין מאָנטרעאַל אַ יידיש־יידישע טאָג־שול, נישט בלויז — אַ נאָמען אויף אַ שילד... דער סך־הכל איז, אַז יידיש האָט פאַרשפּילט אַ גורלדיקע פּאָזיציע — דאָס לשון אין מויל פון תינוקות של בית רבן. די אוניווערסיטעט־קורסן קענען דאָס נישט פאַרמ־עטן און נישט פאַרגיטיקן.

די וועלטלעכקייט קען גדייען אויך אויף ענגליש. אָבער, מאָדנע, אין פּוילן זענען אַרויסגעגאַנגען אַ דריי־פיר יידישע טאָג־צייטונגען אויף פּויליש. דאָ, קענען נאָר גדייען וואָכנבלעטלעך — מערסטנטייל סובסידירטע, קהלישע רעקלאַמעאָרגאַנען. דער וואָס דאַרף נישט קיין יידיש, דאַרף שוין קיין יידיש־ענגליש אויך נישט. דעריבער איז נאַריש פון „פאָרווערטס" און „מאָרגן־פרייהייט" אַריינצוברעקן די פאַר טאָלער (וואָס זיי האָבן נישט) אין די ענגלישע ביילאַגעס. אַז די ענגליש־רעדנדיקע ווילן דערפילן אַ נויט פאַר יידישער קולטור אויף זייער ווערנאַקולאַר, ווילן זיי אַליין נעמען די איניציאַטיוו פאַר דעם. געשענקטע זאַכן רייסן זיך...

קלמן מרמר, וועלכער האָט די פּאָלעמיק זשיטלאָווסקי - ליבערמאַן געדרוקט אין „דער נייער דור" און האָט זיך געשטעלט אויף זשיטלאָווסקיס צד (ז' 155) האָט גערעדט גאַנץ אַנדערע דיבורים, סיי פּריוואַט, סיי עפנטלעך, אין וויניפּעג, אין 1938. אַ באַוווּסטער „פּראָגרעסיווער" דאָקטער האָט זיך אַזש נישט געקענט באַהערשן און האָט אויסגעשריגן: „אָט אָ, דעם גאַנצן באַרג ווילט איר אַרויפליגן אויף די שוואַכינקע פלייצקעלעך פון מיין

זונעלע? דאָס איז געווען אַ רעאַקציע קעגן מרמרס אָנלייגן אַ קוריקולום פון תנ״ך, משנה, גמרא, ראשונים, אחרונים, חסידות, קבלה, סאָציאַליזם, מאַרקסיזם, און וואָס נאָך איר ווילט הערן און געדענקען. נאָר דאָס איז שוין געווען בימי „פאַרייניקטער פראָנט״, „פאָלקס־פראָנט״ און נאָך דער ערשטער איקוף־קאָנפערענץ אין פּאַריז, אין 1937...

היוצא לנו מדברינו, זשיטלאָווסקי האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אין אַ סך ספערעס, אָבער זיין צייט איז ער נישט אַריבערגעוואָקסן; און, צו גריזין איז מענטשלעך. דער פּאַראַדאָקס (און אפשר גאָר די טראַגעדיע) איז וואָס זיינע אמתע חסידים האָבן אים פאַרלאָזן בחייו, און די וואָס צירן זיך איצט מיט זיין נאָמען זענען גאָר לכתחילה געווען זיינע פאַרביסענע קעגנערס.

* * * * *

צוויי עסייען וועגן נחמן מייזיל גיבן אונדז אַ פּאָזיטיווע קריטיק איבער אַ וויכטיקן קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער און אַנטאָלאָגיסט. אַ דראַמאַטישע שטעלע אין דער צווייטער עסיי, אין מייזילס ראָלע פונעם יינגעלע מיטן פינגער אין לעכל פון דער דאַמבע, נאָך כרושטשעווס רעוועלאַציע אין 1956, ווען די „פּראָגרעסיווע״ מנהיגים האָבן שוין מודה געווען אויף דעם וואָס אַלע הענער אויף די דעכער האָבן אויסגעקרייעט „מעשׂרת ימי אוקטובר״ און די בהלה אין דער מחנה פון די צאָן־קדשים איז געווען איינלשער. ער, דער כלומרשט ניטראַלער, דער חבר פון בערגלסאָנען און ערנבורגן, ער איז גאָר געוואָרן דער „עומד בפרץ״, דער אויפהאַלטער פון אַ באַנקראָטירט קרעמל מיט אַ פרעמדער שילד.

פאַרוואָס ווערט נישט דערמאָנט צי, און ווי אַזוי, די באַוועגונג האָט רעאַגירט אויף ערנבורגס רעדע (וואָס ער האָט ווי אַן אַנדראָאיד נאָכגעפּרעפּלט דעם „פאָטער פון די פעלקער״) וועגן דער נישט־עקזיסטענץ פון אַ יידיש פאָלק? די דאָזיקע ישעותדיקע האָוקעריי האָט פאָרויסגעזאָגט דעם גזר־דין איבערן יידישן פאָלק אין רוסלאַנד, און איבער זיינע שעפערישע מענטשן וואָס האָבן געטריי געדינט דער מלכות הרשעה. ווי געטרייע קנעכט האָט מען, אונטער פאַרשידענע אויסריידן, פאַרמאַכט מיט די אייגענע הענט די איינציקע „פּראָגרעסיווע״ טאָג־שולע אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט — די מאָריס ווינטשעווסקי״ שולע אין מאָנטרעאַל. די גילגולים פון די איסקראָווצעס זענען געקומען פאָדערן מיט חוצפה צו פאַרוואַנדלען די מיזערנע אָוונט־שולן אין ענגליש־דאָגמאַטישע שולן... זיי איז דאָס אין פיל ערטער געלונגען.

צוריק צו די „סאָשעליסט סאָנדיי סקולס״... דאַרף דאָס אָפּרעכענען זיך מיט דער ח־טע אסתר שוין באַפרידיקן אייטשעס ווייטיק וואָס דריקט אים נאָך אַלץ אויפן האַרץ? טראָגט ער זיך נאָך אַרום מיט אילוזיעס? אָדער ער זאָגט ווי דער רבי האָט געזאָגט אויף די פראַנקיסטן, ימח שמם: כל זמן דער אבר האַלט זיך אָן אין גוף, איז דאָ אַ האָפענונג, רייסט עס זיך אין גאַנצן אָפּ, דעמאָלט איז שוין לאחר ייאוש...

* * * * *

אויך קלמן מרמר („דער תנא פון מיישאַגאָלע״) — אַז מען שמועסט שוין וועגן תנאים אין דער „פּראָגרעסיווער״ באַוועגונג, איז שוין אפשר דער „טייוול נישט אַזוי שוואַרץ״, ווי דער פּוילישער פּויער דריקט זיך אויס( איז דאָ בכלל מיט צוויי עסייען. ער איז באמת געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע, און ווער ס׳האָט נאָר זוכה געווען צו זיין אין זיין מחיצה, אפילו אַ קורצע ווילע, איז באַרייכערט געוואָרן מיט פיל וויסן, מיט אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע און געשיכטלעכע אַנעקדאָטן, און פיל מטושטשע שטעלן אין געשיכטע ביכער, ספּעציעל וועגן די פּיאָנערישע טריט פון דער אַרבעטער באַוועגונג סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אַמעריקע, זענען אויפגעקלערט געוואָרן.

מרמר און גאָלאָמב זענען געווען לאַנדסלייט. גאָלאָמב איז געווען מיט אַרום 11 יאָר ייִנגער פון מרמרן, אָבער גאָלאָמבס אַן עלטערער ברודער איז, דאַכט זיך, געווען מרמרס אַ יוגנט־חבר, אין מיישאַגאָלע. אין האַרבסט 1938 איז גאָלאָמב אָנגעקומען פון ארץ ישראל איבערצונעמען דעם פּאָסטן פון פּרינציפּאַל פון דער באַרימטער וויניפּעגער י. ל. פּרץ שולע. אין יענע יאָרן האָבן זיך רעכטע און לינ־

קע אויסגעמיטן ביים באַגעגענען זיך אין גאַס. כאָטש, עטלעכע פירנדיקע פּרץ־שולניקעס זענען דווקא געווען וויכטיקע טוער פון איקוף (ביזן היטלער־סטאַלין פּאַקט). פּרץ־שולניקעס האָבן נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער „פרייהייט־טעמפּל" שולע (שפּעטער — ש"ע־שולע), און פאַרקערט — אַוודאי און אַוודאי נישט. אָבער מרמר האָט זיך אַזוי ניש געפירט. ער האָט מיך געבעטן צו באַגלייטן אים צו דער פּרץ־שולע, וווּ ער האָט זיך האַרציק אַרומגעכאַפּט און געקושט מיטן היכגעוואַקסענעם גאָלאָמב.

די סצענע פון אויפריכטיקער ליבשאַפט צווישן די ביידע, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זיי האָבן פאַרבראַכט לאַנגע שעהען (אין מיין ביישיין) אין אַ שמועס וועגן דעם מצב פון יידישער קולטור־אַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד, וועגן דער לאַגע און אויפפירונג פון דער יידיש יידישער אַקאַדעמישער אינטעליגענץ דאָרט, במשך מרמרס אויפהאַלטן זיך אין רוסלאַנד אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן.

דער יידישער און אַלגעמיינער מצב און די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ראַנגלענישן זענען אַרומגערעדט געוואָרן אָן פאַרשטעלענישן, וואָס ס'האָט מיך אַ ביסל איבערראַשט. אַלע ראַליסטן, אין דער סאָוועטיש־יידישער דראַמע זענען גאָלאָמבן גוט באַקאַנט געווען, פון זיינע יאָרן ווי אַ לערער (פריער, אין העברעיש — דערנאָך, אין יידיש, אין די יידישע און העברעישע שולן, וועלכע זענען אָפּגעמעקט געוואָרן צוזאַמען מיט דער יידישער אויטאָנאָמיע, צוזאַמען מיט דער קולטור־ליגע, נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן „באַפרייט" אוקראַינע. די היינטיקע רעוועלאַציעס פון אסתר שניידערמאַן, הערש סמאָליאַר, און אַנדערע, האָט קלמן מרמר איבערגעגעבן גאָלאָמבן מיט 45 יאָר צוריק. אחר המעשה זענען זיי קלוג און ערלעך געוואָרן. פריער האָבן זיי געבענטשט דאָס פאַרברעכערישע ווערק און קאָאָפּערירט, אָדער גאָר איניציאירט אַ טייל רשעותדיקע מעשים.

ווי, ווי, ווי טאָלעראַנט מיר זענען דאָס צו כלומרשטע בעלי־תשובה. „ידיהם דמים מלאו" (ישעיה א':ט"ו). (דער זעלבער צוגאַנג האָט אָפּערירט אין שייכות מיט די קלמנאָוויטשעס וואָס די „גדולים" האָבן בשעתם געכשרט, כאָטש ר'האָט קאָאָפּערירט און געלויבט דעם יודנראַטלער קיניג פון ווילנע, גאַנדזן... איצט, זענען מיר טאָלעראַנט צו די אונטערלעקער פון דער „בעכטעל" אַדמיניסטראַציע, וועמענס האַרץ גייט אויס נאָך שלום אויפן חשבון פון יידיש בלוט און יידישן היימלאַנד... אונדזער לעצטער האָפן... קען דאָס האַרץ נישט צעבראָכן ווערן פאַר ווייטיק, אין אָנבליק פון הערשנדיקן שקר און צביעות אין אונדזערע געצעלטן? איז פאַראַן אַן אַנדער מאָס פאַרן פשוטן אומבאַוווּסטן ייד, און אַן אַנדער מאָס פאַר די וועלכע זענען אַמאָל געווען קאָכלעפל, אָדער קענען האַלטן אַ פּן אין דער האַנט?).

גאָלאָמב האָט זיך נישט גערעכנט מיט די בייזע בליקן פון אַ צאָל פּרץ־שול טוערס, און איז געקומען צו קלמן מרמרס לעקציעס אין דער פרייהייט־טעמפּל שולע. במשך פון מרמרס וויזיט אין ווינעפּעג איז ער איבערגעלאָזן געוואָרן אינגאַנצן אויף מיינע הענט, כאָטש איך בין נאָך געווען אַ יונגער בחור, אַ גרינער אימיגראַנט, אַ קוואַרטיראַנט אין אַ צימערל. די לינקע גדולים פון דער שולע, און פון דער באַוועגונג, האָבן אים כמעט ווי איגנאָרירט, זינט ער איז צוריקגעקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד.

גאָלדבערג דערמאָנט די „אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון דוד עדעלשטאַטס ווערק וואָס ער (מרמר) האָט רעדאַגירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (און וואָס איז, אגב, דערשינען אָן זיין נאָמען)" (ז' 153). אָבער ער זאָגט גאָרנישט וועגן דעם וואָס מרמר איז פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ זייט, נאָך זיין אומקער פון רוסלאַנד. יאָ, מרמר „איז געווען איינער פון די געלערנטסטע צווישן יידישע קולטור־שאַפערס אין אַמעריקע — אַ למדנות, וואָס האָט געשטאַמט אי פון טיף־יידישע און אי פון אַלגעמיין וועלטלעכע קוואַלן." (דאָרט).

אָבער פון קיין צופיל כבוד מצד די פירע־ס פון דער לינקער באַוועגונג האָט ער נישט גענאָסן . גאָר געציילטע, געטרייע חסידים זיינע האָבן געקלעפּט אין אים, נאָך דעם ווי ער האָט אָנגעוווירן דעם חן ביי מאָסקווע.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: —

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס״־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

## זייט איר פאַראינטערעסירט...

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

דזשעק קאַהאַן, פּרעז. עמעריטוס

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, פּרעזידענט • אברהם פּרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to............................................................

Address............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $............................................................

Date..........................Signature of Applicant..............................

# נייע ביכער
## אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

**די גרינע ראַסע** — לידער פון יוסף פּאַפּירניקאָוו. פאַרלאַג „דויער", תל אביב, 1983.

**צווייִ משפּחות** — פון י. פינער. ראָמאַן, דריטער באַנד, נאָכן חורבן. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל, 1983.

**בײַ זיך**, נומער 22 — אַרויסגעגעבן דורך דעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל.

**מיר זיינען דאָ** — לידער פון די געטאָס און לאַגערן. צונעגריייט פון חנה מלאָטעק און מלכה גאָטליב. פאָרוואָרט פון אליעזר וויזעל. אַרויסגעגעבן פון ביל־דונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. ענגלישע איבערזעצונגען פון ראזלין ברעזניק־פּערי. אילוסטרירט פון צירל וואַלעצקי. מיט נאָטן צו זינגען.

THE HOLOCAUST *In Yiddish Literature, by* ELIAS SCHULMAN, pulished by the Education Department of the Workme n's Circle.

---

## צוויי נייע ביכער
## פון יהודה עלבערג

**„קלמן קאַליקעס אימפּעריע"**
ראָמאַן, 472 זייטן
פּרייז 15.00 דאָלער

**„אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש"**
ראָמאַן, 179 זייטן
פּרייז: האַרטער איינבונד $10.00
ווייכער איינבונד $ 8.00

צו באַשטעלן ביי:

YEHUDA ELBERG
1746 Cedar Ave. #608
Montreal, Que. H3G 1A7
Canada

---

## פערנאַנדאָ כענאָ ליטעראַטור פּרעמיע פּאַררופט קאָנקורס פאַרן יאָר 1983

די קולטור־קאָמיטעט ביים ידישן צענטראַל־קמיטעט אין מעקסיקע, וואָס פירט אָן די ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון פערנאַנדאָ כענאָ און וואָס וועט אויסגעטיילט ווערן שוין צום אַכטן מאָל אין חורש מערץ פון יאָר 1984 (פאַרן יאָר 1983) ווענדט זיך מיט דעם פאָלגנדן רוף צו אַלע ידישע, העברעישע און ידיש־שפּאַנישע שרייבער פון דער גאַנצער וועלט:

אַלע די וואָס ווילן אָנטיילנעמען אין יערלעכן קאָנקורס (פאַר 1983) פון דער פּרעמיע דאַרפן צושיקן צוויי עקזעמפּלאַרן פון זייערע געדרוקטע ווערק אין ידיש, עברית, אָדער שפּאַניש, צו דער קולטור־קאָמיסיע ביים ידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע. אין חודש מערץ, 1984, וועלן אויסגעטיילט ווערן די 3 פּרעמיעס צו מחברים פון 3 ביכער אין די אויבנדערמאָנטע שפּראַכן. יעדע פּרעמיע באַטרעפט אַ סומע פון טויזנט דאָלער.

ביים שיקן די געדרוקטע ווערק, ווילן מיר בעטן אַלע מחברים, אַז זיי זאָלן נעמען די אַכט די פאָלגנדע תקנות פון ליטעראַטור־פאָנד:

א) די געדרוקטע ביכער דאַרפן האָבן אויף זייערע שער־בלעטער די דאַטע פון זייער דערשיינען אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר צייט, ד"ה, 1982 און 1983.

ב) ביכער וואָס זיינען שוין פּרעמירט געוואָרן דורך אַנדערע ליטעראַטור־פאָנדן קענען ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט.

ג) דער טערמין פון צושיקן ביכער, צו צוויי עקזעמפּלאַרן אומבאַדינגט, ענדיקט זיך דעם 31טן דעצעמבער 1983.

אַלע ביכער דאַרפן געשיקט ווערן אויפן פאָלגנדן אַדרעס:

COMITE CENTRAL ISRAELITA
*Fondo Literario Fernando Jeno*
Acapulco 70 Desp. 503
MEXICO 7, D.F.C.P. 06700
מיט אַכטונג,

**קולטור־קאָמיסיע ביים ידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע:**
סערכיאָ נודעלשטעכער, פאָרזיצער
חיים לאַזדייסקי, סעקרעטאַר

# לזכר עולם

## תנחום בריים ע״ה



1885 — 1983

מיטוואָך, דעם 22טן יולי, 1983, איז אין דער היים פֿאַר עלטערע אין דער „וועלי״ אויסגעגאַנגען אונדזער גוטער פריינד תנחום בריים. דאָנערשטיק, דעם 23טן יולי איז געווען די לוויה. ער איז באַגלייט געוואָרן צו זיין אייביקער רו פון אַ גרופּע נאָענטע פריינד און געזעגנט האָבן אים מיט קורצע און געפילפולע ווערטער די פריינד נאָדעלמאַן, זלמן שלאָסער און ס. גוטקעוויטש. אויך דער ראַביי פון דער היים האָט מספיד געווען מיט אַ פּאָר רירנדע ווערטער. די רעדנער האָבן אונטערגעשטראָכן די קאָלירפולקייט פון דער תנחום בריים פערזענלעכקייט און זיין איבערגעגעבנקייט און צוגעבונדנקייט צו דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, וועלכע ער האָט געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט.

תנחום בריים איז געבוירן געוואָרן אין דער יידישער וועבער־שטאָט לאָדזש מיט 98 יאָר צוריק. פון זיינע ייִנגסטע יאָרן האָט ער זיך באַהאָפטן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון „בונד״ און אין די יאָרן איז ער פּאָפּולער געוואָרן ווי אַ בויער פון באַריקאַדן און מוטיקער אָנפירער פון שטורמישע דעמאָנסטראַציעס קעגן די קאָזאַקן און רוסישע מיליטערישע אָפּטיילונגען. מען האָט אים גערופן „תנחום פון די באַריקאַדן״...

אַ הויכגעוויקסיקער, אַ געזונטער, אַ דרייסטער, האָט ער צוגעגעבן מוט די באַריקאַדן־קעמפער. ווען די פּאָליציי איז געפאַלן אויף זיינע שפורן, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן און געשפּילט אַ „קאַץ און מויז שפּיל״ מיט זיי. צום סוף איז ער אַנטלאָפן קיין וואַרשע און דאָרטן זיך אויסגעמישט מיט די טויזנטער יידישע פרייהייטס קעמפער.

די רעוואָלוציאָנערע טעג אין וואַרשע האָבן זיך אויך געענדיקט און תנחום בריים האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן פערזענלעך מיט י. ל. פּרצן און אויך צו לייענען פּרצעס שאַפונגען און צו הערן אים ריידן. צו הערן פּרצן און שפּעטער פערזענלעך זיך טרעפן מיט אים, האָבן אויף דעם יונגן רעוואָלוציאָנער געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

יעדעס מאָל ווען תנחום בריים פלעגט דערמאָנען זיינע „וואַרשעווער טעג״ און די באַגעגענישן מיט פּרצן, האָט ער געהאַט טרערן אין די אויגן. איך מעג זאָגן, אַז יענע טעג זיינען פאַרבליבן ביי תנחום בריימען ווי די הייליקסטע אין זיין לעבן.

דעם שרייבער פון די שורות זיינען נישט באַקאַנט די אומשטענדן ביי וועלכע תנחום בריים איז אַביסל פאַרמעגלעך געוואָרן. ער האָט אָבער זייער ווייניק אַליין גענאָסן דערפון. ער פלעגט זיך טיילן מיט נויטליידנדיקע קראַנקע און אויך יידישע אינסטיטוציעס. ער פלעגט זיך איינקויפן ביכער צום לייענען, איז געווען פאַרטאָן מיט דער ליטעראַטור פון ניינצנטן יאָרהונדערט, מיט די איבערזעצונגען פון וויקטאָר הוגאָ, עמיל זאָלאַ, אָזשעשקאָ און פאַרשטייט זיך מיט די יידישע שרייבערס און פּאָעטן מיט וועמען ער האָט געזוכט באַקאַנטשאַפט. ער איז און מיט רעכט פאַררעכנט געוואָרן ווי

# שלושים נאָך תנחום בריס ע״ה

דינסטיק, דעם 23טן אויגוסט, 2 אַזייגער נאָך מיטאָג, האָט דער יידישער קולטור קלוב איינגעאָרדנט די שלושים פון איר לאַנגיעריקן אַקטיוון מיטגליד תנחום בריס, וועלכער איז נפטר געוואָרן דעם 19טן יולי, 1983, אין טיפן עלטער פון 98 יאָר.

שלמה צוקערמאַן, וויצע־פּאַרזיצער פון קולטור קלוב עפנט די פאַרזאַמלונג און דערציילט פון זיין צוזאַמענאַרבעט מיט דעם נפטר פאַר די לעצטע פערציק יאָר. ער באַצייכנט אים ווי אַ מענטש פון מעשים, אַ מעצענאַט, וואָס האָט געשטיצט מיט גרעסערע סומעס געלט פאַרשידענע יידישע קולטור פּראָיעקטן און געהאָלפן יידישע שרייבערס אַרויסצוגעבן זייערע ביכער. ער איז געווען אַן איידעלער באַשיידענער מענטש מיט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר. אַלע זיינע יאָרן האָט ער אויסגעמיטן פירסום און געוויכט פון כבוד.

נתן גוראָוויטש, פאַרזיצער פון אַרבעטער רינג דיסטריקט קאָמיטעט און מיטגליד פון דירעקטאָרן ראַט פון דער היגער יידישער פעדעראַציע, דריקט אויס זיין טיפן באַדויער וואָס טייל אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע ער פלעגט זיין אַקטיוו, האָבן נישט געפונען פאַר נייטיק זיך צו באַטייליקן אין די שלושים. תנחום בריס האָט געהערט צו אַן אויסערגעוויינטלעכן דור פון ראָמאַנטישן יידישן סאָציאַליזם. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַן אַקטיווער בונדיסט און געקעמפט פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק פון יענער צייט.

סימאָר ניידלמאַן, זון פון באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער משה נודעלמאַן און אינטימער פריינד פון תנחום בריס, דערציילט עפּיזאָדן פון דער פריינדשאַפט צווישן די צוויי משפחות, בריס און נאָדעלמאַן. נאָך אַלס יינגל פון פינף יאָר איז ער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון תחומס פערזענלעכקייט, זיין פאָלקישע חכמה, זיין גוטסקייט און שטענדיקע גרייטקייט לטובת הכלל. ער פילט זיך פאַריתומט נאָך תנחומס פטירה.

משה נאָדעלמאַן, בריסעס אינטימער פריינד פאַר די לעצטע זעכציק יאָר, גיט איבער אַז צווישן אַלע פּרנסות וואָס בריס האָט אין זיין יוגנט געהאַט, איז ער געווען אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. ערשט ווען ער איז געקומען קיין לאָדזש און געוואָרן אַ וועבער, האָט זיך אָנגעהויבן זיין ניי לעבן און פעיקייט צו אָרגאַניזירן די אָרעמע וועבערס צו קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן.

סערגיי נוטקעוויטש, לעקטאָר און געזעלשאַפטלעכער טוער, פּרובירט צו זען און פאַרשטיין דעם מענטש תנחום בריס אין ליכט פון פּסיכאָלאָגיע. בריס, זאָגט

---

איינער פון די זייער אינטעליגענטע אַרבעטער טוער.

תנחום בריס איז זייער רעספּעקטירט געוואָרן אין אַרבעטער רינג; עטלעכע מאָל געווען אויסגעקליבן אַלס פּאַרזיצער פון ל. א. אַרבעטער רינג און אויך צו די אינסטאַנצן פון היגער קולטור געזעלשאַפט און יידישן קולטור קלוב.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז פריינד בריס פלעגט זיך באַטייליקן אין יעדער קולטור אַקציע און מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט זייערע פאַרלאַנגען. אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך ספּעציעל זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף די אַפּילן פון דער היגער וועלפער פעדעראַציע לטובת ישראל. ער פלעגט מיט פאַרדרוס אָפּט דערמאָנען אַז „זיין בונד„ ווייזט נישט אַרויס געגנוג אינטערעס צו ישראל...

* * * * *

אויף איינע פון די לעצטע קולטור אונטערנעמונגען זיינען אַרויסגעטראָטן אַ טאַטע און אַ טאָכטער, ביי דער פּיאַנאָ. באַלד ווי זייער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט, איז תנחום בריס צוגעקומען צו מיר מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— איך בעט אייך, איר זענט געזעסן נאָענטער צו די מוזיקער, האָט איר בעסער געזען, איז אמת, אַז די פּיאַניסטקע האָט געוויינט בעתן שפּילן שאָפּען?

— יאָ, ס'איז אמת, האָב איך געענטפערט. זי איז אַ זייער סענסיטיווע...

ס. נ.

# קולטור־אָוונט צום איבערגעבן די „ש. ניגער"־פּרעמיע דעם שרייבער און פּעדאַגאָג שואל גוטמאַן

ווי אַלע יאָר ביים איבערגעבן די „ש. ניגער ליטעראַטור־פּרעמיע" האָט דער קולטור־קאָנגרעס דוכגעפירט אַ ספּעציעלן אָוונט זונטיק, דעם 21טן מאַי 1983, צוצוטיילן דעם דאָזיקן יערלעכן ליטעראַטור־פּרייז פאַר 1982 דעם שרייבער, פּעדאַגאָג און געלערנטן שואל גוטמאַן פאַר זיין לעצטן בוך „די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום".

עס האָט דערפנט דער סעקרעטאַר און מיטגליד פון דער זשורי, יעקב פּאַלאַטיצקי, וועלכער האָט איבערגעגעבן שטריכן צום קוריקולום פון פּרעמירטן, די צייטשריפטן אין וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע צאָלרייכע אַרטיקלען און זיינע דערשינענע ביכער. אַ ברייטערע אָפּשאַצונג וועגן די באַהאַנדלטע טעמעס אין פּרעמירטן בוך וועגן דעם געדאַנקענגאַנג פון מחבר האָט געגעבן דער פאָרזיצער פון קולטור־קאָנגרעס, דער רעדאַקטאָר פון „דווקא", מיטגליד פון דער זשורי, שלמה סוסקאָוויטש (דער דריטער מיטגליד פון דער זשורי איז געווען דער שרייבער גרשון סאַפּאָזשניקאָוו). ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ריי אַרבעטן אין די 4 אָפּטיילן פון בוך: אַמעריקע און דער יידישער קיבוץ; ליטעראַטור און דיכטונג; אינטעלעקטואַלן און אידעאָלאָגיעס; די יוגנט און דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר, און האָט זיך באַצויגן צו די אינטערעסאַנטע עסייען אינעם בוך וועגן דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, וועגן דער צוויי קולטורישקייט, קולטור־פּלוראַליזם און דער אויספיר וועגן דער אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום אויפן יסוד פון ד אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען פון אַמעריקאַנער יידישע דענקערס און שרייבערס ווי האָראַס קאַלען, מאָריס ר. קאָהען, מאָריס סעמועל און אַנדערע.

דער רעדנער האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן שואל גוטמאַנס אופן פון שרייבן ליטעראַטור־קריטיק, אָנווייזנדיק אויף די אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען און עסייען וועגן די דיכטערס: אהרן צייטלין, דוד איינהאָרן, א. ליעסין, גלאַטשטיין, אויערבאַך, לעיעלעס, און וועגן ש. ניגערס „טאָג־בוך". פון באַזונדער אינטערעס זיינען די אַרבעטן וועגן דער יידישער יוגנט און דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר, ווו ש. גוטמאַן ברענגט אַרויס אָריגינעלע געדאַנקען און מיינונגען, וואָס זיינען אינטערעסאַנט און באַלערנדיק און קענען דינען ווי אָנרעגנדיקע טעמעס פאַר אַ ברייטן און פאַרטיפטן וויכוח, בפרט מיט אַ גרויסן, אפשר גרעסטן טייל פון די דאָזיקע שטודיעס קען מען זיין איינשטימיק.

דער פאָרזיצער האָט נאָך דעם געלייענט שואל גוטמאַנס צוגעשיקטן רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן צו זיין ווערן אַ בן־שמונים, אונטערן טיטל „דאָס פּערמאַנענטע און פאַרגייאיקע און מיין וועלטבאַנעם". דער פאָרזיצער פון אָוונט האָט אויך איבערגעשיקט די האַרציקסטע ברכות צו ש. גוטמאַנס אַריבערגיין צו גבורות מיט ווונטשן פאַר נאָך אַ סך יאָרן פון פרוכטיקער שעפערישקייט.

דער שיינער קולטור־אָוונט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ קאָנצערט פון יידישע און העברעישע לידער פון דער זינגערין צביה קליין, באַגלייט אויף פּיאַנע פון דבורה רייזמאַן.

(„די פרעסע" מעקסיקאָ)

---

ער, האָט געהאַט אַ קינדעריש פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט פאַרוווּנדערונג און פריידיקע נאַיוויטעט, וואָס מען זעט זעלטן ביי דערוואַקסענע מענטשן. אינערלעך אַ גוטער, האַרציקער מענטש, איז ער אָבער געווען אַ האַרטער קעמפער פאַר פּרינציפּן און מיט אויסנאַמלעכע ענערגיע צו פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן.

הגם אַ בונדיסט זיין גאַנץ לעבן, איז ער אָבער געווען אַ הייסער פּאַטריאָט און שטיצער פון ישראל.

דער גוט־באַקאַנטער זינגער אברהם סלוצקי האָט פאַרענדיקט די פּראָגראַם מיט זינגען עטלעכע פּאַסיקע שטימונגס לידער.

גרשון פרידמאַן

## תיקון טעות

אין שואל גוטמאַנס עסיי: „די יידישע מחשבה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות", געדרוקט אין „חשבון" נומער 101, איז אין אין לעצטן פּאַראַגראַף אויף זייט 24 אַרויסגעפאַלן עטלעכע שורות. דער פּאַראַגראַף דאַרף זיין אַזוי:

„די סצענע וואָס פויכטוואַנגער צייכנט מיט דראַמאַטישן כוח ווען יאָזעפוס (יוסף בן מתיתיהו) זיצט אויף דער אַרענע אין רוים בעת מען פירט פאַרביי די געפאַנגענע יידישע העלדן־זעלאָטן, און ס'קעמפן אין זיין ברוסט צוויי נשמות — די יידישע און רוימישע — קריצט זיך איין טיף אין זיין געמיט. לויט פויכטוואַנגערס קאָנצעפּציע האָט יאָזעפוס געשטרעבט צו שאַפן אַ סינטעז צווישן רוים און ירושלים, צונויפצוגיסן יידישע און רוימישע קולטור־עלעמענטן. אָבער ס'איז אים ניט געלונגען; זיין אויפפאַסונג פאַלט דורך."

## לזכרון יעקב זיפּער־שטערן ז"ל

דאָנערשטיק, דעם 14טן אַפּריל, ראש חודש אייר תשמ"ג, איז אַוועק אין דער אייביקייט דער וווילבאַקאַנטער לערער און שרייבער פון מאָנטרעאַל

### יעקב זיפּער־שטערן ז"ל.

דער נפטר איז געווען אַן אָפטער מיטאַרבעטער פון „חשבון".

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון" דריקן דאָ אויס זייער טיפן מיטגעפיל צו דער פרוי שרהקע זיפּער און צו דער גאַנצער פאַריתומטער משפחה.

GREETINGS FOR THE NEW YEAR

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street

Los Angeles, Ca. 90017

Tel. MA 8-4216

לשנה טובה תכתבו ותחתמו!

לאָס אַנדזשעלעסער
יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

## באַראַכאָוו-פינסקי עמק צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

עדינה פרידמאַן, קולטור פאַרזיצער
גמליאל שלאַפמאַן, פרעזידענט
אהרן קאַלאַדני, וויצע פאַרזיצער
מאַקס גאָלדשטיין „ „
מרדכי בן דוד „ „
בערטאַ קאַריק, פינאַנץ סעקרעטאַר
מאַשאַ רובין, קאָרעספ. סעקרעטאַר

## הירשביין-רויזענבלאַט צווייג 359 ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פאַרזיצער
הערי אבראַמס, וויצע-פאַרז.
פנינה אָסמאַן, פינאַנץ סעקר.
בען טאָובער, קאַסירער

## מעדעם-וולאַדעק-ליעסין בר. 443 אַרבעטער רינג

משה נודלמאַן, פאַרזיצער
דוד גאָלדמאַן, סעקרעטאַר

## דרורה צווייג פיאָנערן פרויען

עדינה פרידמאַן, פרעזידענט
בערטאַ קאַריק, פינאַנץ סעקר.
פריידל טראַפּימאָוו, רעק. סעק.
פעי ראַבינאָוויץ, קאָר. סעק.

## וויצמאַן-זאַלצמאַן צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דוד שרגא, פאַרזיצער
און פינאַנץ סעקרעטאַר
הענרי קאַמינס, פראָט. סעקר.
ש. ראָזען, קאַסירער

## שלום עליכם צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

טוביה כ״ץ, פאַרזיצער
דאָרע כ״ץ, רעק. רעקרעטאַר
העלען סילווערמאַן, פינ. סעק.

## בן גוריון - סירקין צווייג ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פרעזידענט
רעי קאַהאַן, פינאַנץ סעקר.
גנענדל באַנטשיק, קאָר. סעק.

## עמנואל רינגלבלום לייען-קרייז

געניאַ קעניגזאַן, פראָט. סעק.
עטל ראָזענבלאַט, פינ. קעקר.

## זיגלבוים אַרב. רינג ברענטש 486

לילקע מייזנער, פאַרזיצערין

## נאַשעלסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין לאָס אַנדזשעלעס

יוסף קאַרן, פרעזידענט

## די נאָווידוואָר סאָסייעטי

ווינטשט אירע מיטגלידער און אַלע ייִדן אַ געזונט און גליקלעך יאָר.
רחל קליינבאָרד, פרעזידענט

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אבראַמס, נחמה און צבי
אייכנטאַל, הערמאַן
אַנדרעס, רחל (דאַלאַס, טעקסאַס)
אָסטראָוו, ראָוז
אָרטענשטיין, פעני

בעקער, ד"ר לואי (פיניקס, אַריזאָנאַ)

בערק, ציליע

ברעסלער, ישראל און משפחה

גאָרנשטיין, לאה און משה
גורעצקי, סילוויאַ
גובקין, ישראל
גיבערמאַן, אסתר
גילדער, שמחה
גילינסקי, ליובע
גליקמאַן, ציליע

דאַום, יצחק

דזשאַריק, בלוומע

הירש, משה

הערבסט, מרים און הערשל

זיגעלבוים, ד"ר אברהם און טעמע

טראָפימאָוו, פריידל

לינזער, דזשוליוס
לאַנג, נעמי
לעבאָוויצקי, דוואָשע און אַהרן
לעווענטאַל, בעבאַ און לי
ליבערמאַן, רבקה און שיינדל

מוסטער, קאַנטאָר אָסקאַר

מייזל, דאָראַ
לזכרון מיין ליבן מאַן מרדכי ע"ה

סאַפּיאַן העלען און שמחה

פּאָליאַק, אסתר און שמואל
פּאַונטיין, דזשין און אוירווינג
פרידמאַן, חיה און גרשון
פעלדרייז, גיטל
פרידמאַן, עדינה

קאָטלער, אַנאַ
קוליק, עטל און חיים

רויטבלום, זהבה און יצחק

שידלער, רגינה און חיים
שטיינבערג, קלאַראַ און יאַנקל

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אבראַמס, העלען און הערי
אַמסטער, ליאַלאַ און לעס
אַמאַן, סאָניע
אַפּטייקער, אסתר
אַסטראָוו, ראָוז

בלושטיין, שרה, נחום און קינדער
באָניען, סטענלי און משפחה
בערמאַן, חוה און הענעך
בערגער, סאָפי

גאָלאָמב, רבקה
גאָלדפּאַרב, לילי און עמנואל
גאָלדמאַן, אַדעל און דוד
גאָרא, מערי און הערי
גאָרנשטיין, פּרומע און דוד
גאָרפּיין, רחל און מאַניע
גלאַזער, חייקע און משה

דאַטשעס, בלענטש און מאַקס

ד״ר דזשאַנעט האַדאַ
הענלי, מאַשע
הערבסט, טשאַרנע, גרשון
און משפּחה

וואַינשעל, חיים — מילוואָקי
וואודס, בנימין און משפחה
וויינשטיין, רחל און אליעזר
וועלטמאַן, פראַניע
אין אָנדענק פון איר מאַן משה מענדל
וויינטרויב, ליליען

זייף, צפורה און אליעזר

טאַובער, סאלי און בעריש
טיילער, ליבע און מאיר
דעזערט האָט ספּרינגס

יוסמאַן, רות

כ״ץ, דאָראַ און טוביה
כהן, אסתר און משה

לאַקריץ, ישראל
לובין, דוד
לעווינסאָן, רעוו. לעאָ און חסיה
ליפּמאַן, ראָזי און שמעון

מאַקסאָן, נחום און שרה
מעלאַמדאָוויטש, פייגל און יצחק
(סקאָקי, איל.)
מייפער, ווירא און טשאַרלס

נאַטאַנסאָן, דאָראָטי און לייב
נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי
נודעלמאַן, משה
אין אָנדענק פון מיין פרוי בעקי
ניומאַן, אידיט

סטענזאָר, גיטל און איזידאָר
סלוצקי, רחל און מענדל
סלוצקי, אברהם און משפחה
סאָפּיאַן, פעי
סיגל, סאָפי
סילבער, אַדעל און יצחק
סגל, מנוחה און אָשר

עטינגער, פריידל און משה
אַ גוט, געזונט און שעפעריש יאָר

פּינסקי, אהרן
פּיטערס, דזשין און אירווינג
ד״ר פּישער, בערנאַרד און ליסאַלעט
פעלדרייז, גיטל
פּריזענט, פעני און סאָל (פּיטסבורג)
אַ גוט געזונט יאָר צו אַלע ל. א. פריינד
פיינבלאַט, מאַרטין און משפחה
פרידמאַן, שרה און משה
סאַוטפילד, מיש.

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

**פעלנער-מאַראַקאַ, פייגע און משה**

**פרידמאַן, וויליאַם**
אַ גוט יאָר צו מיינע קינדער און פריינד

**ד״ר י. ב. פישמאַן, און בעטי**

**צוקערמאַן, טשאַרלס**

**קויל, אסתר און יעקב** (ניו-יאָרק)
**ד״ר קאַרל שוגער**
**קאָהען, א. נ. און מאַלי**
**קאַטלער, אַנאַ**
**קאַוואַנעט, רבקה און מלך**
**קאַפּלאַן, משה**
**קעניגזאַן, געניאַ**
**קאַלאַדני, סילוויאַ און אהרן**
**קאַרין, בערטאַ און נאַרמאַן**

**ראַזען, סיימאַן**
לזכרון מיין טאָכטער אסתר ע״ה

**שקליאַר דבורה און משה**
**שלאָסער, נעכע און זלמן**
**שרגא, דוד**
**שטשוטשינסקי, אַשר**
**שנור, פייגע און יוסף**
**שטיינמאַן, סאַבינאַ און נייטן**
**שאַפּיראָ, באַשקע**
**שוואַרץ, דאָראַ**
**שייפער, יעקב**
אין אָנדענק פון מיין פרוי ליובאַ ע״ה
**שאַ, ד״ר מעני און מלכה**
**שייפער, גילדע און טשאַרלי**
**שאָר, מינאַ און לואי** (ברוקלין)

**ווייס, פלאָראַ און שמואל**

מיר ווינטשן אונדזער פאָלק מער אחדות, שלום אויף דער וועלט און דעם „חשבון" לאַנגע יאָרן.

---

**פאַכט, רחל**

אין אָנדענק פון מיין מאַן דעם שרייבער, אהרן פאַכט

---

**טעמפּער, פערל**

לשנה טובה צו אַלע מיינע חברים און גוטע פריינד.

---

**סעידי פינקלשטיין**

צום נייעם יאָר ווינטש איך אונדזער חשובן זשורנאַל "חשבון" אַ סך יאָרן לטובת דאָס יידישע וואָרט.

---

**קעניגזאָן, געניאַ**

לשנה טובה צו מיין משפחה, צו מיינע פריינד דאָ און אין מדינת ישראל, זאָל זיין שלום אויף דער וועלט.

---

**סאַלעס, רבקה און זאב**

לכבוד ראש השנה ווינטשן מיר אונ-דזערע פריינד בכל מקום שהם און חברים אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ גוט געבענטשט יאָר.

---

**קאַרבמאַן, אברהם און פרוי**

ווינטשן אונדזערע פריינד און אַלע יידן אַ גוט יאָר.

---

**וואַנאַמייקער, באַשע**
**און רחל סלאַבאַדקין**

אַ געזונט יאָר צו אַלע חברים און שלום אויף דער וועלט.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

נתן און לודמילאַ גערעוויטש

---

דייטש, רחל און אלימלך

---

יודזשין ווייס

---

שרה און שמחה ליינער און משפחה

---

לעוויטאַן, הערי
אין אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכער פרוי
אסתר מלכה לעוויטאַן

---

סימע קאַרפּ (קאָזלאָווסקי)
אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע יידן איבער דער וועלט

---

ציליע און שלמה צוקערמאַן

---

קאַפּלאַן, רחל און דוד

---

שאַרף, עלסי און לאַרי

---

עלבערג, שיינדל און יהודה
מאָנטרעאַל

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

## די יידישע חבורה פון פאַסיפיק פּאַליסיידס

ווינטשט אַלע יידן אַ גוטן און געזונטן יאָר און שלום אויף דער וועלט

## לעווין, רעגינאַ און דזשעק

## לישינסקי, מעלוואַ און שלמה

## אייזנמאַן, רבקה און משפחה

בעסטע וואונטשן פאַר אַ יאָר פון שלום אין ישראל און אין דער וועלט

## דייטש, רחל און אלימלך

## מנחם קאַרסאַן

## חנה רוהמאַן

## בענסאַן שעיפער און משפחה

פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

## גלעדים טויבעס

לשנה טובה, אַ גוט יאָר פאַר מיינע קינדער און פריינד איבער דער וועלט.

## שלאָפמאַן, ליבאַ און גמליאל

אַ געזונט און גליקלעך יאָר צו אַלע פריינד און שלום אויף דער וועלט

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

## פעני און יאַנקל אַנדזשעליק (אַנגעלטשוק) פראַנקרייך

אונדזערע טייערע לאַנדסלייט: חיהלע און גרשון פרידמאַן
אונדזערע טייערע פריינד: רחל און מענדל סלוצקי
אונדזערע ברכות פאַר אַ געזונט, גליקלעך יאָר. זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין און אייער אָנשטרענגונג אויפצוהאַלטן דעם קיום און דער יידישער קולטור.

---

## יוסף פּאַרטער

צו מיין פריינדין פראַניע וועלטמאַן, צו די שלאָסערס, די נוטקעוויטשעס, צו משה נודלמאַן און אַלע פריינד שיק איך מיינע ברכות צום נייעם יאָר.

---

## חיים פּלאָטקין — ניו־יאָרק

דער רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון" לאַנגע געזונטע יאָרן.

---

## מאַלי און אילאַי ניומאַן

---

## דייטש, סעמיועל און לוסי

---

## סעידי פינקלשטיין

צום נייעם יאָר ווינטש איך אונדזער חשובן זשורנאַל "חשבון" אַ סך יאָרן לטובת דאָס יידישע וואָרט.

---

## דייטש, סעמיועל און לוסי (שיקאַגאָ)

---

## הירש, טאָני, ארי און אילאַי

---

## בורשטיין, ד"ר הערשל און משפחה

---

## לאָטי מלאך קריימער